STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09786

DOS BUKH FUN BLETER

Abraham Coralnik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. א. קאָראַלניק

דאָס בוך פון בלעטער

ערשטער טייל

פאַרלאַג „אחיספר“
ביי געז. „צענטראַל“
װאַרשע, נאַװאַליפּקי 7.

Copyright by M. Monossowitsch S. Sreberk New-York 1928

Printed in Poland.
Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

	זייט
סאָקראַטעס	5
פּלאַטאָן	16
עמנואל קאַנט	29
פרידריק ניצשע	37
הערבערט ספּענסער	52
ווילהעלם ווונדט	60
פּאַאולוס	73
ניקאָלאַי מאַקיאַוועלי	86
דזשאָרדאַנאָ ברונאָ	99
מאָליער	110
דאַנטע	117
לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי	123
לודוויק וואַן בעטהאָווען	139
פראַנסוא וואלטער	152
ערנסט רענאַן	164
אַנאַטאָל פראַנס	171
ראָמען ראָלאַן	179
אָקטאַוו מירבא	185
זשאָרזש דעפּאַרטאַ-ריש	192
אַרטור מייער	200
מעטערלינק	206
עמיל ווערהאַרן	212
מאָריס באַרעס	218
קלאָד מאָנע	225
דזשאָזעף קאָנראַד	233

סאָקראַטעס.

I.

אין דער קלייט פון סימאָן דעם לעדער-הענדלער, אויף איינער פון די הויפּטגאַסן פון אַטען, איז געווען שטיל און רויק. אַ הייסער זומערטאָג, אַרום צוויי אַ זייגער בייטאָג. די גאַס איז געווען ליידיק, נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ האַלב־נאַקעטער וואַסערטרעגער מיט אַ קריגל וואַסער אויפן קאָפּ און האָט אויסגעשריען מיט אַ מיד, פּאַנפּעדיק קול: „הידאָר, הידאָר! — וואַסער, וואַסער. ווער וויל אַ פרישן, קילן טרונק וואַסער?” פון אַ קראָם, פון אַ הויז האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ, — אַ פאַרשוויצטער, אַ בלייכער אָרעם האָט צוגעוווּנקען — און אויף אַ ווייל איז דער וואַסערטרעגער פאַרשוווּנדן ערגעץ אונטער אַ דאַך — און באַלד ווידער באַוויזן זיך אויף דער גאַס — מיט זיינע קריגלעך.

אין דער קראָם פון סימאָן איז געווען קיל. אַראָפּגעלאָזט די לאָדנס, פאַרמאַכט די טיר. סימאָן איז האַלב געלעגן אויף א באַנק הינטער דעם גרויסן טיש, ווו עס זענען געווען אויסגעלייגט פריש צו־געשניטענע שטיקלעך לעדער, און האַלב געדרעמלט. לעבן אים, אויף דער ערד, איז געלעגן אַ טאָוועלע, באַדעקט מיט וואקס און אַ גריפל. סימאָן האָט געהאַלטן אין שרייבן — און איז פון היץ און מידקייט כמעט אַנטשלאָפן געוואָרן. זיין פנים האָט געשמייכלט — און האַלב פון שלאָף האָט ער געחזרט: „חכמה — וואָס איז חכמה? און ווען מען דאַרף מאַכן אַ שטיקל לעדער — צו וועמען גייט מען — צו אַ קאָוואַל אָדער צו אַ שוסטער — האַ, סימאָן? אַ, גוט, אַ, גוט”.

ער האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט פון דעם דרעמל. ער האָט דערהערט טריט אין דער קראָם. „ווער איז עס דאָרט — אַ קונה?“

„ניין, דאָס בין איך, אַ גאָט העלף, מייסטער סימאָן, דאָס בין איך — עוּטידעאָס, דער זון פון אַניטאָס.“

„אַניטאָסעס זון? וואָס טוסטו עפּעס ביי מיר? האָט דיך דיין טאַטע געשיקט מיט סחורה? אָדער אפשר וויל ער, דער רייכער לעדערוואַרגער, גאָר אויסקויפן די סחורה פון אַלע קליינע קרעמלעך, ווי איך? הע, יונגערמאַן? וואָס ווילסטו?“

דער יונגערמאַן, אַ שיינער און שלאַנקער יינגל פון אַ יאָר אַכצן, מיט געדיכטע, שוואַרצע לאָקן און ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן, האָט זיך פאַררויטלט.

„ניין, סימאָן, איך קום נישט פון טאַטן. ער ווייסט גאָרנישט, אַז איך בין צו דיר געגאַנגען. ער טאָר נישט וויסן. עס האָט נישט וואָס צו טאָן מיט לעדער. אָבער מען רעדט אין שטאָט, אַז ביי דיר אין קראָם קומען זיך צונויף אָפט אָט די סאָפיסטן — און מיט זיי, ער אַליין — אַזוי האָט מען נעכטן גערעדט ביי אונדז אין שטוב. — זיי זאָגן, ער איז שעדלעך, ער פאַרדאַרבט יונגעלייט — פאַרפירט זיי — איך וואָלט געוואָלט...“

„כאַ, כאַ, עוּטידעאָס מיינער, קוק אים אָן, אַזאַ יונג צופּהלע — וויל שוין אויך פאַרפירט ווערן? הייסט עס, דיין פאָטער און מיין רייכער קאָנקורענט אַניטאָס איז ברוגז אויף אים? האַ? ער האָט מורא פאַר אים? און דו ווילסט אים זען?“

„יאָ, איך גיי אויס, אָבער איך האָב מורא, טאָמער וועט מיך עמעצער דערזען?“ „דער טאַטע? האַ, ער וועט נעמען דעם לעדערנעם רימען?“ עוּטידעאָס איז געוואָרן נאָך רויטער און האָט אָנגעבלאָזן האַלב־קינדיש די באַקן: „ניין, מיין טאַטע שלאָגט מיך שוין נישט. איך בין שוין אַ גרויסער. אָבער איך וויל נישט, אַז מען זאָל מיך זען דאָ. איך וויל ווערן אַ שטאַטסמאַן — און אויף אים זאָגט מען, אַז ער האַלט נישט מיט דער דעמאָקראַטיע“. „אַזוי, מען זאָגט אויף אים? מילאַ, האָסטו, הייסט עס, מורא פאַר דעם דעמאָס, דעם פאָלק, ביזט נישט דער איינציקער. נישט איינער פון די אַזויגערופענע פּאָליטיקער האָט זיך שוין אָפּגעבריט ביי אונדזער סאָקראַטעסן. ער איז אַ מזיק, ער צעקלאַפּט זיי און מאַכט זיי אויסצודרייען. וואָס זשע ווילסטו פאָרט יונגערמאַן?“ „איך וויל אים זען, איך וויל אים

זען...״ „און קיינער זאָל דיך נישט זען?״ „יאָ, יאָ, טו אַ טובֿה.״ „גוט. ווייל דו ביזט פאַרט דער זון פון אַ פּאַכגענאָסן — מהיכי תּיתי. ווען זיי וועלן קומען — אויב זיי וועלן בכלל קומען — קאָנסטו זיך באַהאַלטן דאָרט הינטער די פעלן, וואָס הענגען איבער דער טיר. דער ריח איז נישט קיין זייער געשמאַקער, ערגער פון פּערסישע פּאַרפיומען און אפילו פון קנאָבל — אָבער דו ביזט דאָך עפּעס אַ לעדערוואַרגערס אַ זון — דאַרפסטו זיין געוויינט צו דעם ריח.״

„אַ דאַנק, אַ דאַנק, סימאָן, אָבער זאָגט מיר דערווייל, ווי זעט ער אויס? ווער איז ער? פאַרוואָס גייען אים נאָך אַלע יונגעלייט, און פאַרוואָס האָט אים מיין טאַטע אַזוי פיינט? וואָס זאָגט ער? וואָס?״

„וואַרט אויס, נישט אַזוי היציק, און נישט אַלצדינג אויף איין פוס. ווער ער איז — דו ווייסט דאָך אַליין: ער איז סאָקראַטעס, דער זון פון דעם סקולפּטאָר סאָפראָניסקאָס און דער הייבאַם פראַנאַרעטע פון דעם דאָרף אַלאָפּעקע, דו ווייסט דאָך, דאָס דאָרף ביי דער שטאָדט, אַ לאַנדסמאַן פון דעם באַרימטן אַריסטידעס, דעם „גערעכטן״ ער איז שוין אַן אַלטינקער — שוין באַלד, באַלד זיבעציק יאָר. אָבער מען זעט עס נישט אויף אים. העסלעך איז ער, ווי אַ ליך, וואָס שפּילט אין טעאַטער, אָנגעטאָן אין אַ מאַסקע — האָסטו געזען? — ניין, דו ביזט צו יונג, דו האָסט זיכער נישט געזען — אָבער אין טעאַטער שפּילט מען אַריסטאָפאַנס אַ קאָמעדיע „די וואָלקן״. דאָרט טוט זיך אָן אַן אַקטיאָר די מאַסקע פון סאָקראַטעס — און מאַכט אים נאָך. און איך מוז זאָגן — ער מאַכט עס ממזריש, אָט דער אַריסטאָפאַן. אַ ליך, זאָג איך דיר, מען קאָן זיך האַלטן ביי די זייטן. סאָקראַטעס אַליין האָט אַזויפיל געלאַכט, ווען ער האָט זיך געזען אין דעם טעאַטער: אַ פליך איבערן גאַנצן קאָפּ, אַ קורצער, אַ נאָז, ווי אַ קנעפּל, אויגן, וואָס סטאַרטשען אַרויס ווי לאַמטערנעס, אָנגעטאָן אין אַ לעכערדיקן מאַנטל, אַ באָרוועסער, ממש ווי אַ סילען, אָט דער וואַלד־גאָט מיט דעם פייפעלע, דער וואַלד־טייוול מיט אַ ציגן־פוס. ער איז אויפן ערשטן קוק אַזוי לעכערלעך, אַזוי גראָב, אַז דער באַוווסטער פיזיאָגנאָמיע־לעזער צאָפּירוס האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער זעט אויף זיין פּנים סימנים פון טעמפּקייט און גראָבע תּאוות. איך האָב אַליין געהערט סאָקראַטעסן דערמאָנען די ווערטער פון צאָפּירוסן

און ער האָט מיט אים מסכּים געווען: „ער איז גערעכט", האָט ער געזאָגט, „איך האָב טאַקע אין מיר דידאַזיקע אייגנשאַפטן, אָבער מיין גאַנץ לעבן פיר איך אַ מלחמה אַקעגן דעם, אַנטקעגן מיין שטומפּקייט, שאַרפנדיק דעם שכל און אַקעגן מיינע תּאוות — איך האַלט זיי אין אייזערנע קייטן."

„ער איז העסלעך — אָבער דאָ אין קלייט האָט אַמאָל אַלקי־ביאַדעס, דער שיינער אַלקיביאַדעס, וואָס סאָקראַטעס האָט אים אַזוי ליב — געזאָגט וועגן אים: ער איז ווי די סטאַטוע פון אַ סילען — העס־לעך און לעכערלעך. צענעמט איר אָבער דאָס בילד, צעהאַקט אים — באַווייזט זיך אַ וווּנדערשיינע, אין פּראַכט־שטראַלנדיקע סטאַטוע פון אַ גאָט!"

„ער איז אַ קינסטלער, סאָקראַטעס, פּונקט ווי זיין פאָטער סאָפראָניסקאָס איז געווען אַ סקולפּטאָר. האָסטו אַמאָל געזען אויף דעם אַקראָפּאָליס אַ גרופּע פון דריי כאַריטן, שיינע, מאַרמאָרנע מייד־לעך, אַזוי פיין, אַזוי איידל, מיט אַזאַ פאַרכּישופדיקן שמייכל — דאָס איז זיין אַרבעט. אָבער ער אַרבעט נישט. זיין ווייב, נעבעך, די אָרעמע קסאַנטיפּע, ווייַנט מיר אָפּ דעם קאָפּ. איר אַלטער, קלאָגט זי, טוט גאָרנישט. גייט אַרום גאַנצע טעג שלינג און שלאַנג, בעבעט, האַלט אין איין דערציילן בבא־מעשׂיות, גייט אַרום מיט יונגע בחורים, דרייט זיי אַ קאָפּ מיט פּוסטע שמועסן, און אינגדערהיים זענען דאָ דריי קינדערלעך — און טאָמער פעלן נאָך עסערס, האָט ער זיך נאָך אַריינגענומען אין שטוב אַריין אַריסטידס אַ טאָכטער, מירטאָ, אַ יונגע אַלמנה — און די שטאָט רעדט; עס טראָגן זיך פּליאָטקעס איבער אַטען. וואָס זי טעהנהט נישט מיט אים, זאָגט זי, וואָס זי בעט זיך נישט ביי אים: ביזט, קיין עין הרע, אין די יאָרן, אָט, אָט ווערסטו שוין זיבעציק. ווער אַ מענטש, ווי אַנדערע, טו עפּעס, פאַרדין, פאַר־זאָרג דיינע קינדער. רעדט צו דער וואַנט! ער שווייגט און שמייכלט. אין אויב ער רעדט יאָ אַמאָל — איז ווידער מיט משלים און גלייכ־ווערטלעך. עס איז אַ רחמנות אויף קסאַנטיפּען — ווי קומט זי צו זיין דאָס ווייב טאָקראַטעסן? און בכלל, וואָס האָט סאָקראַטעס באַדאַרפט חתונה האָבן? כ'האָב אים אַמאָל געהערט ענטפערן אַ יונגנמאַן אויף דער פראַגע, וואָס איז בעסער: חתונה צו האָבן, צי בלייבן אַ בחור? „מען האָט חרטה אויף ביידע". אוי, ווי ער רעדט! — אָט זעסטו דאָס טאָוועלע, וואָס ליגט דאָ? דאָ פאַרשרייב איך יעדעס וואָרט, וואָס

איך הער פֿון אים, ווען ער קומט אַריין אין קלייט און שטעלט זיך אַנידער רעדן — און מיט וועמען און ווען ער רעדט עס נישט? ער לאָזט דאָך ממש קיינעם נישט פֿאַרביי; מיט יעדן באַזונדער געפֿינט ער איבער וואָס צו רעדן. צי איז עס אַ שוסטער, צי אַ דראַטווע־מאַכער, צי אַ וואַסערטרעגער אָדער אַ רעדער־מאַכער, ער דערפֿרעגט זיך ביי זיי, ווי אַזוי זיי אַרבעטן, צוליב וואָס, פֿאַרוואָס? ער פּלפּולט זיך, ער גיט זיי עצות, דערציילט זיי מעשיות, און אָפּט גייען זיי אַוועק, ווי צעמישטע — איך האָב שוין נישט איין קונה פֿאַרלוירן צוליב אים. אָבער עס איז כּדאַי. אוי, ווי ער רעדט! און זאָלסטו הערן, ווי ער רעדט מיט די גרויסע, די אָנגעבלאָזענע, די רייכע, די געלערנטע — אַט די גענעראַלן און די שטאָט־פֿאָטערס, די געפּוצטע פּראָפֿעסאָרן פֿון פֿילאָזאָפֿיע! ווי ער האָט צעקלאַפּט דעם געלערנטן היפּיאַס און דעם גרויסן פּראָדיקאָס און פּראָטאַגאָראַס — די סאָפֿיסטן און ניקיאַם, דעם גרויסן אַריסטאָקראַט און לאַכעס, דעם גענעראַל און טאַקע דיין אייגענעם פֿאָטער אַניטאָס! קיינער קאָן אים נישט בייקומען. ערשטנס, ווייסט ער אַלצדינג. ער האָט דאָך געלערנט מער פֿון זיי אַלע, כאָטש ער ווייזט עס נישט און מאַכט זיך כּלומרשט פֿאַר אַן עם־הארץ. אָט אַזוי איז זיין דרך: לכתּחילה שטעלט ער אָן אַזאַ פֿאָר פֿרומע, אומשולדיקע אויגן, מאַכט אַ פּנים, גלייך ווי ער איז אַ דאָרפֿס־פּויער, נאָר וואָס געקומען אין שטאָט אַריין. ער, וואָס איז געווען דריי מאָל אין דער מלחמה, האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט ביי דעליאָן, געווען אַ צייט לאַנג אַ מיטגליד פֿון דעם אויבערשטן ראַט אין אַטען און אפילו איין טאָג דער פּרעזידענט — ער מאַכט זיך אַזוי תּמעוואַטע, גלייך ווי ער קאָן קיין צוויי נישט ציילן — הייבט אָן אויסצופֿרעגן, רעדט צום צווייטן און צום דריטן — און ווען דער אַנדערער האָט זיך שוין אָנגערעדט און אויסגערעדט — הייבט סאָקראַטעס ערשט אָן צו שטעלן קשיות: „וואָס האסטו געמיינט מיט דעם און וואָס מיט יענעם?" — און מאַכט פֿון אים אויסצודרייען. „איך האָב עס גע־ירשנט פֿון מיין מאַמען, דער באָבען", האָט ער אַמאָל געזאָגט מיט אַ געלעכטער. „איך העלף דעם געדאַנק געבוירן ווערן". די „הייבאַם־קונסט" רופֿט ער אָן זיין אופֿן פֿון חקירהן. — מיר, זיינע תּלמידים, רופֿן עס אָן „דיאַלעקטיק", וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעכע קונסט עס דאָס איז! אָט איז אַ וואָרט, אַ זאַך, אַ באַגריף, אַ געדאַנק. דאַכט זיך אַזוי קלאָר, אַזוי סאָליד, למשל:

וואָס איז דאָס „מוט" — פרעגט ער אַמאָל ביי לאַכעסן. נו, לאַכעס איז אַליין אַ גענעראַל, מוטיק, בראַוו, און לאַכעס ענטפערט: אַ מוטיקער מענטש איז דער, וואָס אַנטלויפט נישט פאַר דעם שונא. נאָר וואַרט אויף אים, כדי זיך מיט אים צו שלאָגן. ניקיאַס גיט אַן אַנדער דערקלערונג: מוט, זאָגט ער, איז וויסן, וואָס איז מסוכן און וואָס איז זיכער. סאָקראַטעס נעמט זייערע דערקלערונגען, צעפּליקט זיי, ווי פעדערן, צערייסט זיי אויף שטיקלעך, ווייזט ווי שוואַך, ווי ליידיק, ווי אָרעם זיי זענען, און ביידע, לאַכעס און ניקיאַס, מוזן מודה זיין, אַז סאָקראַטעס איז גערעכט. מיינסטו אָבער, אַז סאָקראַטעס האָט געזאגט זיין מיינונג? ער האט נישט געוואָלט. ער האט געזאָגט: זאָלן זיי אַליין טראַכטן. נישט איינער האָט זיך שוין געקלאָגט אויף אים. דער גוטער מענאָן, טראַזימאַכאָס, אַ סך אַנדערע האָבן פאַריבל געהאַט. „ער וואַרפט בלויז אַריין ספקות אין די נשמות, מאַכט חוזק, איז איראָניש, האָט נישט קיין אייגענע מיינונגען אָדער וויל זיי נישט אַרויסזאָגן".

„אָבער עס איז אַ נאַרישקייט! סאָקראַטעס האָט נישט קיין אייגענע מיינונג! ער, וואָס איז, ווי דער דעלפישער אָראַקל האָט אים אָנגערופן — דער קליגסטער פון אַלע מענטשן, ער, דער אויפריכטיקסטער, דער ערלעכסטער זוכער און פאָרשער, דער איינציקער פילאָזאָף — ער האָט נישט קיין מיינונג! געוויס, איך בין בלויז סימאָן און האַנדל מיט לעדער, איך בין נישט קיין פּראָפעסאָר פון אַלע וויסנשאַפטן, ווי דער גרויסער סאָפיסט היפּיאַס, וואָס האט טענות צום מייסטער, אָבער איינס ווייס איך, אַז כדי צו קאָנען פאַרשטיין סאָקראַטעסעס אמתע מיינונגען, דאַרף מען זיין, ווי ער: אַ ריינער זוכער פון דעם אמת, אָן שום זייטיקע כוונות, אָן שום אַמביציעס — בלויז אמת.

„אָבער וואַרט, אט הער איך זייערע שטימען, זיי קומען — סאָקראַטעס און סעראַפּיאָן, דער דאַרער, סאָקראַטעסעס הייסעסטער חסיד, און קריטיאַס און קריטאָן און ליזיס און דער יונגער אַריסטאָקלעס, וואָס זיי רופן אָן פּלאַטאָן דער ברייטשטערנדיקער. באַהאַלט זיך דאָ, מיין פריינט, דאָ הינטער די פעלן — און הער...״

II.

אַן אויסגעטראַכטע סצענע, געוויס — אָבער אפשר נישט מער אויסגעטראַכט, ווי די ווּנדערבאַרע סצענעס, וואָס פּלאַטאָן האָט אונדז געלאָזט בירושה, — די גרויסע, אפשר די גרעסטע פאָרם פון מענטשלעכן אינטעלעקט, — די „דיאַלאָגן" פון פּלאַטאָן. וואָרים אַלצדינג אַרום סאָקראַטעסן איז פּאָעזיע און לעגענדע. פּאָעזיע פון דער העכסטער מדרגה — פון דעם רייפסטן און רייכסטן מענטשלעכן דענקען — און לעגענדע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס גייט אין טויט פאַר איר אייגנאַרט — און זיגט דורכן טויט — און ווערט אומשטערבלעך — שטאַרבנדיק.

וואָס ווייסן מיר דען פון סאָקראַטעסעס אמתן לעבן און ווירקן און שטאַרבן, אַ חוץ, וואָס זיינע תּלמידים — דער גרויסער פּלאַטאָן און דער קליינער, מיטלמעסיקער קסענאָפאָן דערציילן אונדז — דער ערשטער אין זיינע „דיאַלאָגן", דער צווייטער אין זיינע „ערינערונגען"? עס איז דער אייגענער סאָקראַטעס, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די דאָזיקע צוויי שפּיגלען. אין איינעם — דעם קסענאָפאָנישן — זעען מיר פאַר אונדז אַ געשטאַלט, מער קוריאָז, ווי גרויס. מיר זעען אַ מין גריכישן מוסרניק, אַ מגיד, וואָס גייט אַרום איבער די גאַסן פון אַטען און טשעפּעט זיך צו קליין און גרויס און דערקוטשעט איטלעכן באַזונדער מיט זיינע פראַגן און קלאָץ־קשיות: „וואָס איז דאָס? און וואָס מיינסטו מיט דעם? און ווען איז גוט און ווען איז עס שלעכט?" א. אַז. וו. אַלץ גאַנץ ריכטיקע פראַגן, גאַנץ נייטיקע, אָבער אָפט נודנע. און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין דער אייגענער צייט האָבן געלעבט אַזעלכע ווּנדערבאַרע רייכע גייסטער אין גריכנלאַנד, ווי די דריי גרויסע דראַמאַטורגן — עסכילעס, סאָפאָקלעס און אייריפּידעס, ווי אַריסטאָפאַנעס, טיפע דענקער, ווי אַנאַקסאַגאָראַס, וואָס איז דערגאַנגען צו דער העכסטער אַבסטראַקציע פון „שעפערישן שכל", פון פּאַרמענידעס, דעם געניאַלן דענקער פון „איינס" און פון „זיין" — אָדער גאָר די סאָפיסטן — דער גרויסאַרטיקער פּראָטאַגאָראַס, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן: „דער מענטש איז די מאָס פון אַלצדינג" און אַז „וועגן די געטער קאָן מען גאָרנישט וויסן" — אַ געדאַנק, וואָס דערנענטערט אים צו דעם קריטישן דענקען פון דער נייער פילאָזאָפיע, צו יום — און איבער יום צו

קאַנט, אָדער פּראַדיקאָס, דער מאַטעריאַליסט, אָדער היפּיאַס, דער גריי־ כישער לייבניץ, אַן ענציקלאָפּעדיסט, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם, שפּראַך־ פאָרשער, קינסטלער. פילאָזאָף — ווען מען שטעלט אריין סאָקראַטעסן אין דעמדאָזיקן פּראַכטפולן, פאַרביקן רעמל, פאַרלירט זיין קורצע, צונויפגעקוועטשטע געשטאַלט דעם גאַנצן חן. און מען וווּנדערט זיך בלויז, ווי אזוי האָט אטען געקאָנט פאַרטראָגן אזא נודניק — און פאַרוואָס האָט זי אים גענומען אזוי טראַגיש, אזוי ביטער־ערנסט, אז זי האָט אים געמוזט פאַרמשפּטן צום טויט.

אָבער פּלאַטאָן ווייזט אונדז אַן אנדער שפּיגל. איין דיאַלאָג נאָך דעם צווייטן — איין בילד נאָך דעם אַנדערן — און עס וואַקסט אויס פאַר אונדז אַ וועלט־געשטאַלט, די פיגור פון אַ מענטשן, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע פולקאָמענהייט, אַ מענטשן — וואָס פאַר־ דינט דעם נאָמען, וואָס דער רוימישער ענטוזיאַסט ציצעראָן האָט אים געגעבן: דער פאָטער פון פילאָזאָפיע.

וואָס וויל דער פּלאַטאָנישער סאָקראַטעס? וואָס זוכט ער? וויסן — וויסן פון וואָס? פון דעם, וואָס גייט פאַר אויף דעם הימל, אונטער דער ערד, פון גאָט? ער האָט דאָס אַלצדינג געזוכט, ווען ער איז געווען יונג, און געלערנט און געפאָרשט — ביז ער איז צוגעקומען צו דער גרעסטער פראַגע, וואָס אַ מענטש קאָן זיך שטעלן: וואָס איז דער זין פון דעם לעבן? פון גאָט, קאָנען מיר גאָרנישט וויסן. הימל און ערד — ווו איז די גרענעץ פון דעם וויסן איבער זיי? און האָט שוין דען העראַקליט נישט געזאָגט: „די חושים זענען שלעכטע עדות" און איז נישט יעדער וויסן איבער זאַכן — אַ וויסן דורך און פון די חושים?

ווו איז די לעצטע זיכערקייט, דער פעסטער באַזיס פון אונדזער לעבן? „קען זיך אַליין" — איז געווען אויפגעשריבן אויף דעם טעמפּל פון דעלפי. אן אַלט־גריכישער, אַלוועלטלעכער, אַן אורמענטש־ לעכער געדאַנק. אָבער ווי אזוי קאָן מען קומען צו דעמדאָזיקן „זיך אַליין קענען"? זיך פון זיך באַפרייען — זיך פון זיך אַרויסשיילן— זיך פון זיך אַרויסוויקלען דאָס בעסטע, וואָס איז אין אונדז — ווי אַ פּרי פון איר שאָלעכץ, ווי אַ קינד פון דער מוטערס שויס? און סאָ־ קראַטעס, דער סקולפּטאָר — וואָס האָט, ווי זיין קונסט פאָדערט — געלערנט די נאַקעטקייט פון דעם מענטשן, פאַרטיפט זיך אין דער חכמה פון דעם גוף — האָט זיך דערמאָנט אָן דער קונסט פון זיין

מאָמע, דער הייבאַם, און האט אנגעווענדט איר מעטאָדע אויף דעם פאַרבאָרגנסטן אין אונדז — דעם גייסט, דעם געדאנק, דעם „איך", און די מעטאָדע איז געוואָרן — די פרוכטבאַרסטע פון דעם מענטשלעכן דענקען. „צוויי פאַרדינסטן האָט סאָקראַטעס" — זאגט איבער אים דער סכום־אונטערציער פון דער אַלטער וועלט, אַריסטאָטעל — „ער האט געפונען די מעטאָדע פון דער אינדוקציע און די קונסט פון באַשטימען אַלגעמיינע באַגריפן".

צוויי מעטאָדן, וואס גיסן זיך צונויף אין איינער. אינדוקציע הייסט — פרווון די איינצלנע דערשיינונגען, אַרויסנעמען פון יעדער זאַך איר תמצית, פון יעדן געדאַנק זיין קערן — און דערנאָך געפינען דעם תמצית פון אַלע תמציתן, דאָס איז אין סקולפּטור־אַרבעט: געפינען אין דעם פאַרשידענעם דאָס טיפּישע, דאָס ענלעכע, דאָס גלייכע, דעם פּ ר י נ צ י פּ. און איצט די הייבאַם־קונסט: אַרויסנעמען פון דעם גאַנצן, פאַרטיקן אָרגאַניזם — דעם נייעם לעבן, וואָס האָט אין אים אויפגעבליט. עס איז די מעטאָדע פון באַפרוכטן דאָס דענקען מיט דעם אַלגעמיינעם באַגריף.

סאָקראַטעס האָט געוווסט — אַז דאָס, וואָס מען רופט אָן „שאַפן", איז נישט מער ווי — אַרויסברענגען פון זיך, אָפט אַרויסרייסן פון זיך מיט צוואַנגען דאָס, וואָס איז אין אונדז נישט פאַראַן. אַ שווערער, אַ פּיינלעכער, אַ שמערצלעכער פּראָצעס, אָבער אויך אַ באַפרייענדיקער, אַ באַגליקנדיקער, און דאָס האָט אים געבראַכט צו דעם שאַפן פון זיין נייער וועלטהיסטאָרישער עטיק, אַ סיסטעם, וואָס לאָזט זיך צונויפשמעלצן אין צוויי ווערטער: „מאָראַל איז וויסן". „קיינער איז נישט שלעכט, ווייל ער וויל עס". גוט און שלעכט זענען שכל־קאַטעגאָריעס. ווייסט אַ מענטש, וואָס ער טוט, פאַרשטייט ער זיך, זיינע אייגענע מאָטיוון — איז ער תמיד גוט. ווייל די וועלט איז אָרדענונג. ווייל זינד איז בלויז אומוויסנקייט און אומפאַרשטאַנד.

געוויס, עפּעס איז דאָ אין אונדז, וואָס איז מער ווי שכל. ער פּלעגט זאָגן וועגן זיך אַליין, אַז אין אים לעבט און ווירקט עפּעס „אַ דיאַמאָניאָן", — אַ „געטלעכס", וואָס לאָזט אים נישט טאָן, וואָס פאַרגלוסט זיך אים, וואָס שטעלט אים אָפּ אין די קריטישע מאָמענטן פון זיין לעבן. פילאָלאָגן און היסטאָריקער האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, וואָס האָט ער דערמיט געמיינט: איז עס געווען בלויז אַ משל, אָדער האָט ער טאַקע באמת געגלויבט אין אַן איבערנאַטירלעכער,

קראַפט, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ מין אויסגעקליבענעם, פאַר אַ גאָט־געזאַלבטן?

אָבער וואָס איז דען דער חילוק, וואָס דער היסטאָרישער, דער ווירקלעכער סאָקראַטעס האָט געמיינט? מיר האָבן אונדז פאַר בלויז דעם געדאַנק, דעם סימבאָל פון סאָקראַטעס, פון דעם שעפער פון דער נייער עטיק, פון דעם גרויסן פאָדערער, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעגעבן. און זיין „דיאַמאָניאָן" איז נישט בלויז זיינס — עס איז אונדזער אַלעמענס. אין יעדן פון אונדז — גרויס אָדער קליין — הערט זיך די פאַרבאָרגענע שטים — נאָר נישט יעדער פאָלגט איר. און סאָקראַטעסעס גאַנצע אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם — שאַרפן דאָס אויער פון דעם מענטשן, צווינגען אים צוצו־הערן זיך צו דעם אייביקן אין אונדז, צו דעם העכסטן פּרינציפּ, צו דעם גרונטמאָטיוו פון דער וועלט. און דער וועג צו דעם אויער איז דורך דעם שכל, דורך דער איראָניע צו זיך אַליין — דורך דעם קלאָרן און טיפן פאַרשטיין. דער וועג צום אָפּגרונט — איז אין דער טיף.

אַזאַ סאָקראַטעס איז פאַרשטענדלעך. און עס איז קלאָר, פאַר־וואָס אַטען האָט זיך אַזוי לאַנג צוגעהערט צו אים, פאַרוואָס אַניטאָס, דער לעדערהענדלער און פּאָליטיקער, און זיינע צוויי עדות — דער טראַגישער פּאָעט מעלעטאָס און דער רעטאָריקער ליקאָן — האָבן געקענט אויפשטעלן קעגן אים אַן אָנקלאָג: „ער גלויבט נישט אין די געטער, וואָס די רעפּובליק גלויבט אין זיי, ער פירט איין נייע גאָטהייטן און פאַרפירט די יוגנט". יעדעס וואָרט פון דעם אָנקלאָג איז געווען ריכטיק. סאָקראַטעס האָט איינגעפירט נייע ווערטן — ווייל גאָט און געטער זענען דאָך בלויז סימבאָלן פאַר לעבנסווערטן — ער האָט אַוועקגעפירט די יוגנט אויף אַ נייעם וועג — פון דער אויבער־פלעך צו דער טיפקייט. ער האָט זיי געצוווּנגען — זיינע חברים, זיינע פריינט, זיינע אָנהענגער, איבערצושמעלצן די אַלטע גאָט־סימ־באָלן, איבערפּרוּוון די אָנגענומענע מאָראַלישע און פּאָליטישע באַגריפן, און דאָס האָט געמיינט — אַ נייע געזעלשאַפט — אַן געזעצן, אַן פּאָליטיק, אַן פאָרמען — נישט דעמאָקראַטיע, נישט אַריסטאָקראַטיע, נישט רעפּובליק, נישט מאָנאַרכיע, נאָר דער אידעאַל־שטאַט פון „דער הערשאַפט פון שכל".

און עס איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די אַטענישע ריכטער

האָבן אים פארמשפט — און פארוואָס ער אַליין האָט געוואָלט שטאַרבן. „דאָס העכסטע גליק פון מיין לעבן", — האָט ער געזאָגט אין דעם גרעסטן מאָמענט, וואָס פלאַטאָן האט אים געשטעלט, אין דער „אַפּאָלאָגיע", דער פארטיידיקונגס=רעדע ביים משפט, — „איז רעדן טאָג־איין, טאָג=אויס וועגן מאָראַל, פרוּוון זיך און אַנדערע, ווייל אַ לעבן אָן נשמה-פאָרשונג איז נישט כדאי".

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אין דער קורצער צייט אַרום סאָקראַטעסן האָט זיך אין דער גאַנצער דאַמאלסטיקער וועלט באַוויזן איין שעפערישער גייסט נאָך דעם צווייטן, איין מענטשנלערער נאָך דעם אַנדערן. עטלעכע יאָר פאר סאָקראַטעסן איז געשטאָרבן זאַראַטוסטרא — אין פערסיע, דער גרויסער לערער, וואָס האָט געבראַכט דער וועלט די תורה פון דעם אייביקן קרייז פון לעבן, אַ תורה, וואָס ניטצשע האָט מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר שפעטער באַנייט. בודאַ, קאָנפוציוס, לאַאָטצע — אַלע דידאָזיקע וווּנדערבאַרע לערער פון דער וועלט — זענען געווען כמעט צייטגענאָסן. אין דער קליינער שטאָט ירושלים האָבן עזרא און נחמיה אויפגעבויט דאָס נייע יידנטום, דאָס יידנטום, וואָס איז געוואָרן אַ גייסטיקע וועלט=מאַכט.

אַ צייט פון אויפוואַכונג, אַ פריליגגסצייט פון דער קולטור, און סאָקראַטעס איז געווען דאָס חנעוודיקסטע מענטשלעך=נאָענטסטע שוועלבעלע פון דעמדאָזיקן פרילינג פון דעם גייסט, אַן אָנזאָגן פון רייפקייט.

פּלאַטאָ.

I.

אין דער האַפּנשטאָט עגינאַ -- אויף דעם גרויסן מאַרק — איז געווען אַ געטומל. עס זענען גראָד אָנגעקומען מיט אַ פּאָר טעג צוריק עטלעכע שיפן פון די פאַרשידנסטע ערטער — פון קרעטאַ, פון סיראַקוז, פון אַטען, פון עגיפּטן, און איינע אויך פון אַפריקע, פון דער שטאָדט קירענע.

די סוחרים האָבן אויפגעשטעלט אינמיטן מאַרק געצעלטן, און האָבן געוויזן, געלויבט און אויספאַרקויפט זייערע סחורות. אין דעם עגיפּטישן געצעלט איז געווען לייוונט, פיינער ביסאָס, אָדער בוץ, ווי די העברעישע סוחרים און מעקלערס פון עגינאַ האָבן אים גערופן. עס זענען געווען דאָרט נאַרד און אַנדערע טייערע פּאַרפיומען. און אויך גאָלד- און העלפאַנדביין־אַרבעטן, סטאַטועטקעס, קעמעלעך, פּעכערס, שטיקערייען. דער אַטענישער סוחר האָט געבראַכט בוימל און געטריקנטע ראָזשינקעס. די הענדלער פון עגינאַ און די אַרומליגנדיקע שטעטלעך זענען געגאַנגען פון קראָם צו קראָם, פון געצעלט צו געצעלט און האָבן זיך איינגעקוקט און זיך געדונגען. נאָך זיי זענען געגאַנגען שקלאַפן מיט פּעסלעך, מיט טאַטשקעס, מיט זעק. די געקויפטע סחורה איז תיכף פאַרפּאַקט און אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף די וועגעלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם מאַרקפּלאַץ.

דער מאַרק־טאָג איז שוין געווען כמעט פאַרענדיקט. די סוחרים, וואָס האָבן שוין אויספאַרקויפט זייער סחורה, האָבן שוין צונויפגעפּאַקט זייערע געצעלטן און זיך געלאָזט גיין איבער דער שטאָט. זיי האָבן אויך אַריינגעקוקט איינער צום צווייטן אין דער קראָם — אפשר קאַ-

נען זיי איינהאַנדלען אַ מציאה. דער קירענישער הענדלער, אַ רייכער אַפריקאַנישער אַניקעריס, טונקל, כמעט שוואַרץ, מיט גראָבע ליפּן און אַ פּלאַטשיקער נאָז, האָט פריער פון אַלע אָפּגעפּאַרטיקט זיינע געשעפטן. ער האָט געבראַכט זייער טייערע סחורה — גאָלד=שטויב — און צוויי קרעטער סוחרים האָבן זיי ביי אים איינגאַנצן אָפּגעקויפט. איז ער געגאַנגען פּאַמעלעך איבערן מאַרק — זיך צוגעקוקט צו דעם גריכישן טומל, זיך איינגעהערט אין די קלאַנגען פון דער גריכישער שפּראַך. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער פילט זיך כמעט היימיש צווישן די שטאָלצע און שיינע גריכן — און עס האָט אים אפילו נישט פאַרדראָסן, ווען איינער פון די גריכישע הענדלער, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, האָט אים אַ שטופּ געטאָן אויפן מאַרק און אים צוגערופן: „העי, דו שוואַרצער באַרבאַר, וואָס פאַרשטעלסטו דעם וועג?" דער טונקעלער אַניקעריס האָט אַ שמייכל געטאָן און איז ווייטער געגאַנגען. „זיי זענען דאָך פאַרט זיי", — האָט ער ביי זיך געטראַכט. — „וואָס זענען מיר, האַלב=ווילדע אַפריקאַנער, אַקעגן די העלענער?" פאַר דעם געצעלט פון דעם סיראַקוזער סוחר האָט ער דערהערט אַ געשריי. צוויי מענטשן האָבן זיך געקריגט. „יער, מיינסטו, ביזטו, אַ גאַנצער מאַכער — טראָגסט אַ לאַנגע כלאַמידע און ביזט אַן אַטענישער פילאָזאָף? מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע אָדלערס! וואַרט, באַלד כאַפּסטו נאָך די בייטש אויך — דו ביזט דאָך מיינער אַ שקלאַף — איך האָב באַצאָלט פאַר דיר דרייסיק דראַכמען — נו, ריר זיך, טראָג דאָס פעסל מאַראַנצן - לעבעדיק!". וואָס דער אנדערער האָט געענטפערט, האָט אַניקעריס נישט דערהערט — בלויז דער קלאַנג פון דעם קול, וואָס האָט זיך אָפּגערופן — איז שוין געווען גענוג פאַר אים. ער האָט אים דערקענט. עס איז געווען אַ קול, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, ווען ער האָט אים נאָר איין מאָל דערהערט. טיף און קלינגענדיק, אַזוי געמאָסטן און מעלאָדיש, גלייך ווי דאָס רעדן וואָלט געווען אַ פאַרשטעלט געזאַנג.

„איז דאָס מעגלעך, איז דאָס זיין קול?" אַניקעריס האָט נישט געוואַרט אויף דער פאָרטזעצונג פון דעם דיאַלאָג אין דעם געצעלט פון דעם סיראַקוזער און האָט זיך ממש, ווי אַ ווינט, אַריינגעריסן אין דער ליידנטעגער קר...ם. גרויס און שטאַרק, ווי ער איז געווען, האָט ער שיעור נישט איבערגעקערט אין זיין אימפּעט דעם גאַנצן געצעלט. ער איז אויך געקומען אין דער ריכטיקער צייט. דער סירא-

קוזער, אַ קליינער, דיקער סיציליאַנער. האָט געהאַלטן אַ בייטש אין דער האַנט, און אַקעגן אים איז געשטאַנען אַ שיינער, פאַרבעמער, אַריסטאָקראַטיש-אויסזעענדיקער גריך פון אַ יאָר אַכט און דרייסיק, מיט טרויעריקע אויגן און אַן אויסדרוק פון עקל און פאַראַכטונג אַרום די ליפּן. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ מעסטער -- און האָט געווארט.

„פּלאַטאָן — יאַ, דאָס ביזטו, פּלאַטאָן, דו וווּנדערבאַרער, דו שיינער, דו געטלעכער! ווי קומסטו אַהער — וואָס טוסטו דאָ? וואָס איז דאָס?" דער סיציליאַנער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אַפּריקאַנער ריז און האָט זיך דערשראָקן, — די בייטש איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט, — דער גריך האָט געלאָזט פאַלן דאָס מעסער — און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען פּלאַטאָן און אַניקעריס אַרויסגעגאַנגען פון דעם געצעלט — פּלאַטאָן פאָרויס, אַניקעריס מיט עניוות נאָך אים.

„אַ דאַנק דיר, גוטער אַניקעריס, וואָס דו האָסט מיך אויסגעלייזט פון דעם סיציליאַנער. עס וואָלט געקומען צו אַ מאָרד, ווען דו וואָלסט נישט אָנגעקומען אין דער צייט. מיין גוטער פריינט דיאָניסאָס, דער טיראַן פון סיראַקוז, האָט מיר אָפּגעטאָן אַ פיין שפּיצל".

און באַלד — ביי אַ גוטן מאָלצייט און אַ פלאַש וויין פון כיאָס, אין איינעם פון די שענקען ביים האַפן, זענען פּלאַטאָן און זיין אַפריקאַנער פריינט געזעסן פאַרטיפט אין אַ געשפרעך, ד. ה. גערעדט האָט פּלאַטאָן, אַניקעריס האָט בלויז געהערט און געטרונקען, ווי אַ פאַרליבטער יעדעס וואָרט.

פּלאַטאָן האָט אים דערציילט צום ערשטן מאָל זיין ביאָגראַפיע. מיט אַ יאָר צוריק, ווען פּלאַטאָן איז געווען אין קירענע, האָט ער זיך באַקענט מיטן רייכן סוחר אַניקעריס, וואָס האָט ליב געהאַט חכמה און חקירה און גריכישע פילאָזאָפיע. אָבער פּלאַטאָן איז געווען צו שטאָלץ, צו דערהייבן. ער האָט דעמאָלט גערעדט וויינִיק מיט דעם דיק-ליפּיקן סוחר — ער האָט געשמייכלט איראָניש, ווען דער אַפריקאַנער האָט אים געשטעלט אַ פּאָר פראַגן וועגן פילאָזאָפיע.

אָבער איצט — אין עגינא, נאָר וואָס באַפרייט פון שקלאַפעריי, פריילעך און טרויעריק אין דער אייגענער צייט, דאַנקבאַר און נאָך שטאָלצער, ווי פריער, האָט דער אַטענישער אַריסטאָקראַט אַריסטאָקלעס, מיט דעם צונאָמען פּלאַטאָן, דער זון פון אַריסטאָן, דער שוועס-

טערקינד פון דעם באַרימטן שטאַטסמאַן קריטיאַס, דערציילט זיין שוואַרצן פריינט דעם ראָמאַן פון זיין לעבן.

פרי איז זיין פאָטער, דער רייכער מיוחס אַריסטאָן, געשטאָרבן. זיין מוטער, פעריקטיאָנע, האָט באַלד ווידער חתונה געהאַט, און טאַקע פאַר איינעם פון דער אַטענישער אַריסטאָקראַטיע. ער און זיינע צוויי ברידער — אַדעמאַנטאָס און גלאַוקאָן — זענען דערצויגן געוואָרן אין די בעסטע אַטענישע שולן, האָבן געלערנט ביי די גרעסטע לערער — געווען גימנאַסטן, געקאָנט טאַנצן, שפילן, געוווּסט אויף אויסנווייניק די פּאָעטן, — דער עיקר, האָמער און פינדאַר און טירטעאוס; דערנאָך געווען אין דער מלחמה, אין דער שלאַכט פון ניזדאַיאַ, ווען אַטען האָט מלחמה געפירט אַקעגן דער שטאָט מעגאַראַ, אָנגעהויבן מאָלן, געשריבן לידער, דראַמען, פּאָעמען. געגרייט זיך צו ווערן אַ פּאָעט, ווי סאָפאָקלעס אָדער אייריפּידעס. עס האָט אים אויך געצויגן צו קאָמעדיע. אַריסטאָפאַנעס האָט אים באַגייסטערט, שוין דערפאַר, וואָס ער — דער אַריסטאָקראַט — האָט הנאה געהאַט צו זען, ווי אַריסטאָפאַנעס פאַרשפּאָט די דעמאָקראַטיע. אָבער אויך די קונסט פון אַריסטאָפאַנעס, די גרינגקייט פון זיין דיאַלאָג, די שיינקייט פון זיין שפּראַך, זיין וויץ, זיינע קלוגע איינפאַלן, — זיי האָבן אים ממש פאַרכישופט. אָבער זיינע קרובים, דער קלוגער כאַרמידיס און דער גלענצנדער קריטיאַס האָבן אים — דעם יונגן אַריסטאָקראַט — געראַטן צו ווערן אַ פּאָליטיקער. זיי האָבן אים אויסגעמאָלט גאָלדענע בערג. ער האָט דאָך געהאַט אַלע מעגלעכקייטן: שיין, געבילדעט, פון אַ גרויסער משפחה, אַ גלענצנדער רעדנער, אַ פיינער קאָפּ — פאַר וואָס זאָל ער נישט ווערן אַ צווייטער פעריקלעס, אַ הערשער פון אַטען, אַ פירער פון גריכנלאַנד?

און פּלאַטאָן האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן — וואָס פאַר אַ קאַריערע ער זאָל אויסקלייבן — ביז ער האָט נישט געטראָפן זיין גורל, זיין באַשערטן — סאָקראַטעס. ער האָט אים צום ערשטן מאָל באַזוכט אין איינעם מיט זיינע ברידער גלאַוקאָן און אַדעמאַנטעס. כאַרמידעס און קריטיאַס האָבן געוואָלט דערציען די יונגעלייט אויפן בעסטן אופן — און זיי באַקענען אויך מיט דער נייסטער מאָדע פון אַטען, מיט איר אינטעלעקטועלן ספּאָרט — די פילאָזאָפיע פון סאָקראַטעס.

אָבער וואָס פאַר זיינע ברידער איז געווען בלויז אַ ספּאָרט אויף אַ טאָג, איז פאַר אים — פּלאַטאָנען — געוואָרן אַן אויפגאַבע, אַ

ציל פארן לעבן. פלאטאן איז געוואָרן דער געטרייסטער תלמיד פון סאָקראַטעס. און ווען דער לערער האָט אויסגעטרונקען דעם בעכערסם, וואָס די אַטענער „גערעכטיקייט” האָט אים דערלאַנגט — איז פלאַטאָן מיט אַ פּאָר יינגערע תלמידים אַוועק אויף אַ צייט קיין מעגאַרא — דאָרט ווייטער צו שפּינען די תורה, וואָס דער לערער האָט זיי געלאָזט בירושה.

אָבער באַלד איז ער ווידער צוריקגעקומען קיין אַטען. עס האָט אים געצויגן צו דער שיינער שטאָט, צו די רעדעוודיקע מענטשן, צו דעם פאָלק פון קינסטלער און דענקער. און ער האָט געפּינען פאַר זיך אַן אויפגאַבע — דערקלערן, מסביר זיין די וועלט די געדאַנקען פון זיין לערער. ער האָט עס שוין פּרובירט טאָן נאָך ביים לעבן פון סאָקראַטעס. ער האָט שוין דעמאָלט פאַרצייכנט אַ פּאָר דיאַלאָגן פון דעם מייסטער און אויסגעאַרבעט זיי אין אַ קינסטלערישער פאָרם. זיין גאַנצן דראַנג צו פּאָעזיע, צו שאַפונג, צו שיינקייט האָט ער אַריינגעלייגט אין די ערשטע דיאַלאָגן. און אָפט איז עס אַרויסגעקומען מער קינסטלעריש, ווי ריכטיק. ווען סאָקראַטעס האָט געהערט די פאָרלעזונג פון זיין תלמידס ערשטן דיאַלאָג, האָט ער געשמייכלט און געזאָגט: „דער יונגערמאַן לייגט מיר אַריין אין מויל ווערטער, וואָס זענען צו שיין. איך דערקען זיך כמעט נישט”. און פלאַטאָן האָט עס אַליין אויך געפילט. נאָך איז געווען סאָקראַטעס צו נאָענט, צו אינטים, כדי צו ווערן אַ העלד פון אַן עפּאָס, אַ סיזשעט פאַר אַ דראַמע, אַ מיטאָס פאַר אַ נייער רעליגיע. אָבער אָט איז דער לערער געשטאָרבן: שיין, פּאָעטיש, גרויסאַרטיק געשטאָרבן, און פלאַטאָנס פאַנטאַזיע האָט באַקומען פליגלען, זיין געדאַנק איז געוואָרן פריי. איינס נאָך איינס האָט ער אויפגענומען אַלע פּראָבלעמען פון סאָקראַטעס און האָט זיי ווייטער געשפּונען. סאָקראַטישע פעדעם אין אַ געוועב פון גאָלד. דער גרונטמאָטיוו איז געווען דער סאָקראַטישער: וויסן קאָן מען נאָר בלויז, וואָס איז אין אונדז, וויסן און לעבן איז איינס, דער ציל פון וויסן איז — מאָראַל.

אָבער פלאַטאָן איז געווען אַ תלמיד — און נישט בלויז פון סאָקראַטעס, נאָר פון דער גאַנצער גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט זיי אַלע געקענט, די ווערק פון די גרויסע דענקער — ער האָט פון זיי אַלע געלערנט. דערצו איז ער געווען אַ פּאָעט, ד. ה. אַ מענטש, ביי וועמען די פאַנטאַזיע איז שטאַרקער אַנטוויקלט פון אַלע איבעריקע

אייגנשאַפטן, אַ ליבהאָבער פון פאָרם, און דווקא פון דער וואָרט=פאָרם, פון דעם מוזיקאַלישן קלאַנג, פון דער אָרדענונג. איז סאָקראַטעס געוועזן אַ קינסטלער — איז פלאַטאָן געוועזן אַן אַרטיסט. ער האָט ליב געהאַט די קונסט פון שלייפן און פאָלירן, פון אויפשנירלען וואָרט=פערל און זיך צאַצקען מיט זיי. אָבער יעדעס מאָל, ווען דער פאָעט צעשפילט זיך אין אים צופיל, באַווייזט זיך אים די פשוטע, אַזוי אמת=מענטשלעכע געשטאַלט פון סאָקראַטעס מיט איר איראָנישן שמייכל — און פירט אים צוריק, און ניכטערט אים אויס. מען זעט אָט דעם אינערלעכן קאַמף אין אַלע דיאַלאָגן, וואָס פלאַטאָן האָט אָנגעשריבן אין דער ערשטער העלפט פון זיין לעבן — „פראָטאַגאָראַס" און „מענאָ" און „גאָרגיאַס". „לאַכעס", „כאַרמידעס" און דאָס „סימפאָזיאָן". פלאַטאָן אַליין רעדט נאָכנישט זיין אייגענע שפראַך, ער איז נאָך אַלץ אַ מויל, ע׳ איז נאָך אַ תלמיד. און ער זוכט זיך צו באַפרייען פון זיין לערער. ער שרייבט אָן דעם וווּנדערבאַרן עפאָס — אויב מען קאָן אַזוי אָנרופן — דעם עפאָס פון סאָקראַטעסעס טויט — „קריטאָן" און די „פאַרטיידיקונג".

אָפגעגעבן דעם לעצטן, דעם העכסטן כבוד דעם לערער, און ער איז פריי. ער זוכט איצט נייע וועגן, אייגענע וועגן, ווייל פלאַטאָן איז נישט געוועזן קיין מאָראַליסט און נישט קיין איראָניקער. ער האָט זיך נישט געקאָנט צופרידנשטעלן מיט דעם פאַקט, אַז „מיר קאָנען נישט וויסן". ער האָט געוואָלט וויסן, און האָט זיך געשטעלט די שווערע פראַגע, די פראַגע, וואָס איז געוואָרן דער אויסגאַנגספונקט פון דער פילאָזאָפיע אין דער גאַנצער וועלט: וואָס איז דאָס וויסן? ווי אַזוי קאָנען מיר בכלל עפעס וויסן?

דערווייל ווערט פלאַטאָן שוין אַרום פערציק. ער לאָזט זיך אַוועק אויף רייזן. ער וויל לערנען. לאָדט אָן אַ שיף מיט איילבירטן — עס איז דעמאָלט געווען געפערלעך מיטצונעמען געלט מיט זיך אויף אַ ווייטער רייזע — און פאָרט קיין מצרים, דאָס לאַנד פון וווּנדער, דאָס רעטענישדיקע אַלטע לאַנד, אַ ציוויליזאַציע, וואָס איז אַלט געווען טויזנטער יאָרן און געהאַלטן ביים אונטערגאַנג, ווען גריכנלאַנד האָט ערשט געעפנט די אויגן. פלאַטאָן טרעפט זיך אין „היעראָפאָליס", די הייליקע שטאָט פון מצרים, מיט די „חרטומים", מיט די היטערס פון די עגיפטישע סודות. זיי דערציילן אים זייערע לעגענדעס און זייערע דערפאַרונגען. זיי ווייזן אים מיט שטאָלץ די אַלטע מאָנומענטן.

און דער אַטענער פילאָזאָף זעט פאַר זיך אַ מערקווירדיקע וועלט,
פאַרגליווערט אונטער אַ ברענענדיקער זון, פאַרשטיינערט אין אַ זאַמד=
מדבר, אַ קולטור פון פיראַמידן און ספינקסן און קברים. אַלצדינג איז
דאָרטן אויסגעמאָסטן און אויסגעצווירעט. יעדער טוט, וואָס ער דאַרף
און נישט וואָס ער וויל. מען זינגט, מען שרייבט, מען רעדט, מען
טראַכט, פונקט אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן מיט טויזנטער יאָרן צו־
ריק: אַ פאָלק פון געזעץ, אַ לאַנד פון טראַדיציע.

פלאַטאָן פאָרט דערנאָך קיין קירענע — שטודירט דאָרט מאַטע־
מאַטיק ביי דעם באַרימטן טעאָדאָרוס. וויל פאָרן פון דאָרט קיין בבל,
קיין ארץ ישראל. דער מזרח לאָקט אים. די סודות פון דער סעמי־
טישער וועלט ציען אים צו. אָבער עס איז געווען גראָד אַ שטורמי=
שע מלחמה־צייט, און ער האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון דערדאָזיקער
רייזע. ער פאַרקירעוועט זיך קיין דרום־איטאַליע, טרעפט זיך דאָרט
מיט די תלמידים פון פיטאַגאָראַס אין טאַרענט, און לערנט ביי זיי
אַסטראָנאָמיע, פאַרטיפט זיך אין דער מיסטישער לערע פון „צאָלן".
וואָס פיטאַגאָראַס האָט געבראַכט מיט זיך פון דעם מזרח און באַאַר־
בעט נאָך דעם גריכישן נוסח: צאָל איז אָרדענונג, צאָל איז גרענעץ,
צאָל איז דער יסוד פון דער וועלט. נאָכמער — פלאַטאָן קוקט זיך
איין אין די קאָמוניסטישע געמיינדעס, וואָס די פיטאַגאָרער האָבן גע=
גרינדעט אין דרום־איטאַליע, געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון אַבסאָלו=
טער גלייכהייט, אַלגעמיינער אַרבעט, געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער אויך אויף
דער היעראַרכיע פון דעם גייסט. פון טאַרענט פאָרט פלאַטאָן קיין
סיציליע, באַקענט זיך דאָרט מיט דעם פרייִלעכן סיציליאַנער לעבן,
באַגייסטערט זיך פון די קאָמעדיען־דיכטער סאָפראָן און די איבעריקע,
וואָס האָבן דערפירט דעם דיאַלאָג צו אַ וווּנדערבאַרער לעבעדיקייט
און פּלאַסטיק — ווערט אַ פרייַנט פון דעם הערשער פון סיציליע,
דעם „טיראַן" דיאָניזאָס אין סיראַקוז. דיאָניזאָס ווערט לכתחילה נתפּעל
פון זיין אַטענישן גאַסט, הייבט זיך אָן צו באַראַטן מיט אים וועגן
מלוכה־פראַגן, און פלאַטאָן נעמט עס ערנסט. ער וויל מדריך זיין דעם
טיראַן — וויל אים העלפן מאַכן פון סיראַקוז אַ מוסטער־שטאַט, פון
סיציליע אַן אידעאַל־שטאַט. עס הייבן זיך אָן אינטריגעס ביים הויף.
דיאָן, דער ברודער פון דיאָניסאָס, ווערט אַ חסיד פון פלאַטאָן —
און רעדט שוין וועגן רעפאָרמען — רעפאָרמען וואָס ער — דיאָן —
וואָלט איינגעפירט, ווען ער וואָלט געווען הערשער. דיאָניסאָס דער־

שרעקט זיך, און פלאַטאָן באַקומט אַ ווונק, ער זאָל אַפּפאָרן. אָבער אויפן וועג פאַרכאַפּן אים די ספּאַרטאַנער — מאַכן אים פאַר אַ מלחמה-געפאַנגענעם און פאַרקויפן אים פאַר אַ שקלאַף, און ווען ניט אַניקעריס — דער קירענער — וואָלט אפשר פלאַטאָן געמוזט ענדיקן זיין לעבן ערגעץ אין אַ מיל אין אַפריקע אָדער אויף אַ שיף אין מיטללענדישן ים. „איך וועל דיר אָפּצאָלן פאַר דיין טובה", — פאַרענדיקט פלאַטאָן זיין אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג — געזעגענענדיק זיך מיט זיין אַפריקאַנישן פריינד. „ניט מיר, פלאַטאָן, ניט מיר — דער וועלט..."

און פלאַטאָן האָט אָפּגעצאָלט.

II.

נאָך דער רייזע, נאָך דער געפאַנגענשאַפט און אויסלייזונג, באַזעצט זיך פלאַטאָן אויפסניי אין אַטען — קויפט זיך אַ קליין הויז אין אַ פאָרשטאָט פון אַטען — וואָס איז געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען אַקאַדעמאָס — און נעמט זיך ווידער צו זיין אַרבעט: דענקען, שרייבן, לערנען און זיין אַ לערער. באַלד ווערט זיין שולע גרויס און באַרימט. עס קומען צו אים תלמידים פון גאַנץ גריכנלאַנד, פון איטאַליע. אפילו פון בבל און אַפריקע פאָרט מען צו אים, מענער און פרויען — יונגע און אַלטע. אַן אַנדער מין לערנען, ווי ביי סאָקראַטעסן. שוין ניט מער קיין שמועסן, קיין פריי-געשפּרעך, נאָר פאָרלעזונגען, שטרענגע, דורכגעטראַכטע, מעטאָדישע. ער האָט אויפגענומען אין זיין „אַקאַדעמיע" בלויז געציילטע, נאָר די, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ שולע. „קיינער, וואָס קען ניט קיין געאָמעטריע, קען דאָ ניט אַריינקומען" — אַזוי האָט ער אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף זיין הויז. וואָרים דער נייער פלאַטאָן, דער רייפער, איז שוין געווען מער ווי אַ מאָראַליסט — ער איז געווען אַ געלערנטער, אַ פאָרשער. די געשטאַלט פון סאָקראַטעס טרעט צוריק. און אפילו ווען ער באַנוצט זיך מיט איר, איז דאָס בלויז פאַר אַ צירונג, אַן אַרטיסטן-טריק.

ער שרייבט די דיאַלאָגן „פילעבוס", „טימעאוס", „קאַליקלעס", און טרעט דאָרט אַרויס צום ערשטן מאָל מיט אַן ענטפער אויף זיין

פּראָבלעם: וואָס איז דאָס וויסן און ווי אַזוי איז דאָס וויסן מעגלעך. און דער ענטפער איז: „גאָט איז אַ געאָמעטער". און וואָס איז דען געאָמעטריע, וואָס איז מאַטעמאַטיק, וואָס איז פיגור און צאָל? אָרדע-נונג. נישט מער. אָן אָרדענונג איז מאַטעריע כאַאָס. זי האָט נישט קיין פאָרם, זי האָט נישט קיין זין, און זינלאָזיקייט איז שלעכט, ד. ה. מאַטעריע אַליין — איז שלעכט. עס איז דאָס פּרינציפּ פון שלעכטס אויף דער וועלט.

ערשט דורך אָרדענונג ווערט זי אויסגעלייזט. ווי אַזוי אַבער קומט אַריין אָרדענונג אין דער מאַטעריע? דורך דעם פאַרשטאַנד. דורך וועמעס פאַרשטאַנד? דורך אונדזערן? פונוואַנען נעמען מיר — חומר, ווי מיר זענען — דעם פּרינציפּ פון אָרדענונג, פון מאָס, פון גוטס? פון אונדז אַליין נישט. פּלאַטאָן איז נישט מסכים מיט פּראָ-טאַגאָראַסן, אַז מיר — די מענטשן — שאַפן פון זיך אַליין מאָס און אָרדענונג, ד. ה. אַז מיר פורעמען די וועלט. פּלאַטאָן האָט גע-לערנט ביים מזרח, ביי פּיטאַגאָראַס, אַז עס זענען דאָ אייביקע גע-זעצן אין דער וועלט, אַז די פאָרם, די אָרדענונג איז פ אַ ר דעם מענטשן: נישט מיר האָבן זיי באַשאַפן — ווי קאָנען מיר עפּעס בכלל באַשאַפן? — מיר זענען מיט אים, מיט דעמדאָזיקן וועלט-פּרינציפּ באַשאַפן געוואָרן. אין איין אַלעגאָריע נאָך דער צווייטער, אין איין משל נאָך דעם אַנדערן — באַמיט זיך פּלאַטאָן צו באַווייזן דעם דו-אַליזם, די צעשפּאָלטנקייט פון דער וועלט — דאָס כאַאָטישע, די מאַטעריע פון איין זייט, דער אָרדנענדיקער פּרינציפּ — די אידעע, פון דער צווייטער. צוויי וועלטן — א רעאַלע און אַן אידעאַלע, אַ וועלט פון חושים, דערפאַר אַ ליגנערישע, אַן אָפּנאַרערישע; און די וועלט פון פאַרשטאַנד, פון דער אידעע, דערפאַר אַן אמתע, ווייל זי בייט זיך קיינמאָל נישט, ווייל זי רוט אין זיך אַליין. אויף דעם אופן האָט ער געוואָלט בויען אַ בריק צווישן דעם „זיין" און „נישט זיין", דעם גרויסן פּראָבלעם, וואָס פּאַרמענידעס האָט אויפגעהייבן. ווי איז מעג-לעך „נישט-זיין"? און אַזוי ווי מיר זעען פאָרט, אַז עס איז דאָ אַ נישט-זיין: לעבן-טויט, ליכט-פינסטער, יאָ-ניין — וואָס איז דאַן דאָס „זיין"? פּלאַטאָן זאָגט: דאָס זיין איז דאָס אייביקע, דאָס לעבן פון דער אידעע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אייביק אָן, און רוט, אַזוי צו זאָגן אין גאָט, דעם ערשטן און לעצטן פּרינציפּ פון דער

וועלט. דאָס נישט־זיין — איז דאָס מאַטעריעלע, דאָס קלייד, די צייטווייליקע פאַרשטעלונג פון דער אידעע.

עס איז דאָ אַ „מענטש" — די אידעע פון דעם מענטשן, ווי ער איז, ווי ער דאַרף זיין, ווי ער זאָל זיין. דאָס הייסט נישט, אַז יעדער מענטש באַזונדער איז ד ע ר מענטש. עס איז דער חומר, האָט זיך באַהעפט אין דער מענטש־אידעע און קעמפט אַקעגן אים — און זיגט געוויינלעך.

און אין איינעם פון זיינע וווּנדערלעכע משלים האָט ער אויס־געמאָלט אַ בילד פון דעם מענטשלעכן לעבן: מיר זענען געפאַנגען, פאַרקאָוועט אין אַ פינסטערער הייל — מיט דעם פנים צו דער וואַנט. די זון שטראַלט אריין — אָבער מיר זעען בלויז דעם שאָטן אויף דער וואַנט. אויבן — אין דער פרייער וועלט — גייען אַרום געשטאַלטן, אָבער מיר זעען בלויז שאָטנס, און ווייסן קיינמאָל נישט, ווי עס זעט באמת אויס די וועלט. מיר זעען בלויז סילועטן.

אָדער אָן א משל — אין דעם דיאַלאָג „טימעטוס": „מיר קוקן אויף דער וועלט דורך אַ שמאָל שפּעלטעלע — דאָס אויג, אָבער עס איז אויך די קלאָרסטע עפענונג פאַר די חושים. דורך אים זעען מיר טאָג און נאַכט, זען ווי די צייטן בייטן זיך, באַקומען אַ באַגריף פון צייט און צאָל — פאַרשטייען די אייביקע געזעצן פון דעם הימל — כדי צו פאַרשטיין דערנאָך זיך אליין, ווייל מיר זענען פון איין שורש". און דערפאַר איז וויסן — וויסן מיט און דורך דעם שכל. וויסן הייסט — פאַרשטיין, אָפּגעבן זיך רעכענונג. דאָס איז שוין אַן אַנדער וויסן, ווי דאָס סאָקראַטישע. עס איז אַ וויסן, וואָס גייט אַריבער די גרענעצן פון דעם געוויינלעכן לעבן, ריכטיקער, א וויסן, וואָס דערהייבט דאָס מענטשלעכע לעבן צו דער מדרגה פון אַ וועלט־פּראָצעס. ווייל מיר און וועלט — מיר און גאָט, זענען פון איין שטאָף: חומר און אי־דעע אינאיינעם. בלויז ער — גאָט — איז דער מייסטער איבער דעם חומר. מיר זענען עס נישט. און דער זין פון דעם לעבן — איז באַ־זיגן די מאַטעריע, דערנענטערן זיך צו דער אידעע.

און ווידער באַנוצט זיך פּלאַטאָן מיט אַן אַלטן, מיטישן געדאַנק: דעם מיטאָס פון דערמאָנען זיך און פון דעם גלגול. די נשמה האַלט זיך תמיד אין איין דערמאָנען. זי געדענקט וואָס זי איז געווען, וואָס זי האָט געזען, ווען זי איז נאָך געווען פריי — אָבער איר זכרון ווערט אָפּגעשוואַכט דורך דעם לעבן; איר גרעסטער גליק

איז זיך דערמאָנען אין איר שורש, און קומען צו אים. „מען מוז דערפאַר שטרעבן צו אַנטלויפן פונדאַנען אַזוי גיך, ווי מעגלעך — ווייל דאָרט — „דאָ"ט געפינט די נשמה איר רו און דעם סוף פון איר וואַנדערונג". דאָס לעבן פון אַ פילאָזאָף דאַרף דערפאַר זיין בלויז אַ „צוגרייטן זיך צום טויט". און די גרעסטע שטראָף, וואָס גאָט קאָן אַרויפלייגן אויף אַ נשמה — איז שיקן זי נאָכאַמאָל אויף דער וועלט, צווינגען זי מגולגל צו ווערן אויפסניי. און ער טוט עס — ביז די נשמה ווערט נישט גערייניקט, אויסגעלייזט, ביז זי דערמאָנט זיך נישט און ווערט צוריק — זי אַליין, שורש. אָבער סוף־כל־סוף קאָן דאָך בלויז דער יחיד — דער פילאָזאָף — אַנטלויפן פון דער וועלט — וואָס זאָלן טאָן די איבעריקע? ווי אַזוי זאָל מען לעבן, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווערט און ווירדע?

פלאַטאָן קערט זיך אום — ווידעראַמאָל — צו דער פראַגע פון שטאַט און געזעלשאַפט. ער שרייבט דעם „פּאָליטיקוס", ווי ער מאָלט אויס דעם אידעאַלן שטאַטסמאַן; ער שרייבט די „רעפּובליק", ווו ער מאָלט אויס די אידעאַלע געזעלשאַפט: שטרענג, קאָמוניסטיש, אידעאַליסטיש. די חושים ווערן געהאַלטן אין צוים, דער שכל הערשט. דאָס לעבן ווערט אָפּגעגרענעצט, די אינסטינקטן — אַלע אינסטינקטן — ווערן געלייגט אין קייטן — דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט טאָר נישט זיין אַנאַרכיש, פריי, עס מוז האָבן אַ זין און אַ ציל — און דער איינציקער ציל איז: פולקאָמענהייט און דיסציפּלין פון דעם מענטשן.

אַזוי האָט פלאַטאָן אָפּגעלעבט די צווייטע העלפט פון זיין לעבן — געטראַכט, געשריבן, געזוכט דעם אמת און אים פאַרשפּרייט, און ער איז געוואָרן אַלץ איינזאַמער, אַלץ טרויעריקער, ווי אַלע גרייסע אידעאַליסטן. עס גנבעט זיך אַריין אַ צווייפל אין זייער נשמה: איז עס טאַקע אַזוי? איז טאַקע די וועלט אַזוי גוט און שיין און געאָרדנט, ווי זי מאָלט זיך? איז נישט דער שכל אפשר אויך אַזוי אָפּנאַריש, ווי די חושים? פלאַטאָן שרייבט אין די לעצטע פאָר יאָר פון זיין לעבן זיין גרעסטן ווערק — די „געזעצן". און דאָרט מיט ער זיך אויפסניי צו פאַרענטפערן די פראַגע פון אַלע פראַגן: ווי אַזוי זאָל דער מענטש לעבן?

אַראָפּ דער אימפּעט פון דער יוגנט, אַוועק דער אידעאַליזם פון די רייפע יאָרן — געבליבן בלויז אַן איראָנישע, סקעפּטישע, קלוג-

גע לעבנס-פילאָזאָפיע, וואָס פאָדערט נישט צופיל, וואָס האָפט ווייניק. ער שרייבט דאָרט א קאָנסטיטוציע פאַר אַ נייער — אויסגעטראַכטער שטאָט, דער מאַגנעט-שטאָט. אַלע עלעמענטן פון דעם פריערדיקן פּלאַטאָן זענען נאָך פאַראַן: קאָמוניזם, די הערשאַפט פון שכל, אָר־דענונג א. אז. וו., אָבער אַלצדינג געמילדערט און דורכגעשמייכלט.

דער הויפטמאָטיוו פון פּלאַטאָן — דעם זקן — ווערט: „מיר זענען דאָך אַלע ליאַלקעס אין די הענט פון גאָט — און דאָס איז דאָס שענסטע אין אונדז".

דער שטרענגער, פּאַטעטישער אידעאַליסט ווערט אין די לעצ־טע יאָרן פון זיין לעבן ווידער אַ פּאָעט, אַן איראָניקער, אַ סאָקראַטי־קער. און ווען ער איז געשטאָרבן — איין און אַכציק יאָר — האָט מען אויף זיין קישן געפונען די ווערק פון אַריסטאָפאַנעס, די קאָ־מעדיע פון דעם מענטשן.

אַזוי איז דער ציקל פון דעם לעבן. פון דעם פּאַטאָס צו דער איראָניע, פון דעם טראַגישן צו דעם קאָמישן, פון דעם הערשאַפט־גלוסט צו דער טיפער הכנעה פאַר דעם אייביק אומפאַרשטענדלעכן.

אָבער נאָר די גאָר גרויסע, נאָר די ווייניקע קאָנען דורכמאַכן דעמדאָזיקן ציקל — גאַנץ. „אַלע ליידן — גאַנץ, אַלע פריידן — גאַנץ" — ווי געטע האָט מיט איין און צוואַנציק הונדערט יאָר שפּע־טער געזונגען.

און פּלאַטאָן איז געווען איינער פון די גאָר ווייניקע.

די וועלט האָט אים אויסגעקליבן פאַר איר לערער, פאַר איר פירער. זי האָט אין אים געפונען אַ קוואַל פון חכמה און באַגייסטע־רונג. פון אַלעקסאַנדריע, פון די ניי-פּלאַטאָניקער — ביז צו דער רענעסאַנס-צייט, ביז העגעל, ביז הערמאַן כהן — דער געדאַנק פון פּלאַטאָן לעבט און נעמט אָן אַלץ פרישע, לעבעדיקע פאָרמען. אַ לעבעדיקער קערן — און ער וואַקסט, דער איינציקער פילאָזאָף פון דער גריכישער וועלט — וואָס איז נישט געשטאָרבן. איז עס אַ וווּנ־דער — וואָס מען האָט אים שוין אין דער אַלטער צייט גערופן „דער געטלעכער פּלאַטאָן"?

געוויס — די קריטיק קאָן געפינען חסרונות סיי אין געדאַנק, סיי אין סטיל, אין אינהאַלט און אין פאָרם, קאָן באַווייזן, אַז פּלאַ־טאָן איז געווען נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער, אַז זיינע געדאַנקען זענען נישט געווען תמיד זיינע, אַז ער האָט גע־

שעפט מיט פולע הענט פון די אַלטע אוצרות -- עס קאָן זיין. עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. וואָס איז גרויסקייט? וואָס איז שאַפן? איינ- מאָליקייט. קיינער קאָן נישט נאָכמאַכן, קיינער קאָן נישט ווידערהאָלן. און פלאַטאָן איז געבליבן דער איינציקער — קיינער האָט אים נישט געקאָנט נאָכמאַכן — קיינער האָט זיך נישט געקאָנט מעסטן מיט אים. עס זענען געווען אפשר טיפערע דענקער פון אים, געלערנטערע פון אים, אָבער קיינער איז נישט געווען אַזוי פול, אַזוי אַלזייטיק, אַזוי אַלמענטשלעך. און דאָס איז דער סוד פון זיין קראַפט און פרוכט- באַרקייט: ער איז געווען ד ע ר דענקענדיקער דער, זעענדיקער מענטש.

עמנואל קאַנט.

אויב עס איז דאָ אַ נאָמען אין דער וועלט, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון די ליפּן פון יעדן דענקענדיקן מענטשן; אַ נאָמען, וואָס ווערט דערמאָנט ביי יעדער געלעגנהייט, ווען עס קומט צו פראַגן, וואָס שטייען איבער אַלע ציייטן, איבער אַלע פראַגן, ווען עס קומט צו די „לעצטע פראַגן", — איז דאָס דער נאָמען פון עמנואל קאַנט, דעם קעניגסבערגער פילאָזאָף, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט צוויי הונ-דערט יאָר צוריק און געשטאָרבן צוריק מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר.

ווי אַן אייזערנע וואַנט שטייט ער פאַר דעם מענטשלעכן גע-דאַנק און פאַרשפּאַרט אים דעם וועג. ער האַלט דעם שליסל אין דער האַנט צו די אייביקע פראַגן — און גיט זיי נישט אַרויס. און אי-אומעטום — אויף יעדן געביט פון מענטשלעכן וויסן, פון מענטשלעכן טאָן, פון מענטשלעכער באַציונג, מוז מען זיך פרעגן: — מוז מען — וואָס זאָגט דערצו קאַנט?

פונוואַנען קומט זיין אומגעהייערע, בליי-שווערער געוויכט אין דער הייטיקער קולטור? וואָס האָט אים, זיין דענקען, געגעבן אַזאַ מאַכט איבער דעם מענטשלעכן שכל? איז דאָס דער וווּנדערבאַרער, פּאָעטישער, באַצויבערנדיקער, בילדערררייכער און אָנרעגנדיקער סטיל, ווי ביי פּלאַטאָן? אָדער די קלאַסישע קלאָרקייט פון אַריסטאָטעל? אָדער די מערקווירדיקע, שטרענגע, כמעט איבערמענטשלעך-קאָנצענט-רירטע „געאָמעטרישע פאָרם" פון שפּינאָזאַ? אפילו די גרעסטע באַ-וווּנדערער פון קאַנט; אַפילו די, וואָס זאָגן, ווי הערמאַן כהן, אַז קאַנט איז איינער פון די גרעסטע גאָניאַלע מענטשן, וואָס די וועלט האָט אַרויסגעבראַכט — אַפילו זיי זענען מסכים, אַז פון דער זייט

פון פאָרם און סטיל איז קאַנט נישט מסוגל צו דערוועקן באַגייסטע־רונג און באַוואונדערונג. קאָמפּליצירט, פּראָפעסאָרנמעסיק, טרוקן און שווער, אַזוי שווער, אַז עס איז נישט גענוג צו לייענען זיינע ווערק, כדי צו פאַרשטיין: מען מוז זיי ל ע ר נ ע ן. עס איז נישט קיין לע־זעשטאָף — עס איז אַ לימוד.

ווען מען לייענט קאַנטס ביכער — די „הקדמה צו יעדער צו־קונפטיקער מעטאַפיזיק" — די דריי „קריטיקן", ד. ה. די „קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט", די „קריטיק פון דער פּראַקטישער פאַר־נונפט", די „קריטיק פון דער אורטיילס־קראַפט" — לייענט זיי צום ערשטן און אויך צום צווייטן מאָל, לייענט זיי אָן היסטאָרישע פּער־ספּעקטיוון, קאָן מען נישט פאַרשטיין, וואָס האָט קאַנט אויפגעטאָן, פאַרוואָס רופט ער זיך אָן „רעוואָלוציאָנער" אין דער פילאָזאָפיע, פאַרוואָס שרייבט ער זיך צו די אייגענע ראָלע, וואָס קאָפּערניק האָט געשפּילט אין דער אַסטראָנאָמיע?

עס איז מיט אים, ווי מיט אַ סך דענקער, וואָס האָבן געשאַפן אַ נייע שיטה. אַן איינפאַכער געדאַנק — דער גרונטגעדאַנק — איז אַזוי פאַרבויט און פאַרמויערט, אַז עס איז שווער צוצוקומען צו אים. און דאָס איז זיין אומגעהייערער פאַרדינסט, אַז ווען איר קומט שוין צו אים, דערזעט איר ערשט זיין גרויסקייט.

ביי אַנדערע, ביי פאַרשטענדלעכערע, איז עס פאַרקערט. דער ענין — אימפּאָזאַנט, די באַפּוצונגען — געפעלן, אָבער קומט מען צום יסוד, איז דאָס ליים, איז דאָס זאַמד. אַזוי, למשל, די פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעל, אַזוי די פאַרשידענע סיסטעמען פון די מיטלאַלטער־לעכע דענקער, אַזוי אויך די געדאַנקען־בנינים פון דעם ניינצעטן יאָר־הונדערט — פון פיכטע, שאָפּענהויער, העגעל און אפילו פון דעם לעצטן גרויסן דענקער, בערגסאָן.

נעמט אַראָפּ — מיט אַ ניכטערן, טרוקענעם, שאַרפן אַנאַליז — די שיינע פאַרצירונגען פון שאָפּענהויער, וואָס בלייבט? אַ פראַזע: די וועלט איז אונדזער פאָרשטעלונג — און דאָס איז גענומען פון קאַנט; דער וועלט־יסוד איז דער „ווילן", און דאָס איז אַ פּאָעטישע המצאה, אַן איינפאַל, אָבער נישט מער. טוט אויס העגעלס גרויסאַר־טיקע פילאָזאָפיע פון אירע קעניגלעכע וואָרט־מלבושים, און עס בלייבט דאָרט נישט מער, ווי אַ בילד, דאָס בילד פון אַנטוויקלונג. און בערג־סאָן? אַ געדאַנק, וואָס איז אייגנטלעך אַ שטימונג; אַ פילאָזאָפיע,

וואָס איז פּאָעזיע. כּל זמן איר לייענט בּערגסאָנס ווערק, געפינט איר זיך אונטער דעם מאַגישן איינפלוס פון זיין שפּראַך. אָבער האָט איר זיך שוין באַפרייט פון איר, דערנקט איר בּיי זיך אין שטילקייט זיין הויפּט־געדאַנק, געפינט איר נישט קיין פּאָעזיע, קיין אינהאַלט, קיין קריטעריום און קיין מעטאָדע.

און וואָס איז דער הויפּטצוועק פון פילאָזאָפיע? נישט וויסן וועגן דער וועלט — דאָס גיבּן אונדז די וויסנשאַפטן, יעדע אויף איר געביט, נישט אפילו די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון די וויסנשאַפטן — נאָר די מ ע ט אָ ד ע. מעטאָדע — דאָס מיינט דער וועג פון דענקען, די איינשטעלונג, דער אויסגאַנגספּונקט, די באַציונג.

דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס אַ פילאָזאָף קאָן און דאַרף געבּן דער וועלט. דאָס איינציקע, צו וואָס ער איז באַרעכטיקט, און אויך די פּרוכטבאַרסטע אין זיין אַרבּעט.

*   *
*

איך דערמאָן זיך אָן אַ געשפּרעך, וואָס איך האָבּ געפירט אַמאָל מיט צוויי זייער באַדייטנדיקע מענטשן איבּער קאַנט. איינער פון זיי איז געווען אַ זייער באַוווּסטער רוסישער פּובּליציסט און דערצו איינער פון די שאַרפסטע, אַנאַליטיש באַגאַבּטסטע יוריסטן פון רוסלאַנד; דער צווייטער — אַ גרויסער דאָקטאָר פון מעדיצין; בּיידע הויך־געבּילדעטע מענטשן, בּיידע ספּעציאַליסטן אין זייער פאַך. עס איז געווען אין דייטשלאַנד, און אין דייטשלאַנד רעדט דאָס קינד און קייט, בּיי יעדער געלעגנהייט, צי עס פּאַסט, צי עס פּאַסט נישט, וועגן קאַנט. „וואָס איז דאָס אַזוינס קאַנטס פילאָזאָפיע, וואָס האָט קאַנט אַזוינס אויפגעטאָן?” זיי האָבּן גאַנץ נישט געוווּסט די גרונט־געדאַנקען פון קאַנטס פילאָזאָפיע, די טערמינאָלאָגיע, וואָס ער האָט געבּרויכט און וואָס איז געוואָרן קלאַסיש.

זיי האָבּן געוווּסט, אַז קאַנט האָט געלערנט, אַז רוים און צייט און קאַוזאַליטעט, דאָס הייסט די וועלט, ווי מיר זעען זי, די וועלט, ווי מיר לעבּן זי איבּער, און די וועלט, ווי מיר ברענגען זי אַלס אַ שייכות צו זיך אַליין — זענען קאַטעגאָריען פון אונדזער פאַרנונפט, קאַטעגאָריעס „אַ פּריאָרי”, דאָס הייסט פון אונדז אַליין געשאַפן, פון

אונדז אַליין אַריינגעבראַכט אין אַ פאָרם, דער פאָרם פון אונדזער באַוווסטזיין.

זיי האָבן ווייטער געוווסט, אז קאַנט האָט געלערנט, אַז אונטער דעם אַלעמען, וואָס מיר זעען, פילן, באַציען אין דערלעבן, איז פאַראַן אַ וועלט „אָן זיך", וואָס איז אונדז אומבאַקאַנט, און אַז מיר האָבן נישט קיין צוגאַנג צו איר.

זיי האָבן דאָס אַלץ געוווסט. עס שטייט אין אַלע פילאָזאָפישע לערנביכער, אין אַלע פּאָפּולערע דערקלערונגען פון קאַנטס פילאָזאָפיע; אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען: וואָס קומט אונדז אַרויס דערפון? וואָס איז דער צוועק, דער נוצן, דער תכלית פון דערדאָזיקער קאַנטישער פילאָזאָפיע? און ווו איז איר גאונות? אנדערע פאַר אים — דזשאַן לאָק, דייוויד יום, האָבן עס אומגעפער אויך אַרויסגעזאָגט. און איז דען דער אייגענער קאַנט, נאָכדעם, ווי ער האָט „צעשטערט" די גאַנצע מעטאַפיזיק, די גאַנצע טעאָלאָגיע, נישט געקומען צוריק אויף זיין שווערן, דייטש-פראָטעסטאַנטיש-פראָפעסאָרישן וועג צו די אייגענע „אמתן"? וואָס ער צעשטערט אין דער קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט — אין דער ערשטער העלפט — בויט ער צוריק אין דער צווייטער. אי גאָט, אי די אידעע, און נאָך ווייטער — אין דער קריטיק פון דער פראַקטישער פאַרנונפט, ווו ער פירט אַריין די מאָראַל, דעם „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו", אַן איינגעבאָרן געבאָט אין אונדז, וועמען מיר מוזן פאָלגן?

וואָס איז דער חילוק, ווי אַזוי איר קומט צו אַ געדאַנק — ווען איר קומט צו אים?

עס איז באמת געווען אַ שווערע, זייער שווערע פראַגע, נישט צום ערשטן מאָל געשטעלט און זייער זעלטן פאַרענטפערט. יעדער דענקער נאָך קאַנט האָט זיך עס געפרעגט: וואָס לאָזט ער מיר צו הערן? און יעדער האָט געענטפערט אויף זיין אופן. אָבער פיכטע, שעלינג, העגעל, שאָפּענהויער, די יורשים פון קאַנט, האָבן אַרויסגענומען יעדער פון אים, וואָס האָט אים געפּאַסט; און די ניי-קאַנטיאַנער פון אונדזער צייט — אָטאָ ליבמאַן, הערמאַן כהן און די אַנדערע — האָבן אויפגענומען אויפסניי די פראַגע, און זי פאַרענטפערט פון זייער שטאַנדפונקט: וויסנשאַפטלעך, האַלב-מיסטיש, מאַטעמאַטיש אָדער פסיכאָלאָגיש, יעדער אויף זיין שטייגער.

וואָס-זשע איז פאַרט דער לעצטער תוך, דער טיפסטער און פרוכטבאַרסטער געדאַנק פון קאַנטס לערע? פאַרוואָס מוזן מיר זיך אָנשטויסן מיטן קאָפּ אַקעגן דער וואַנט פון קאַנט, יעדעס מאָל, ווען מיר הייבן אָן צו דענקען איבער די וועלט-פּראָבלעמען.

„איר ווילט וויסן, וואָס קאַנט האָט געוואָלט?" האָב איך געענטפערט מיינע פרעגער; אָט דאָס איז דער ענטפער: „קאַנט האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ גרענעץ צווישן צוויי וועלטן: די וועלט אויסער אונדז און די וועלט אין אונדז. קאַנטס סיסטעם הייסט דער סיסטעם פון אַ „קריטישער פילאָזאָפיע". קריטיש — בנוגע אונדזער באַציונג צו דער וועלט — נישט צו דער וועלט. קריטיש — בנוגע אונדזער דענקען — נישט צו דעם אָביעקט פון אונדזער דענקען.

פאַרוואָס זענען דען פאַראַן אַזויפיל און אַזוי פאַרשידענע סיסטעמען פילאָזאָפיע? חריפות, פאַנטאַזיע? דאָס — און נאָך. עס איז דער דראַנג פון דעם דענקענדיקן מענטשן צו פאַרשטיין די וועלט און דאָס לעבן, אַפילו ווען מען איז נישט אַזוי נאַיוו צו מיינען, אַז אַלצדינג, וואָס מיר זעען מיט אונדזערע אויגן, איז באמת אַזוי — אַז דער גרינער בוים איז טאַקע גרין „בעצם" — אַז די זון באַהאַלט זיך טאַקע אין ים, ווי מיר זעען עס מיט אונדזערע אויגן; אַז אַ שטעקל, ווען עס איז אין וואַסער, ווערט טאַקע געבראָכן, אַזוי ווי אונדזערע אויגן ווייזן עס אונדז. אַפילו ווען מען פאַרשטייט שוין, אַז די חושים נאַרן אָפּ, אַפילו דעמאָלט גלויבן מיר אַלץ נאָך, אַז מיר זענען פעיִק צו פאַרשטיין די וועלט מיט דעם שכל. און וואָס מיר פאַרשטייען, איז אַזוי, קאָן גאָרנישט אַנדערש זיין. און מיר ווערן דאָגמאַטיש, פאַרעקשנט, פאַרגלויבט אין אונדזער אייגענעם שכל. מיר מאַכן אונדזערע געדאַנקען פאַר ווירקלעכקייטן.

און פאַרלירן מיר דעם גלויבן אין שכל — צעפאַלט די גאַנצע וועלט, ווערן מיר אָן יעדע מאָס און יעדן וועג עס קומט דער שווער-צו-דערטראָגנדיקער סקעפּטיציזם, וואָס לייקנט אַלצדינג, אַפילו דעם „איך" און דאָס „זיין".

קאַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם וועג פון דעם דענקען און געזאָגט: איר דענקט ביידע פאַלש — אי דער דאָגמאַטיקער, אי דער סקעפּטיקער; איר דענקט פאַלש, ווייל אייער אויסגאַנגספּונקט איז אַ פאַלשער, ווייל איר האָט נישט קיין מעטאָדע. פונוואַנען ווייסט איר, פונוואַנען קאָנען מיר בכלל וויסן איבער זאַכן, וואָס זע=

נען אויסער אונדז ? איר פרעגט, וואָס איז גאָט, וואָס איז נשמה, וואָס איז מאָראַל, איר ברעכט זיך די קעפּ אויסצוגעפינען זאכן, וואָס קאָנען גאָרנישט באַווייזן ווערן; און איך פרעג זיך אַן אַנדער פראַגע: ווי אַזוי איז מעגלעך צוויי און צוויי? פונוואַנען ווייסן מיר, אַז צוויי און צוויי איז פיר? אַז עס איז אַזוי — זעען מיר; אַז עס איז דאָ אַ פיזישע וועלט, און אַז די פיזישע וועלט האָט כּללים און אָרדענונג און צוזאַמענהאַנג — דאָס איז קלאָר פאַר אונדז, מיר לעבן דאָך אין דער וועלט, און אונדזער לעבן וואָלט געווען אוממעגלעך, מיר וואָלטן נישט געקאָנט טאָן דעם מינדעסטן טריט, ווען מיר וואָלטן נישט געווען זיכער אין דעם. פונוואַנען אָבער קומט אונדזער זיכערקייט?

קאַנט פרעגט עס אַנדערש — מער טעכניש־וויסנשאַפטלעך. ער פרעגט: ווי אַזוי איז מאַטעמאַטיק מעגלעך? אָבער דער זין איז דער אייגענער, די אייגענע כּוונה. און ער ענטפערט: די זיכערקייט קומט דערפון, וואָס מיר אַליין שאַפן די אָרדענונג אין דער וועלט. אַלצדינג, וואָס מיר זעען מיט אונדזערע אויגן, פילן מיט אונדזערע חושים, דענקען מיט אונדזער שכל — איז אונדזער ווערק. און עס זענען פאַראַן צוויי וועלטן: איינע, וואָס איז אויסער אונדז, וואָס איז דער מאַטעריאַל פאַר אונדז, און די צווייטע — דאָס איז די אונדזעריקע, די, וואָס מיר שאַפן אַליין. פונוואַנען, פאַרוואָס, צו וואָס — דאָס זענען נישט קיין פראַגן, מען קאָן זיי נישט פאַרענטפערן, ווייל מיר האָבן נישט קיין אַפּאַראַט דערצו. דער שפּיגל זעט זיך אַליין נישט. ער שפּיגלט אָפּ. צי ריכטיק, צי פאַלש — דאָס ווייסט דער שפּיגל נישט. אָבער דער, וואָס זעט בלויז דאָס אָפּגעשפּיגלטע בילד, ווייסט בלויז פון אים, נישט פון דעם, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ. ער דאַרף עס גאָרנישט וויסן.

נאָכמער, מיר זענען די שעפער פון דער וועלט. אַלצדינג איז, ווייל עס לעבט אין אונדז, פון דעם דרייעק, פון צוויי און צוויי — ביז ג אָ ט, אונדזער געדאַנק, אונדזער שאַפונג.

אָבער דערפאַר נישט קיין פאַנטאַזיע, נישט קיין קאַפּריז און, נישט אָפּהענגיק פון אונדזער ווילן. צי די אויסערע וועלט האָט אַ סדר און גרענעצן — ווייסן מיר נישט; אָבער אַז אונדזער אייגן גייסטיק לעבן האָט אַ סדר — דאָס איז אַן אמת, וואָס איז אוממעגלעך צו לייקענען. נישט די אויסערע וועלט איז אַ נויטווענדיקייט — יעדנ=

פאַלס, עס איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט צו באַווייזן — אונדזער אינערע, אונדזער גייסטיקע וועלט איז אַ סיסטעם פון נויטווענדיקייטן.

מיט איין וואָרט: די וועלט איז אונדזער שאַפונג, און מיר זענען געבונדן צו איר, פאַרבונדן מיט איר.

מיר קאָנען דענקען איבער גאָט, איבער די אייביקע פראגן, — אָבער בלויז מיט דעם באַוווּסטזיין, אַז דאָס זענען בלויז שלוסן, וואָס מיר ציען פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג, און קיין אויגנבליק נישט פאַרגעסנדיק, אַז דאָס זענען געדאַנקען — נישט פאַקטן.

דאָס איז די מעטאָדע און דאָס איז דער וועג. דער וועג פון דער מענטשלעכער פרייהייט. דער גרעסטער רעוואָלוציאָנערסטער אויפטו אויף דעם געביט פון מענטשלעכן דענקען.

פרייהייט איז אויטאָנאָמיע, ד. ה. לעבן נאָך אייגענע געזעצן, נישט נאָך אייגענעם ווילן. מיר ווייסן נישט, וואָס דער ווילן איז, מיר האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין „פרייען ווילן", אָבער מיר ווייסן, אַז יעדער טוט, וואָס זיין אינערער געזעץ באַפעלט אים, צום גוטן, אָדער צום שלעכטן. און קאַנט האָט געלערנט, אַז דער לעצטער געזעץ, דער טיפסטער, איז איינגעפונדעוועט אין דער מענטשלעכער נאַטור. דאָס, וואָס ער רופט אָן אין דער עטיק דעם „קאַטעגאָרישן אימפעראַטיוו", איז אויך נישט מער, ווי די איינציקע מעטאָדע, וואָס פירט דעם מענטשן, יעדן מענטשן, — צי ער ווייסט עס, צי נישט — אין זיינע באַציונגען צו זיך און צו אַנדערע. און דער געזעץ איז: דער מענטש איז נישט קיין מיטל, נאָר אַ צוועק פאַר זיך.

די העכסטע מאָראַל, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן, דער פעסטסטער באַזיס פון יעדער עטישער באַציונג.

דער מענטש, אַלס שעפער פון דער וועלט — דער מענטש אַלס צוועק — דער מענטש פריי און אויטאָנאָם — דער מענטש, וואָס פאָלגט זיך אַליין און פאָלגט, ווייל ער מוז, דער מענטש, וואָס האָט התחייבותן פאַר זיין אייגענעם איך — דאָס איז דער גרעסטער „תכלית", דער פרוכטבאַרסטער געדאַנק פון קאַנט. אַ געדאַנק, וואָס האָט געווירקט באַפרוכפערנדיק; אַ געדאַנק, וואָס וואַקסט אַלץ העכער און העכער, ווי די צייט פאַרגייט.

צוויי וועלטן — גלייך צו גלייך: דאָס איז דער קאַנטישער געדאַנק, דער געדאַנק פון באַפרייונג. און דאָס איז די וואַנט, וואָס ער האָט פאַר אונדז אויפגעשטעלט, אַ וואַנט, וואָס פאַרשטעלט פאַר אונדז

דעם וועג אין די פאַנטאַסטישע מדבריות פון מעטאַפיזיק, אָבער אַ וואַנט, וואָס מען קאָן זיך אָנלענען אָן איר אין אונדזער מענטשלעכער וועלט. און פון קיין אַנדערער ווייסן מיר נישט, קיין אַנדערע קענען מיר נישט, קיין אַנדערע דאַרפן מיר נישט.

איז עס אַ וווּנדער, וואָס קאַנט איז געוואָרן דער דענקער פון דער וועלט? ער האָט געזאָגט איינעם פון די לעצטע ווערטער, און נאָך אים איז נישט מעגלעך קיין אומקער. עס הייסט נאָר ווייטער בויען אויף דעם וועג, וואָס ער האָט געוויזן. דער קליינקער, אַלטינקער קעניגסבערגער פּראָפעסאָר האָט אים אויסגעפּלאַסטערט פאַר אונדז, און אים גוט אַרומגעצאַמט.

פרידריך ניצשע.

אין דעם הערבסט 1870 האָבן זיך געטראָפן אין א דיליזשאַנס, וואָס פירט פון דעם נאָטאַרד קיין גענוא, צוויי מענטשן. איינער אַן אַלטער, קליינוואוקסיקער איטאַליענער, מיט אַ שפּיציק גרוי בערדל און פייערדיקע שוואַרצע אויגן; דער צווייטער — אַ הויכער, דאַרער, אַ ביסל איינגעהויקערטער בלאָנדער דייטש, מיט אַ פּאָר גרויסע, אראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, אַ מערקווירדיק הויכן שטערן און טיפע, גרויע אויגן, כמעט פאַרדעקט פון די געדיכטע ברעמען. דער אַלטער — אַ קלאָרער הימל, אַ בלויער, אַ דורכגעשטראַלטער. שפּעטער טאָג, אָבער טאָג, אָבער ליכט, ליכט, וואָס גייט איבער כמעט אָן צווישנשטופן אין בלויער טונקלקייט. דער דייטש — לויטער וואָלקן. צפון — אַ בלאַסער הימל, קיינמאָל נישט אינגאַנצן ריין, תמיד אַ ביסל פאַרכמאַרעט. קיינמאָל נישט קיין פולער טאָג — אָבער זונאויפגאַנגען, אָבער זונאונטערגאַנגען! די גאַנצע קראַפט און שיינקייט פון דעם טאָג אַריינגעלייגט אין דער צווישן=ליכט=שעה. דער גאַנצער טאָג בלויז אַ צוגרייטונג צום זונאונטערגאַנג; די נאַכט — צום אויפגאַנג. און שטענדיק אַ בענקעניש.

דער אַלטער האָט זיך צערעדט מיט דעם יונגן. דער דייטש האָט גערעדט פראַנצויזיש — גוט, אָבער מיט אַ שטאַרקן דייטשן, נייִן, א זאַקסישן אַקצענט, אָט דער מערקווירדיקער אויסשפּראַך, וואָס ווירקט קאָמיש אַפילו אין דייטש.

דער אַלטער האָט גערעדט דייטש מיט אַן איטאַליעניש־פראַנצויזיש־ענגלישן אַקצענט. און זיי האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען, צוגעפּנעקומען זיך ביידע אין איין פונקט, אין איין ליבע: אין געטע. דער אַלטער האָט דעם יונגן ציטירט מיט התלהבות א וואָרט פון

געטע: „אָפּגעוווינען זיך פון האַלב, תמיד לעבן אין דעם פולן, דעם גאַנצן, אין דעם שיינעם".

דער יונגער האָט צוגעשטימט — מיט ענטוזיאַזם און מיט אַ פריאיקער טרויעריקייט. און ווייטער האָט דער אַלטער גערעדט: וועגן זיין גלויבן אין דער וועלט, וועגן זיינע באַגייסטערונגען. צוויי זעען זיי געווען, זיינע ענטוזיאַזמען: „גאָט און פאָלק". ביידע צוזאַמען געשמאָלצן אינאיינעם: גערעכטיקייט, ליבע, שיינקייט, אַ קלאָרער, דרום-לענדישער, לאַטיינישער קוק אויף דער וועלט. דער יונגער האָט געשוויגן. דורך די וואָלקנס פון זיין צפונדיקן, שווער-דייטשן גייסט האָבן זיך די צוויי באַגריפן אנדערש געבראָכן. זיי זענען געוואָרן פאַרבן — פאַרברעמט, און דערפאַר אויך ווייניקער קלאָר, רייכער — אָבער ווייניקער בולט.

באַלד זענען זיך די צוויי מיטרייזנדיקע צעגאַנגען. יעדער צו זיין ציל. יעדער פון זיי צו זיין לעבנסאויסגאַנג, און זיי האָבן זיך נישט פאַרגעסן.

ווייל דער אַלטער איז געווען — דזשוזעפּע מאַדזיני, דער גרויסער דערוועקער פון איטאַליע, דער פאַרענדיקער פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס־אידעאַל. דער יונגער איז געווען דער זעקס און צוואַנציק-יעריקער פּראָפעסאָר פון קלאַסישער פילאָלאָגיע אין באַזעל — פרידריך ניצשע.

* *

*

אַ יונגער דייטשער פּראָפעסאָר פון אַלטע שפּראַכן. דער זון פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח אין אַ קליין שטעטל — רעקען — ביי לייפּציג. געבוירן (1844) אין אַן אַטמאָספערע פון דייטשער קליינשטעטלדיקייט און תמימות. דייטשלאַנד — אין דער פאַר-ביסמאַרק-צייט. אַ לאַנד אָן פּאָליטישע אַמביציעס, אָן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, דער פּויער אין דאָרף, דער בעל-מלאָכה אין דעם שטעטל, דער „בירגער", דער אַרבעטער — און איבער זיי אַלע דער „אדל", דער טראַדיציאָנעלער יונקער, אַלטמאָדיש, באַשיידן, אָן גרויסע פּרעטענזיעס. אַן אָרעם לאַנד — אָבער די אָרעמקייט האָט זיך נישט געפילט. עס איז נישט געווען קיין קבצנות, ווייל די מענטשן האָבן אַזוי ווייניק באַדאַרפט האָבן, ווייל זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַזוי ווייניק. קנאַק-

וווּרשט, קנעדל, אַ גלאָז ביר — דער לעבנסאידעאַל איז געווען דערגרייכט. און אין דעם אָרעמען לאַנד — אַן אייגנאַרטיק גייסטיק לעבן. נישט זייער ברייט, אָבער טיף; נישט זייער רייך — אָפּט פאַרשטויבט און תמיד לאַנגווייליק, אָבער מיט אומגעריכטע אויפבליצונגען. אַט שטייט פּלוצלונג אויף העגעל, און דרינגט אַריין מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גייסטיקער ענערגיע אין די טיפע הייל פון דער געשיכטע, פון דער געזעלשאַפט, פון דער נאַטור. און אייראָפּע ווערט פאַרווונדערט. דאָס ליכט ווערט באַלד פאַרלאָשן. אָבער עס האָט זיינס אָפּגעטאָן. עס האָט אויף אַ סעקונדע אַריינגעלייכט אין פאַרבאָרגנקייטן.

עס קומט שאָפּענהויער. אַ בייזער דענקער, אַ צאָרנדיקער, אַ בייסנדיקער. האָט אַלעמען פיינט, איז אַ שונא צו מענטש און וועלט. און ווייל ער האָט זיי פיינט, זוכט ער אַ מין צוגאַנג צו זיי. און פון יאוש — דאַכט זיך אים, אַז ער האָט אים געפונען: אין דעם רחמנות, אין דעם פּעסימיזם. עס קומט וואַגנער, ריכאַרד וואַגנער, דער מוזיקער-פילאָזאָף, דער ערשטער מוזיקער, וואָס האָט געוואָלט מיט מוזיק לייזן דעם „וועלט-פּראָבלעם". אַן אומרויִקער, אַ באַאומרויִקנדיקער, וואָס האָט געוואָלט פאַרטויבן זיך און זיין צער — דעם צער פון דער וועלט — אין קלאַנגען-כוואַליעס פון אַן אומגעהייערן
ם
אימפּעט.

עטלעכע גרויסע, גאָר גרויסע, אָבער אַרום און אַרום אַ פּלייסיקע, מיטלמעסיקע, בינען-געזעלשאַפט. געלערנטע זאַמלען מאַטעריאַל, טראָגן אים צונויף, שטרוי צו שטרוי, ברעקלעכווייז. דאָס פאָלק טרינקט ביר, איז בלאַנד און צופרידן — און לאַנגווייליקט זיך דאָך. און דאָ קומט ביסמאַרק. די גאַנצע אויפגעשטאַפּלטע דייטשע ענערגיע געפינט מיטאַמאָל איר אויסוועג. מלחמות — מיט עסטרייך, מיט דענעמאַרק, מיט פראַנקרייך. דייטשלאַנד ווערט אַמביציעז. דער דייטשער מיכל הייבט זיך אָן צו פילן „העראָיִש" — און איז דערווייל נאָך בלויז ברוטאַל. און דער ריס אין דער דייטשער קולטור ווערט אַלץ שטאַרקער. עס ציט זיך צום דרום, צום מערב — צו די הייסבלוטיקע פעלקער, צו די וואַרעמע לענדער, צו די גלאַנצנדיקע קולטורן פון פראַנקרייך און פון איטאַליע. אָבער דער צפון-מענטש רעוואָלטירט. ער, מיט זיין קאַלט, בלאַנד בלוט קאָן זיך נישט אָנצינדן אַזוי גיך. ער איז מקנא. די שווערע דייטשע שטיוול דערפילן אַ שנאה

צום עלעגאַנטן, פראַנצויזישן לאַקיר־שוך. וואָס דייטשלאַנד ווערט. שטאַרקער, אַלץ אומעטיקער, אומצופרידענער, אומזיכערער ווערט זי. זי בייט די ווערטן, די אַלטע „גערמאַנישע" מטבעות, און האָט מורא, טאָמער נאַרט מען זי אָפּ ביים בייט, טאָמער פאַרלירט זי. זי דער= קלערט א צוואַנגס-קורס. זי דעקרעטירט, אַז אירע ווערטן שטייען הע- כער אויף דער קולטור-בערזע, ווי די פראַנצויזיש-מעריב=אייראָפּעישע. מען גלויבט איר נישט. די דייטשן אַליין זענען אויך מסופק. אַן איבערגאַנגס-צייט.

און אַן דער צייט וואַקסט ניצשע, דער פּאַסטאָר=זון פון רעקען אויף אַן איידעלער פלאַנץ. שוואַך און פרי — רייף. אין זיינע אָדערן — אפשר נישט קיין גאַנץ ריין דייטש בלוט. דער זיידע זיינער — פלעגט ניצשע זיך „באַרימען" — האָט געהייסן ניצקי און איז געווען אַ פּאָליאַק. אַנדערע זאָגן, אַז ער שטאַמט גאָר פון פינלענ= דער. אזוי, אָדער אזוי — נאָך צפונדיקער, נאָך מזרחדיקער, נאָך אומרויקער.

ער שטודירט פילאָלאָגיע אין לייפּציג ביים באַרימטן פראָפעסאָר ריטשל. אַ גרויסער פילאָלאָג און אויך אַ טעאָלאָגישער פריידענקער. אַ פּראָטעסטאַנט, וואָס איז דערגאַנגען כמעט, כמעט ביז צו דער לעצטער גרענעץ פון דעם קריסטנטום. נאָך אַ טריט — און דער „ריטשלאָניזם" ווערט ריינער וואָלטעריאַניזם. ריטשל האָט אָבער דעם שריט נישט געמאַכט, פונקט ווי העגעל האָט נישט געצויגן די קאָנ- זעקווענצן, וואָס זיין תלמיד מאַרקס האָט געצויגן.

ריטשל אַנטדעקט ניצשעס טאַלאַנט. ער זעט אין אים זיין בעסטן תלמיד. און ער רעקאָמענדירט אים, דעם פינף און צוואַנציק=יעריקן, אַלס אויסעראָרדנטלעכן פּראָפעסאָר פון קלאַסישער פילאָלאָגיע, אין דער אוניווערזיטעט פון באַזעל, אין דער שווייץ. מען דערוואַרט פיל פון דעם יונגן געלערנטן. און אויב ער האָט שוין, אַלס סטודענט, געקאָנט אָנשרייבן אַזעלכע גרינטלעכע געלערנטע אַרבעטן איבער זאַכן און פראַגן און מענטשן, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרגעסן און האָבן פאַר קיינעם קיין ווערט נישט — און איז דאָס נישט אייגנטלעך די הויפּט=אויפגאַבע פון דער „געלערנטקייט" צו וויסן דאָס, וואָס עס איז גאָרנישט נייטיק צו וויסן? — אויב ער האָט אלס אָנהייבער אַרויס- געוויזן אזויפיל פּראָפעסאָרן-טאַלאַנט, וואָס וועט שוין פון אים ווערן ווייטער? און זיין לערער ריטשל, זיינע פריינט און קאָלעגעס האָפן,

אַז פּראָפעסאָר ניצשע וועט מיט דער צייט ווערן אַן אמתער, גרויסער גאָר גרויסער פאָרשער. ער וועט אפשר אַנטדעקן פאַר דער דאָרשטיקער מענטשהייט סודות פון דער גריכישער גראַמאַטיק, אָדער אפשר וועט ער גאָר אַרויסגעבן — מיט אַ „קריטישן קאָמענטאַר" און אַ זייער געלערנטער, לאַטייניש־געשריבענער הקדמה — די ווערק פון אַ פאַרגעסענעם גריכישן שרייבער, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק דורכצושלאָפן זיך העכער פון צוויי טויזנט יאָר אין אַלטע ביבליאָטעקן.

אָבער פּראָפעסאָר ניצשע דערפילט נישט די האָפענונגען פון זיינע פריינט. קוים ווערט ער פּראָפעסאָר, גייט ער אַראָפּ פון דעם „ריכטיקן" וועג. ער פאַרטראַכט זיך איבער אַ גאַנץ אומשולדיקער און נישט זייער מרעיש־עולמדיקער פראַגע, ווי — דער אָנהייב פון דער גריכישער טראַגעדיע אַן אויסגעטראָטענער וועג. יעדער פילאָלאָגישער אָקס וועט מיט פאַרבונדענע אויגן גיין אויף אים און נישט געשטרויכלט ווערן.

אָבער ניצשע איז נישט געווען קיין געלערנטער מעלה־גרה און איז „געשטרויכלט" געוואָרן, אַוועקגעוואָרפן מיטאַמאָל דעם גאַנצ, דייטשן פּראָפעסאָרן־אַפּאַראַט. נישטאָ קיין ציטאַטן, קיין אָנמערקונגען קיין פּלפּול — עס איז אַפילו נישטאָ קיין היסטאָרישער און פילאָלאָגישער אַנאַליז. אַ פּאָעט שטייט פאַר אונדז — אַ פּאָעט, וואָס דענקט, אָדער אַ דענקער, וואָס פאַנטאַזירט.

און איבער וואָס פאַנטאַזירט ער? וועגן אַפּאָלאָן און דיאָניז — וועגן דער טראַגעדיע פון דעם אומפרייען מענטשן.

ער שטעלט אויף זיין ערשטן בוך די גרונט־באַגריפן: אַפּאָלאָנישע און דיאָניזישע קולטור. דאָס מיינט — די קולטור פון אָרדענונג און פון כאַאָס, פון קלאָרקייט און פון ליידנשאַפט, פון שכל און פון אינסטינקט, פון די ווייניקע און פון די פילע.

דער דיאָניזישער מענטש איז דער, וואָס ראַנגלט זיך נאָך מיט דער חיה; דער אַפּאָלאָגישער איז דער פריי־געוואָרענער, דער האַר. „ווערן אַן אַפּאָלאָגישער מענטש הייסט ברעכן דעם ווילן צו דעם אומגעהייערן, צו דעם פיל־געשטאַלטיקן, דעם אומזיכערן און דעם שרעקלעכן — דורך דעם ווילן צו מאָס, פּשטות, אָרדענונג, רעגל און באַגריף. דער מוט פון דעם גריך איז באַשטאַנען אין אַט דעמדאָזיקן קאַמף מיט זיין אַזיאַטישער נאַטור".

אַ „מעטאַפיזיק פאַר קינסטלער" האָט ניצשע שפּעטער אָנגערופן זיין ערשטן בוך. וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס די געלערנטע און די באַרופס-מעטאפיזיקער האָבן זי נישט פאַרשטאַנען, האָבן אַראָפּגעקוקט אויף איר פון זייער פּראָפעסאָריש-ביבליאָטעקאַרישער הויך? אָבער די קינסטלער, אָדער די פרויען, אָדער די פּאָר געקליבענע גייסטער אין דייטשלאַנד — זיי האָבן תיכף דערפילט, דערשפּירט, אַז אין דער אוניווערזיטעט פון באַזעל, הינטער דער מאַסקע פון אַ פּראָפעסאָר, זיצט איינער, וואָס איז - באַרופן!

ריכאַרד וואַגנער, זיין פרוי קאָזימאַ, די הויכגעבילדעטע מאַלווידאַ פאָן מאַיזענבורג, די „אידעאַליסטין" — זיי שרייבן צו ניצשען, זיי דאַנקען אים, זיי לייענען און דיסקוטירן זיין ביכעל. די געלערנטע אָבער שווייגן. און ניצשע דערפילט, אַז זיין וועג איז נישט דער אַקאַדעמישער. עס ציט אים נישט צו ווערטער, נעמען און טרוקענע שמות — דאָס איז דער שוים פון דער אַלטער קולטור, אַלטע שערבלעך, פאַרבליבן פון אַמאָליקע בעכערס. ער האָט איינס געלערנט ביי די פילאָלאָגן — די מאַכט פון דעם וואָרט. ער איז געוואָר געוואָרן דעם גרויסן סוד פון דער מענטשלעכער קולטור — אַז ווערטער וואַקסן און ווערן רייף און פאַרוויאַנען. און ווען פאַרפוילט — ווערן זיי שעדלעך, זענען זיי סם.

ער האָט אַריינגעקוקט אין דער לאַבאָראַטאָריע, ווו מען שאַפט ווערטער — און האָט אַנטדעקט, אַז דאָרט איז נישט בלויז אַ וואָרט-פאַבריק, נאָר אַז עס שטייט דאָרט אויך אַ מאַשין פאַר פאַלש געלט. מען באַדרוקט מיט אַ טייערן ווערט אַ ווערטלאָז פּאַפּיר, און מען שיקט עס אַרויס אין דער וועלט — אַלס עכטע אַסיגנאַציע. מען שיקט אַרויס ווערטער אין מאַרק אַריין און מען פאַרקויפט זיי אַלס אידעען.

דאָס איז געווען ניצשעס ערשטע און וויכטיקסטע אַנטדעקונג. און ער הייבט זיך אָן צו פאַרטראַכטן איבער אונדזערע אידעען. מאָראַלישע, רעליגיעזע, מעטאַפיזישע. אַנדערע זענען דאָך גאָרנישט פאַראַן. דענקען איז דאָך — געפינען באַציונגען, באַציונג אָבער מוז דאָך האָבן אַ פּונקט פון באַציגן ווערן. און ווער איז דער לעצטער, דער איינציקער פּונקט, אויב נישט דער מענטש?

און צי רופט מען עס אָן נאַטורוויסנשאַפט, אָדער פילאָזאָפיע — דער סוף און דער ציל איז דאָך דער מענטש. די „וועלט" האָט,

אייגנטלעך, נאָר אויף אַזויפיל ווערט. וויפיל זי איז ווערט פאַר די מענטשן.

אַ מערקווירדיקע זאַך — אַט דידאָזיקע „וועלט". שערווד אַנדערסאָן האָט אין איינער פון זיינע לעצטע נאָוועלן — אָדער דער לעצטער, „דער טונקעלער געלעכטער" — אַ זייער פיינע באַמערקונג. די אַנגלאָ־זאַקסן, זאָגט ער, האָבן אַריינגעפירט אַ נייעם באַגריף אין דער ליטעראַטור. „וועלט־געשיכטע", „וועלט־באַציונג", וועלט־וועלט! עס איז אָבער נישט קיין אַנגלאָ־זאַקסישע דערפינדונג, ווי אַנדערסאָן מיינט. עס איז אַ גערמאַנישע. דער גערמאַנישער מענטש האָט צו ווייניק זין פאַר דער נאַטור פון דעם מענטשן, צו ווייניק פאַר־שטענדעניש פאַר דעם פיינעם, איינציקן, אינדיווידועלן. דער פראַנצויז רעדט תמיד פון דעם „מענטשן", ווייל דער מענטש איז זיין הויפּט־אינטערעס. דער דייטש — און דער ענגלענדער — רעדט תמיד פון דעם „כלל" — שטאַט, געזעלשאַפט — און ווייטער, און ברייטער: וועלט.

ניצשע איז געווען איינער פון די ערשטע דייטשן (נאָך מאַקס שטירנער, ד׳ער דייטשער גימנאַזיע־לערער קאַספּאַר שמידט, וואָס האָט געלייקנט דעם כלל, ד. ה. די וועלט — און האָט דערהייבן דעם מענטשן), וואָס האָט איבערגעטראָגן דעם פּראָבלעם פון מאָראַל און געשיכטע און רעליגיע פון דער געזעלשאַפט אויף דעם יחיד. ער האָט גערעדט נישט פון און צו ד י מענטשן, נאָר צו און פון ד ע ם מענטשן.

געשיכטע ווערט פּסיכאָלאָגיע, עטיק ווערט אויספאָרשונג פון די פאַרבאָרגנסטע מאָטיוון, פילאָזאָפיע ווערט אַ שפּיל — אַ קאַץ־ און מויזשפּיל — מיט דעם מענטשן, וואָס אַנטלויפט און וויל זיך באַהאַלטן — ערגעץ אין אַ שאַפע פון ספרים, צי פון מעל.

און ניצשע ווערט אַ קעמפער, אַ באַקעמפער, אַ נישטערער און אַ „צעשטערער". ער שרייבט בוך נאָך בוך, ווארפט איין סטאַטוע נאָך דער צווייטער פון איר פעדעסטאַל. צוערשט דוד פרידריך שטרויס, דעם „אויפקלערער", דעם קריטיקער פון דעם קריסטנטום, דעם „קול־טור־פילִיסטער". און נישט דערפאַר, ווייל ער צעגייט זיך מיט שטרויסן, נאָר ווייל און טאַקע דערפאַר, וואָס — ער איז מיט אים מסכים. אָבער דוד פרידריך שטרויס האָט „טריומפירט". די „בילדונג" האָט געזיגט אין דער געבילדעטער דייטשער בירגער־וועלט — און

ניצשע האָט אַ פּרינציפּ: „איך אַטאַקיר בלויז דאָס, וואָס זיגט. אויב ניטיק, וואַרט איך ביז עס זיגט. און ווייטער — איך אַטאַקיר — אַליין".

ער פאַלט אַרויף אויף שטרויסן — דעם פאַרטרעטער פון דער „אינטעליגענץ". ער אַטאַקירט שאָפּענהויערן — זיין פילאָזאָפישן פאָטער — און ווידער דערפאַר, וואָס ער איז מיט אים מסכּים אין די לעצטע פּרינציפּן. אָבער שאָפּענהויער און שטרויס זענען געוואָרן זעלבסטצופרידענע. צעפרידן מיט זייערע ספקות, מיט זייער פּעסימיזם, מיט זייער געבילדעטקייט. ער אַטאַקירט וואַגנערן, זיין פריערדיקן — און אויך שפּעטערדיקן — אָפּגאָט. ער האָט אים ליב — דעם קינסטלער פון „זיגפריד", ער רעדט מיט אַ ריירנדיקן פּאַטאָס וועגן „טריסטאַן" — אָבער — עס קומט דער „ניבעלונגען-רינג", וואַגנער ווערט „גערמאַניש", ליאַרמענדיק, מאָסלאָז, סענטימענטאַל-טעאַטראַליש, און ניצשע געפינט דעם מוט אָנצושרייבן דעם „פאַל וואַגנער" און זאָגן אים און דער גאַנצער דייטשער וועלט, אַז „וואַגנער פאַרטעאַטרעיזעט די מוזיק" — אַז „ער איז נישט קיין געבוירענער מוזיקער", אַז ער איז „קראַנקהאַפט" און „פאַרדאַרבט" — און ער שטעלט אַקעגן וואַגנערס אומקלאָרקייט און אויפגעשרויפטקייט — ביזעס „קאַרמען", קלאָר און פּשוט און מעלאָדיש. ער שטעלט אַקעגן דייטשלאַנד — די ראָמאַנטישע, די דרומדיקע קולטור.

און ער אַנטדעקט, אַז די דייטשן ווייסן בכלל נישט, וואָס דאָס איז קונסט.

ער אַטאַקירט ווייטער — טיפער, מוטיקער — דעם קריסטנטום. ווידעראַמאָל מער אין זיין פּראָטעסטאַנטישער, צפונדיקער אויסטייטשונג, ווי אין דער דרומדיק-קאַטוילישער פאָרם. רוים האָט, אייגנטלעך, ווייניקער קריסטנטום, ווי קלויסטערטום. אַ גאָלדענער געפעס — אָבער כּמעט אָן אַן אינהאַלט. דער פּראָטעסטאַנטישער קריסטנטום האָט שוין גאָרנישט קיין כּלי, גאָרנישט קיין פאָרם — ער איז בלויז אינהאַלט. אָבער דער אינהאַלט איז וואַסער — זויער וואַסער, און צעגיסט זיך.

פון דעם קריסטנטום צו דער רעליגיע בכלל, פון דער רעליגיע צו די מאָראַלישע באַגריפן. און ווי אין דער קריטיק פון דעם קריסטנטום, האָט ער זיך באַנוצט מיט די אַרבעטן פון שאָפּענהויער און דוד פרידריך שטרויס און רענאַן און אפילו זיין לערער ריטשל.

אזוי האָט זיך ניצשע אין דער פראַגע וועגן דער „אַנטשטייונג פון מאָראַל” אָנגעלענט אָן אַ יידישן פילאָזאָפישן שריפטשטעלער דר. פּאול רעע, איינער פון די יידישע חריפים, וואָס דענקען שאַרפער, ווי זיי שרייבן, רעדן בעסער, ווי זיי דענקען, און מאַכן בכלל דעם איינ־דרוק פון אַ צעריסענער, פּאַראַדאָקסאַלער און אומסימפּאַטישער נאַטור.

דר. רעע האָט זיכער נישט געמאַכט קיין נייע אַנטדעקונג. די ענגלישע פילאָזאָפיע, די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פון דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, פייערבאַך אין דייטשלאַנד — זיי האָבן אַלע צוגעגרייט און אויסגעאַרבעט דעם געדאַנק, אַז אונדזער מאָראַל איז נישט מער ווי אַן אַנטוויקלונג פון מורא־געפילן, אַז זיי זענען בלויז אַ שוץ־מיטל אַקעגן דעם אויסערן לעבן.

דר. רעע האָט צוגעגעבן אַ ביסל פעפער. ציניזם און די פאָרם — פון דעם אַפאָריזם. נישט מער דער לאַנגער, לאַגיש־אויפגעבויטער חיבור — מיט הקדמות און באַווייזן און היסטאָרישע דערקלערונגען — נאָר דער הוילער געדאַנק, שאַרף, פריש און אָפט אומפאַרשעמט.

ניצשע לערנט ביי אים ביידעס: געדאַנק און פאָרם. זיכער אויך דער אַפאָריזם איז נישט געווען קיין שפּאָגל־נייע, פּאַטענטירטע אַנטדעקונג. די פראַנצויזן האָבן זיך מיט אים באַנוצט שוין פאַר אַ פאַר הונדערט יאָר. פּאַסקאַלס „געדאַנקען” איז דאָס קלאַסישסטע ווערק. געבויט פון אַפאָריזמען, געדאַנקען — נישט איינאַנדערגע־פלאָכטן, נאָר אויפגעשנורט איינער נאָכן צווייטן — ווי פּערל אין אַ האַלדזבאַנד. די גרינגסטע פאָרם — אָבער אויך די שווערסטע. גרינג, ווייל מען דאַרף נישט האָבן קיין לאַנגן אָטעם און קיין טעכניק פון שרייבן. אָבער שווער — ווייל דער אַפאָריזם צווינגט צו קלאָרקייט און צום אמת. מען קאָן זייער שיין פאַררעדן די ציין, אָנפּלאָנטערן און אָנכמאַרען אַ צוויי־בענדיקן בוך. עס איז שווערער — אין אַן עסיי, עס איז כמעט אוממעגלעך אין אַן אַפאָריזם.

ניצשע גייט צו מיט פאַרטיקע מיטלען — צו אַ פאַרטיקער אויפגאַבע. פאָרם און געדאַנק זענען אָנגענומענע, איבערגענומענע, אָבער פאָרט — „אַט דאָס איז אַ העלד, וואָס האָט קיינמאָל גאָרנישט געטאָן אויף שאָקלען אַ בוים, אַזוי באַלד עס זענען געווען רייפע פירות אויף אים. עס דאַכט זיך אייך אויס צו ווייניק? קוקט אָן דעם בוים, וואָס ער האָט געשאָקלט”. ניצשע האָט געשריבן דעם

אפאָריזם — איךְ דער זאמלונג „דער וואַנדערער און זיין שאָטן״ — און האָט אפשר געמיינט דערמיט זיך, זיין גאַנצע דענקערישע אַרבעט.

די פּירות זענען געווען פּאַרטיקע, זיי האָבן זיך געבעטן געריסן צו ווערן — אָבער דער בוים, ווי שטאַרק, ווי הויך, ווי צעוואַקסן. עס איז דאָך די גאַנצע אייראָפּעישע, די גאַנצע מאָדערנע קולטור. עס איז די געשיכטע און איר ירושה. און ניצשע קעמפט אַקעגן דער געשיכטע. באַקעמפט זי מיט אירע אייגענע מיטלען — מיט דער געשיכטע. דאָס מיינט — ער קומט צו אַ קולטור־דערשיינונג און זאָגט צו איר: דו מיינסט דו ביזט גרויס, דו מיינסט דו ביזט הייליק, דער צענטער פון דעם לעבן, דער זאַפט פון דעם בוים — איך אָבער האָב דיך געקענט, ווען דו ביזט נאָך געווען גרין און פריש און יונג, — כ׳געדענק דיינע אָנהייבן. רעליגיע — איך קען דיך. דו ביזט אויסגעוואַקסן פון מורא, פון שוואַכקייט, פון צער איבער דעם אונטערגאַנג. איך וויס — דו ביזט בלויז אַ מאַסקע פאַר די ביינוע „נקמה־געפילן״, וואָס דער שוואַכערער האָט אַנטקעגן דעם שטאַרקערן. מאָראַל — איך קען דיך: דו ביזט די דלילה, וואָס פאַרנאַרט דעם שטאַרקן שמשון און שערט אים אָפּ זיינע האָר — און רויבט אים זיין כּוח. קולטור — דו ביזט אַ קאָמפּלעקס פון פאַרצאַמונגען, אַ סיסטעם פון נעצן פאַרשפּרייט פאַר די גרויסע פיש — כּדי זיי זאָלן נישט קענען אויפעסן די קלענערע — ווי די נאַטור האָט עס געוואָלט.

מיט איין וואָרט — קולטור איז אַ מרידה אַנטקעגן דער נאַטור. אַ מרידה נישט פון די שטאַרקע, נאָר פון די שוואַכע. און דערפאַר איז די גאַנצע קולטור — אַ נידערגאַנג. ווען דאָס לעבן איז געווען אין אויפגיין, איז די מאָראַל געווען — אַ „הערן־מאָראַל״, איז די קונסט געווען „קלאַסיש״, ד. ה. קלאָר, האָט זי געהאַט די „לימפּידעצאַ״, ווי ניצשע רופט זי אָן מיט דעם איטאַליענישן נאָמען. זי איז געווען: גריכיש.

ווען דאָס לעבן האָט אָנגעהייבן גיין באַרג־אַראָפּ — איז געקומען די קריסטלעכע מאָראַל — די מאָראַל פון און פאַר די שוואַכע — און די קונסט איז געוואָרן: דעקאַדענט. דער מאָדערנער מענטש לעבט אין איין פּעריאָד — אין קוקט צוריק אויף דעם צווייטן — און דערפאַר איז ער קאַסאָקע.

מען מוז אים היילן — מען מוז אים צוריקגעבן די גוטע ראיה. און דער דאָקטאָר, דער אויגן־דאָקטאָר איז: „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטוסטראַ“.

אַ בוך, וואָס פאַרשיכורט. אַ שפּראַך, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער דייטשער ליטעראַטור, אין דער וועלט-ליטעראַטור בכלל. די שפּראַך פון איינעם, וואָס ווייסט אַלע סודות פון די ווערטער און האָט פאַר זיי נישט קיין רעספּעקט און שפּילט זיך מיט זיי, ווי מיט אַ באַל. זיי שפּילן זיך, ווי יונגע לייבן, אָט די ווערטער פון ניצשעס זאַראַטוסטראַ. זייער שפּיל איז אָפט בלוטיק, אַכזריותדיק, אָבער זון איז איבער זיי, און דער ריח פון וואַלד און פרישן טוי. זאַראַטוסטראַ גייט אַראָפּ פון די בערג — צו די מענטשן, קומט מיט זיינע נייע לוחות. און איבער זיין קאָפּ — די אייביקע באַגלייטער זיינע: אַן אָדלער, וואָס טראָגט אַרום דעם האַלדז אַ שלאַנג. מוט און חכמה, שטאָלץ און — בייזקייט. גוטסקייט — אויבן־צו — שלאַנגען־ביס — אונטן.

ער פּרוווט זיך צו ברענגען פון די בערג די „נייע לוחות“. אָבער ער פילט, אַז עס זענען בלויז שטיינער — נישט קיין באַשריבענע. ער רופט צום „העכערן“ מענטשן, צום מענטשן, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן, וואָס זאָל אַרויסוואַקסן פון דעם היינטיקן מענטשן, פּונקט ווי דער איצטיקער מענטש איז אַרויסגעוואַקסן פון דער חיה. עס איז אים אַלצדינג קלאָר — אויבן אין די בערג. אָבער ער קומט צו די מענטשן, און זיי פאַרשטייען אים נישט. ער מערקט באַלד, אַז די וועלט איז גאָרנישט אַזוי פּשוט, ווי ער האָט זי זיך אויסגעמאָלט אין זיין וואָרט· און קונסט־איינזאַמקייט. און ער זינגט אַ ליד:

„דו אַלטער גליק, דו זיסע ליבע, יעדע לייד האָט דיר דאָס האַרץ צעריסן — פאָטער־לייד, אבות־לייד, זיידעס־לייד; דיין וואָרט איז רייף געוואָרן — רייף, ווי דער גאָלדענער האַרבסט און דער נאָכמיטאָג, ווי מיין נזיר־האַרץ — איצט רעדסטו: די וועלט איז אַליין שוין רייף געוואָרן — ברוין זענען די טרויבן — איצט וויל זי שטאַרבן פון גליק. איר, העכערע מענטשן, דערשמעקט איר עס נישט? עס גייט אַרויף אין סוד אַ גערוך — אַ גערוך און אַ טעם פון אייביקייט, אַ רויזן־גליקלעכער, ברוינער געלד־ווייַן־גערוך פון דעם אַלטן גליק — פון שיכורן טויט־נאַכט־שטאַרבן־גליק, און ער זינגט:

די וועלט איז טיף — און טיפער ווי דער טאָג האָט עס זיך געדאַכט".

ער פּרעדיקט אַ גאַנץ לעבן - פרייד, און צולעצט באַגרייפט ער, אַז פרייד איז אויך טיף — טיפער — ווי דאָס לייד, ווייל „פרייד וויל אייביקייט — וויל טיפע, טיפע אייביקייט".

און פאַרענדיקט זיין ליד : „האָט איר שוין מיין ליד געלערנט ? האָט איר שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס וויל ? גוט ! שיין ! איר העכערע מענטשן, טאָ זינגט־זשע מיר אַצינד מיין כאָר=געזאַנג. זינגט מיר איצט מיין ליד — וואָס הייסט „נאָכאַמאָל", וואָס מיינט : „אין אַלע אייביקייט". זינגט מיר, איר העכערע מענטשן, זאַראַטוסטראַס כאָר־געזאַנג".

דאָס ליד פון „נאָכאַמאָל".

אַלצדינג אויספּרובירט. אַלע מעגלעכקייטן אויסגעשעפּט. אַלע ענטפערן אויסגעליידיקט — און דאָס לעבן פרעגט : איז דאָס אַלץ ? איז דאָס דער זין ? איז דאָס מיין כוונה ? לעבן — צו שטאַרבן, — שטאַרבן — כדי אויפסניי ?

שאָפּענהויער האָט געענטפערט : נישט אויפסניי, נאָר אַ סוף— דאָס לעבן האָט נישט קיין זין.

ניצשע קאָן עס נישט פאַרטראָגן. דאָס לעבן האָט אַ זין, שרייט ער מיט האַרצווייטיק, שרייט ער מיט זיין בלוט. עס האָט, עס האָט. איר פאַרשטייט עס בלויז נישט. איר, העסלעכע מענטשן, איר, פאַרקרימטע, איר, טייל=מענטשן, איר האָט פאַרלוירן דעם צוגאַנג צו אים — דערפאַר „נאָכאַמאָל". מאַכט אַ נייע אָנשטרענגונג. זייט גובר דעם יאוש, ווילט — אַרויף, ווילט !

און אַ שטים זאָגט אים — די אינערע שטים : וועט דער העכערער מענטש זיין טאַקע לאַנג דער העכערער ? וועט די פרייד — אויב זי וועט קומען — זיין „אויף אייביק" ? איז עס נישט דער דין און דער גזר : אַראָפּ, אַרויף און ווידער אַראָפּ ?

ניצשע איז זיך מתיאש. און דאָס זאַראַטוסטראַ־בוך, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן ווי אַ הימן צום לעבן — קלינגט אויס אין לייד — און מיטלייד. און ניצשע, וואָס האָט געשטורעמט אַקעגן דעם רחמנות מיט דעם מענטשן, האָט געפאָדערט רחמנות — מיט דעם „איבערמענטשן".

ער האָט אין זיין לעצטן אויגנבליק געפילט, אַז דער „איבער־מענטש" איז פּאָרט אַ מענטש.

* *
*

אַ טראַגיש לעבן, אַן איינזאַם לעבן. ניצשע איז געווען אפשר דער איינציקער — נאָך פּאַסקאַלן — וואָס האָט דערפילט די פּראָבלעמען פון דער צייט, פון דעם היסטאָרישן מענטשן, אַזוי פּערזענלעך, אַזוי אינטים. דער געוויינלעכער מענטש נעמט די וועלט ווי זי איז — און לאָזט זי גיין. בעסער, ערגער, צעפרידן, ברוגז, אַלצדינג אויף אַ ווייל — אין זיין פרייער מינוט. און אפילו דער דענקער, דער מענטש, פאַר וועמען דאָס לעבן איז אַן אויפגאַבע און אַ פּראָבלעם — אויך ער באַציט זיך צו אים, אַזוי צו זאָגן, „פּאַכמעניש". אָפּגעטראַכט, דורכגעקלערט — און פאַרטיק. טראַכטן פון צען ביז פיר — דערנאָך לעבן. אַזוי האָט אפילו שאָפּענהויער, דער פּערזענלעכסטער פון אַלע דענקער, דער פּעסימיסט, דער לייקענער, זיך אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבן און הנאה געהאַט פון זיך און פון דער וועלט — און אפילו פון זיין ברוגז־טאַנץ.

ניטשע אָבער איז נישט געווען קיין „פּאַכמאַן", נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער דענקער. ער האָט געליטן פון זיין דענקען, ער האָט באמת זיך געראַנגלט — כמעט פיזיש — מיט וועלט און גאָט. „יאָ, איך ווייס פונוואַנען איך שטאַם", רופט ער אויס אין איינעם פון זיינע לידער:

> „אַ פלאַם איז אַלצדינג, וואָס איך באַריר,
> אַש איז אַלצדינג, וואָס איך לאָז.
> פלאַם בין איך — דאָס איז מיר קלאָר".

אַ פלאַם. אַ פייער האָט אין אים געברענט, און האָט אים פאַרברענט. און פלוצלונג, אין 1889 — אין איטאַליע — ווערט ער קראַנק. אַ פּאָר טעג פריער שרייבט ער בריוו צו זיינע פריינט. שרייבט צו געאָרג בראַנדעס, שרייבט צו פּעטער גאַסט, דעם מוזיקער, און — צו קאָזימאַ וואַגנער, זיין „אַריאַדנע" — אפשר די איינציקע פרוי, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן ליב געהאַט און דערשטיקט אין זיך די ליבע.

די בריוו זענען מערקווירדיקע. „דער געקרייציקטער" חתמעט ער זיך. ער פילט, ער זעט זיין לעצטן וועג פון ליידן, און קלייבט זיך אויס — אין דעם לעצטן מאָמענט פון זיין באַוווסטזיניקן לעבן — דעם אַלטן, גרייז=גרויען סימבאָל פון דעם „געקרייציקטן", פון דעם, וואָס ער האָט באַקעמפט. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ניצשע — דעם איראָפּעער. אָדער אפשר פאַר „דעם מענטשן": אין דער טראַגישסטער מינוט קומט צוריק דאָס אַלטע, דאָס פאַרגעסענע. אָנהייב און סוף באַרירן זיך.

דאָס פייער איז מיטאַמאָל אויסגעגאַנגען. ניטשע ווערט — משוגע.

עלף יאָר לעבט ער אָפּ אין זיין שטילן הויז אין ווייַמאַר, מיט זיין מוטער און שוועסטער — ביז ער ווערט אינגאַנצן אויסגעלאָשן — אין 1900.

אַ טראַגישער טויט פון דעם שטורעמדיקסטן לעבן, וואָס די מאָדערנע וועלט געדענקט. און דער איינציק מעגלעכער.

* *
*

די שוועסטער פון ניצשע, פרוי עליזאַבעט פערסטער=ניצשע, דערציילט אין איר ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן ברודער אַ זייער אינטערעסאַנטן שטריך. זי דערמאָנט דעם יחוס פון דער משפחה — און דערציילט, אַז ניצשעס זיידע, אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח, האָט אין דעם יאָר 1796 פאַרעפנטלעכט אַ ביכל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „גמליאל — אָדער די אייביקייט פון דעם קריסטנטום, כדי צו באַרויקן די אומרויקע גייסטער".

דער זיידע האָט אָנגעשריבן אַ „גמליאל" — כדי צו באַרויקן די גייסטער אין דעם קריסטנטום. דער אייניקל האָט אָנגעשריבן אַ „זאַראַטוסטראַ", כדי צו באַרויקן די גייסטער — און באַפרייען זיי פון דעם קריסטנטום. אָבער ביידע — גמליאל און זאַראַטוסטראַ — האָבן געוואָלט „באַרויקן". און עס איז זיי ביידן נישט געראָטן. ווייל קיינער קאָן נישט באַרויקן די „גייסטער", קיינער קאָן נישט ברענגען קיין שלום אויף דער וועלט. דאָס איז איר געזעץ — דאָס

איז איר ווילן. אפשר איז נישט אין שטורעם גאָט — אָבער די „רוּיקע שטילקייט” וואַקסט אויך אויס צו אַ שטורעם.

גייסט איז -- שטורעם — אָדער איז קיין גייסט נישט. און לייד איז גייסט — אָדער ער לעבט נישט. און אַ מדבר איז דער גייסט— מיט זעלטענע אָאַזן. „ווי צו דעם, וואָס באַהאַלט מדבריות אין זיך” — זאָגט ניצשע. יאָ, ווי, אָבער וואָס קען מען טאָן. וועלט איז ווי.

הערבערט ספּענסער.

האָט איר אַמאָל געזען, ווי ענגלענדער דיסקוטירן? גייט אַריין
אַמאָל זונטיק אין דעם לאָנדאָנער הייד־פּאַרק און שטעלט זיך אַנידער
לעבן איינער פון די בימות און הערט זיך צו, אָדער בעסער,
קוקט זיך איין אין די רעדנער און די צוהערער. אָט שטייט איי־
נער, אַ טונקעלער, מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ, ווי אַן אינדיער, און
דערציילט די גדולות פון בודיזם. עס שטייען אַרום קאַטוילים, פּראָ=
טעסטאַנטן, פריידענקער, מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן און פּראָ=
פעסיעס. קיינער שמייכלט נישט. קיינער מאכט נישט קיין חוזק.
אַלע רעדן ערנסט. אַמאָל וואַרפט איינער אַריין אַ וואָרט, אַ פראַגע;
דער רעדנער ענטפערט, גוט אָדער שלעכט, דער פרעגער איז, געַ־
ווייגלעך, נישט באַפרידיקט, נאָר ער זאָגט גאָרנישט, העכסטנס שאָקלט
ער מיטן קאָפּ און גייט ווייטער. ביי דער צווייטער בימה שטייט אַן
אַנדער פּובליקום און הערט אַ הייסן קאַטוילישן רעדנער. אויף דער
דריטער שרייט מיט אַלע כוחות אַ פּרעדיקער פון „דיירעקט עקשאָן",
ד. ה. פון אַ מין באָלשעוויזם אין ענגלישער פאָרם; צערייסט אויף
שטיקלעך די געזעלשאַפט, שיט כעך און שוועבל, אָבער דער עולם
צעברענט זיך נישט, צעפּלאַקערט זיך נישט — דער רעדנער אויך
נישט. אָפּגערעדט, אויסגעהערט און אַוועקגעגאַנגען.

דאָס איז די ענגלישע נאַטור. קילקייט, נישט=פאַראינטערעסירט=
קייט, אומפּערזענלעכקייט און — רעספּעקט. אייגנטלעך איז רעספּעקט
פאַר דעם צווייטן און טאָלעראַנץ צו איטלעכן אַ מעלה, וואָס קומט
פון אַ חסרון. אַן אומגעהייערע מעלה פאַרן צווייטן, אָבער אַ חסרון
פאַר זיך אַליין. וואָס איז דען רעספּעקט? דער באַוווסטזיין, אַז דער
צווייטער איז אויך אויף זיין אופן גערעכט. איך בין גערעכט, דו

בּיזט געדעכט, אַזוי ווי דער דעראַזשנער רב פּלעגט זאָגן. אַמאָל איז דאָס פּאַר לויטער צדקות; אַמאָל, אָבער, גאָרנישט צוליב אַזוינע פּייגלדיקע טעמים. אפשר פּשוט דערפאַר, וואָס דער גלויבן אין דעם אייגענעם געדעכטזיין איז נישט אַזוי שטאַרק. ס'איז אַ „מהיכי-תּיתי"-שטימונג. ס'איז אַ לאָז-מיך-געמאַך און לאָז-דיך-אויך-געמאַך. ס'איז געמיטלעך, ס'איז באַקוועם, אָבער מער נישט. ס'פעלט אָבער ליידנשאַפט, ס'פעלט פייער, פאַנאַטיזם, אפילו דער פאַנאַטיזם פון צווייפלען. עס איז, ווי ה. ג. וועלס זאָגט, אַ „נישט הייסער און נישט קאַלטער, מיטלמעסיק וואַלפּיינער ה ע ר ב ע ר ט = ס פ ע נ ס ע ר = ו ו ע ט ע ר".

דאָס איז איינע פון די טרעפנדיקסטע, שאַרפסטע און טיפסטע קריטיקן — סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן — פון הערבערט ספּענסער, דעם ענגלישן דענקער, וואָס האָט אַ שטיק צייט באַהערשט דאָס דענקען פון דער ברייטער שיכט אינטעליגענץ אין דער גאַנצער וועלט. און אפילו היינט, ווען זיין נאָמען איז שוין אַריבערגעגאַנגען אין דער געשיכטע און זיינע ווערק אויף די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקן, אפילו היינט, ווען אַלע קענען אים און ווייניק לעזן אים — ווי יעדן, וואָס איז געוואָרן אַ „קלאַסיקער" — אפילו היינטיקן טאָג, און אפשר איצט מער, ווי מיט פינף יאָר צוריק, גלוסט זיך אַריינקוקן באַכאַמאָל אין די רויִקע, קלאָר-וואַסערדיקע, נישט מגזמדיקע ביכער פון ספּענסער, פּונקט ווי מען זעצט זיך, נאָך אַ לאַנגער און משונהדיקער ווילדער אויטאָמאָביל-רייזע, אריין אין אַ ווייכן שטול, אין פאַנטאָפל און מען רוט זיך אָפּ. ס'ווערט מיטאַמאָל אַזוי רויִק אויפן האַרצן. די וועלט ליגט פאַר אייך אַזוי ווי אַ לאַנדקאַרט: אָט דאָס זענען אירע ליניעס, דאָרט אַ באַרג, דאָרט אַ טאָל, נאָך ים — יבשה, איינס שטערט נישט דאָס צווייטע, אַלצדינג איז ווי ס'דאַרף זיין, און אַלצדינג איז צום בעסטן.

וואָס וויל יעדער פון אונדז וויסן? דער דענקער, דער פּאָרשער און דער גלאַט אַזוי מענטש. די ערשטע פראַגע, וואָס קומט אים אויף, ווען ער איז נאָך יונג, איז: וואָס איז די וועלט? כמעט יעדער יונגערמאַן, אויב ער איז נישט קיין קלאָץ און קיין פערדיונג, איז אַ מעטאַפיזיקער און שטעלט די אייביקע קשיות: „מה לפנים ומה לאחור". — און וואָס אַ קולטור איז יענער, איז זי פילאָזאָפישער, פול מיט אַזעלכע פראַגן, אויף וועלכע מען קאָן גאָרנישט ענטפערן.

דערפאַר האָבן נאָר יונגע קולטורן אויסגעטראַכט רעליגיעס. יעדע רע־ליגיע איז די פילאָזאָפיע פון אַ פרימיטיוו פאָלק. און די וועלט טראָגט אויף זיך די הטאים פון איר יוגנט נאָך עד היום...

ווערט מען עלטער, פאַלט די ערשטע פראַגע אָפּ. גישט דער־פאַר, וואָס מען האָט זי פאַרענטפערט, נאָר ווייל מען איז מיד גע־וואָרן פרעגנדיק און ווייל די פראַגן האָבן זיך אַרויסגעוויזן איבעריק גו, גוט, איך ווייס שוין. וואָס=זשע איז, וואָס ווייטער? די הויפּט=זאַך איז דאָך: ווי אַזוי זאָל איך לעבן, כל=זמן איך לעב, וואָס זאָל איך טאָן אויף דער וועלט, וואָס איז מיין ראָלע, מיין פלאַץ? לעבן מיר זענען דאָ נאָך אַנדערע מענטשן, נאָענטע, ווייטע, גאָר ווייטע — וואָס פאַר אַ התחייבות האָב איך צו זיי און ווי ווייט קאָנען גיין מייגע פאָדערונגען פון זיי? איך טאָר אַ סך זאַכן נישט טאָן, מען לאָזט מיך נישט. אָבער ווען מען זאָל מיר לאָזן, אָדער ווען איך זאָל האָבן דעם כוח צו ברעכן דעם געזעץ — וואָלט איך עס געמעגט טאָן? ווו איז די גרענעץ פון מיין איך? מיט אַנדערע ווערטער, די פילאָזאָפיע ווערט עטיק, ווערט סאָציאָלאָגיע, וואָס איז אפשר צוויי ווערטער פון איין זאַך.

די אייגנאַרטיקייט פון דעם מענטשלעכן דענקען איז געווען פון תמיד אָן, וואָס זיין אויסגאַנגס-פונקט איז — עטיק, זיין צענטרום — דער מענטש, זיין ענדפונקט ערשט — גאָט אָדער וועלט, אָדער וואָ=סערע יתרוס נעמען איר זאָלט נישט געבן דעם, פאַר וועלכן מיר קאָנען גאָרנישט האָבן קיין נאָמען און נישט האָבן קיין באַשטימונג. „יעדע באַשטימונג איז אַ באַגרענעצונג”, זאָגט שפינאָזאַ, און ווי קאָן אַ כוואַליצלע אָפּגרענעצן דעם אָקעאַן?

זייער זעלטן האָט זיך דער ענגלענדער באַשעפטיקט מיט פילאָ־זאָפישע פראָבלעמען צוליב דער פילאָזאָפיע גופא. און די ווייניקע, וואָס האָבן עט געטאָן - בערקלי, ריד, העמילטאָן — זענען געווען אָדער אירלענדער אָדער שאָטלענדער. דער ענגלענדער איז יום, איז לאָק, וואָס לאָזן זיין סודות, וואָס שטודירן בלויז די מענטש־לעכע מאַשין, וואָס זיי קענען פון אינעווייניק און ווייזן אָן די מע=טאָדע, ווי אַזוי צו פאַרשטיין, כדי נישט צו פאַרלירן די גלייכע ליניע. וואָס זיי האָבן געפאָרשט, איז: ווי אַזוי זאָל דער מענטש לעבן,

ווי זענען זיינע גרענעצן? און פון זייער פילאָזאָפיע איז געוואָרן פּאָליטיק. אָדער אפשר איז זייער פילאָזאָפיע געווען נישט מער, ווי אַן איינלייטונג צו זייער פּאָליטישער סיסטעם?

און אַזאַ ענגלענדער, נאָר נאָך רויקער ווי יום און לאָק, וועלכע האָבן געלעבט פּאָרט אין אַ צייט פון שטורעמס און פּאָליטישער נישט קריסטאַליזירטקייט, אַן ענגלענדער מיט אַ געזעצטן שכל און געמעסיקטע געפילן, איז געווען הערבערט ספּענסער, דער פילאָזאָף פון דעם ליבעראַליזם. נישט פון אינדיווידואַליזם, ווי מען זאָגט געווינלעך אויף דעם סמך, וואָס ספּענסער רעדט אַזוי אָפט פון דעם רעכט פון אינדיווידואום אַנטקעגן שטאַט. דער אינדיווידואַליזם, פון וועלכן מיר רעדן, איז גאָר עפּעס אַנדערש, ברייטער, טיפער, נישט-פאַרשטענדלעכער און פול מיט ווידערשפּרוך: ניצשע איז אַן אינדיווידואַליסט, דער רעאַקציאָנערער, מאָנאַרכיסטישער ענגלענדער האָבס איז געווען אַן אינדיווידואַליסט, ווייל אַלע האָבן זיי אַוועקגעשטעלט די אינדיווידואומס נישט איינעם לעבן דעם צווייטן, ווי מען שטעלט אַנידער ציפערן: איינס, צוויי, דריי — צאָלן, וואָס אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע נאָר דורך חיבור, נאָר איינע איבער די אַנדערע. אינדיווידואַליזם איז דער היפּוך פון גלייכהייט. אינדיווידואַליזם מיינט הערשן, באַפעלן, פירן, צווינגען.

אָבער די וועלט פון הערבערט ספּענסער איז געווען אַ וועלט פון גלייכהייט און פון חבור. אַזוי האָט ער זיך דעם נאַטור-פּראָצעס פאָרגעשטעלט: לכתחילה די גרויסע מאַסע פון זיך-גלייך-זיין. דערנאָך קומט אַ צעטיילונג, די איינהייט ווערט צעריסן, די טיילן שיידן זיך אָפּ, שטויסן זיך, קעמפן צווישן זיך, באַוועגן זיך, ביז עס קומט דער אויסגלייך — די טיילן ווערן ווידער צוזאַמענגעבונדן, גרופּירט, אָרגאַניזירט, מיט אַנדערע ווערטער: די וועלט איז אַן אָרגאַניזאַציע-פּראָבלעם. דער געדאַנק איז נישט אַזוי ניי און אויך נישט כאַראַקטעריסטיש ענגליש-ספּענסעריש. אָבער דאָ קומט אַריין דאָס ספּענסערישע: די וועלט איז אַ קאָאָרדינאַציע-פּראָבלעם. אָרגאַניזירן איז איבער אַנאַנדער, ס'איז אַ פראַגע פון לענג און ברייט און טיף; קאָאָרדינירן איז — לעבן אַנאַנדער, בלויז ברייט.

און אָט דאָס איז ליבעראַליזם. אַלע טיילן כמעט גלייך. דער

וואָלף איז נישט מסוכן און דאָס לעמעלע איז אויך נישט אַזוי קריסט־לעך, אַלע פון איין האָלץ געשניטן. מען גלייכט זיך אויס.

איינער פון די מאָדערנע ענגלישע שרייבער, ג. לאוּעס דיקינסאָן, דער פּראָפעסאָר פון די קלוגע „בריוו פון אַ כינעזער", אויף וועלכע וויליאַם דזשעניגס ברייען האָט געשריבן אַזאַ קינדישן און גלחותדיקן ענטפער, האָט אין איינעם פון זיינע פיינע ביכער („די סעודה", גע־דרוקט אין דעם יאָר, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן), אין וועלכן ער לאָזט רעדן אַלע פאַרטרעטער פון דעם מאָדערנעם ענגלישן גייסטיקן און פּאָליטישן לעבן, דורך זיין פירנדיקן ליבעראַלן שטאַטס־מאַן רעמענהעם (געמיינט גלאַדסטאָן), געגעבן אַזאַ דעפיניציע פון ליבעראַליזם: „ווי אַזוי זאָלן מיר, מענטשן, אָפּמעסטן און אָפּגרענעצן די נאַטור? מיר מוזן זיך אונטערוואַרפן מיט עניוות אונטער איר פי־רונג און צופּאַסן אונדזערע איינריכטונגען אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן אַזוי ווייניק, ווי מעגלעך, שטיין אין וועג פאַר איר באַוועגונג און די אַרבעט פון אירע כוחות. ווייל נאָר דורך קאַמף קומט דאָס הע־כערע אַרויס פון דאָס נידעריקע און די נאַטור איז כמעט אַליין אויך בלויז אַ צושויערין. קוקט צו, ווי איר וועלט אַרבעט זיך אַרויס פון דעם כאַאָס. זי כאַפּט זיך נישט צו שאַפן. זי פאַרהאַלט נישט ביי אַ באַשטימטן פונקט דאָס גערן פון דער שאַפונג. און אַזוי מוז זיין אויך אין דער פּאָליטיק. זי מוז וואַקסן ווי אַ הויט איבער דעם לעבעדיקן געוועב פון דער געזעלשאַפט. ווער זענען מיר, אַז מיר זאָלן קאָנען זאָגן צו דעם אָדער יענעם מענטשן: גיי אַקער, גיי שטיי אין קלייט, גיי רעגיר דאָס לאַנד? מיט וועלכן רעכט קאָנען מיר זאָגן דעם סוחר: „דיין כוח גייט ביז אַהער", און צו דעם אַקערבויער: „דיין כוח — ביז אַהין". מיר מוזן איטלעכן באַזונדער זאָגן: „נעם איין דעם פּלאַץ, וואָס דו קאָנסט, די מאַכט, וואָס דו קאָנסט געווינען, און... געטרוי דעם פאָלק!"

און פון אַלע ענטפערס, וואָס אַלע געסט פון דער „סעודה" גיבן אויף דעם ליבעראַלן „אני מאמין", איז אפשר דער אינטערע־סאַנטסטער און אונדז נאָענטסטער — דער פון דעם איטאַליאַניזירטן, פאַר'דרומ'טן הערינגטאָן, וועלכער זאָגט: „מיר פעלט דאָ, אין ענגלאַנד, ליכט, פאָרם, גרויסקייט און רחבת־ידים — איטאַליע קלינגט ווי מע־

טאַל, ענגלאַנד — ווי מיט אַ וואָל פּאַרוויקלטער באַראַבאַן... דער ענגלענדער מאַכט זעלטן אַן ערנסטן פּאַרצוף צו קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין. ער פּאַרשפּאַרט זיך הינטער גרינגע פּאַראַקנס און לעבט אינטעלעקטועל — אין אַ לאַנד פון קליינע פעלדער. איך האָב אַזוי לאַנג געלעבט מיט אַריסטאָטעל און מאַקיאַוועלי, אַז איך פיל מיך נישט היימיש אין דעם לאַנד פון אַנגליקאַנישן קריסטנטום און פון — הערבערט ספּענסער".

איך וואָלט נאָכמער געזאָגט — „אין דעם לאַנד פון דעם קלאַסישן הערבערט־ספּענסערישן ליבעראַליזם".

איך גיי דאָ צו צו הערבערט ספּענסערס פילאָזאָפיע פון איין באַשטימטער זייט — פון דער סאָציאָלאָגישער און פּאָליטישער. דאָס אַנדערע, זיין „וועלט־סיסטעם", זיין פילאָזאָפיע, זיינע „ערשטע פּרינ-ציפּן" האָבן פּאַר מיר, האָבן פּאַר אונדזער צייט נאָר אַ קליינעם ווערט. ספּענסער איז נישט געווען קיין וויסנשאַפטס=מענטש. ער האָט נישט נאָר אַליין נישט געפּאָרשט, ער האָט אפילו זיך אין די פּאָר=שונגען פון אַנדערע ווייניק פּאַרטיפט. זיינע ווערק באַווייזן עס, זיין אויטאָביאָגראַפיע ווייזט עס בפירוש. ער האָט געהאַט איינאיינציקע פילאָזאָפישע אידעע, און דאָס איז אויך געווען נישט קיין אידעע, נאָר אַ בילד: די אַנטוויקלונג פון דעם כאַאָס צו דער געאָרדנטקייט. זיין אַנטוויקלונגס־געדאַנק איז אומוויסנשאַפטלעך, ד. ה. מען קאָן מיט אים נישט בויען ווייטער, ער גיט קיין שום יסוד נישט. ס'איז אַ השערה, נישט מער. און ער האָט מיט אַ געוואַלטיקער עקשנות און ווייניק ·פילאָזאָפישער זעלבסט־זיכערקייט געהאַלטן אין איין בויען — זיין גאַנץ לעבן — אויף דעמדאָזיקן יסוד, נישט פרעגנדיק זיך אפילו, צי מען קאָן דערויף בויען.

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. שיטות קומען און גייען, און אַלע זענען בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ צייט=שטימונג, אָדער ריכטי-קער, א וועלט-שטימונג, — וואָרים דער מענטש פּאַרמאָגט נאָר אַ קליינע צאָל פון אופנים, ווי אַזוי צו קומען אויף דער וועלט--אריינ־געטונקט אין דער אַטמאָספּערע פון אַ צייט.

און די ספּענסערישע איז געווען: דער רויקער, זיכערער, רע=ספּעקטפולער ליבעראַליזם, דער אַנטי־רעוואָלוציאָנערער עלעמענט פון

דער מענטשלעכער קולטור. מיר, פון רוסלאַנד, געדענקען דעם צאָרן, מיט וועלכן עס האָט זיך מיכאַילאָווסקי אין זיין צייט אַרויסגעוואָרפן אויף ספענסערס פילאָזאָפיע, ווי אַזוי ער האָט זי צעביסן און צעריסן. נישט דערפאַר, וואָס זיין מעטאַפיזיק איז אים נישט געפעלן — מיכאַילאָווסקי האָט ווייניק וואָס פאַרשטאַנען אין די קליינע אותיות פון טיפער חקירה — נאָר דערפאַר, וואָס דער אַנטי-רעוואָלוציאָנערער רוקער, ליבעראַלער ענגלישער גייסט איז געווען אַזוי פרעמד, אַזוי קאַפּויר דעם מאַקסימאַליסטישן, ווילד-רעוואָלוציאָנערן, אָדער ווילד-רעאַקציאָנערן, תמיד עקסטרעמען און קיינמאָל נישט רעספּעקטפולן פאַר דאָס פשוט-מענטשלעכע אין דעם מענטשן — רוסישן כאַראַקטער.

ספענסער האָט געקאָנט וואַרטן. ער האָט נישט געפילט די ליידן פון דער וועלט. ער האָט אין דעם אייגענעם ענגלאַנד, ווו דער היפּוך צווישן אָרעם און רייך איז געווען אַזוי גרויס, ווו צווישן דעם לאָרד און דעם קוילנאַרבעטער איז געווען אַ תהום — און טאַקע אַ ממשותדיקער — פון שוואַרצע, שטיקנדיקע קוילן; אין דעם ענגלאַנד, וואָס דיקענס האָט מיט אַזאַ פּאַטאָס באַשריבן, וואָס קאַרלייל האָט מיט פאַרביסנקייט און נביאותדיקייט געמוסרט, — אין אָט דעם ענגלאַנד האָט ער געזען אַ שפּיל פון פרייע קרעפטן, אין וועלכן מען טאָר זיך נישט אַריינמישן. מיכאַילאָווסקי האָט אַפילו די אילוזיע נישט געקאָנט האָבן. ער האָט נישט געקאָנט, נישט געטאָרט וואַרטן. און דעמאָלט איז מיכאַילאָווסקי געווען גערעכט.

ווער איז היינט גערעכט? מיכאַילאָווסקי איז אויסגעשפּילט: מען איז אין רוסלאַנד געגאַנגען מיילן ווייטער פון אים און פּאַרקערעוועט גאָר אויף אַן אַנדער וועג. אָבער אויך ספענסער מיט זיין ליבעראַליזם, מיט זיין זיך נישט וועלן אַריינמישן אין דעם געוועלשאַפטלעכן פּראָצעס, איז נוצלאָז פאַר אונדז. מען וועט זיך נישט, מען קאָן זיך נישט צוריקקערן צו אים. צו אים, דאָס הייסט צו זיין ליבעראַליזם.

אָבער איך מיין, אַז גערעכט איז דער באַקאַנטער ענגלישער פּובליציסט הערריסאָן, ווען ער זאָגט אין איינער פון זיינע נישט לאַנג-דערשינענע עסייס, אַז די וועלט קאָן נישט אינגאַנצן אוועקמעקן

ספּענסערן. עפּעס איז אין אים, וואָס צווינגט אונדז אָפּט אומצוקערן זיך צו אים. און דאָס עפּעס איז נאָך מיין מיינונג: דער רעספּעקט, דער יראת הכבוד פאַרן מענטשן. דאָס איז זיין אינדיווידואַליזם, וואָס איז ביי אים פאַרגלעט און פאַרוואַסערפאַרבט געוואָרן, אָבער וואָס איז דער גרויסער קאָרעקטיוו, די איינציקע נייטיקע הערה און פאַרבעסערונג, וואָס מען דאַרף מאַכן אין דעם סאָציאַלן לעבן פון היינט און פון מאָרגן.

ווילהעלם ווונדט.

I

מען האָט אַמאָל געלעבט אין טעות. מען האָט געמיינט, אַז דענקען פירט, דענקען לערנט, דענקען איז משפיע אויפן לעבן. דעם טעות האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט נאָר די, וואָס האָבן אַליין גע־לעבט בלויז אין די ד׳ אמות פון דער הלכה, אין דער פאַרמויערטער וועלט פון וויסנשאַפט, פון פילאָזאָפיע.

עס איז געווען אַ פאַלשע פּרעטענזיע. די טיפערע האָבן עס שוין לאַנג געוווּסט. פּונקט ווי אין מיטלאַלטער איז די פילאָזאָפיע געווען די „דינסט פון דער טעאָלאָגיע", אַזוי איז זי שפּעטער געוואָרן די דינסט פון דער פּאָליטיק, די דינסט פון דעם פּראַקטישן לעבן; אַנ־דערש אויסגעדריקט: דער שכל איז געווען תמיד און איז געוואָרן אַלץ מער און מער דער קנעכט פון דעם אינסטינקט.

אָט דאָס קלאָרע פאַרשטיין פון דעם, וואָס איז באמת, דאָס פאַרשטיין פון דער באַגרענעצטקייט פון דעם שכל, האָט אין די לעצטע יאָרן געבראַכט צו אַן אומשאַצונג פון דער גאַנצער פילאָ־זאָפיע. נישט בלויז, וואָס די פילאָזאָפיע איז אַראָפּ פון איר העכסטן פּלאַץ; זי האָט פאַרלוירן בכלל איר פּלאַץ. זי בלאָנקעט זיך אַרום און ווייסט נישט, ווו זיך צוצוטוליען.

איז פילאָזאָפיע וויסנשאַפט? איז זי קונסט? האָט זי בכלל אַ ווערט אין דעם לעבן?

און די פילאָזאָפן פון היינט, — אָפן אָדער פאַרשטעלט, וויסנ־

דיק אָדער אומוויסנדיק, — זאָגן איר אָפּ די יאָרן, לייקענען זי אָפּ אין איר עצם.

און די וועלט ווערט ליידיק; וויסנשאַפט אַליין קאָן זיך נישט אויספילן, קונסט אַליין קאָן זיך נישט פאַרענטפערן. כדי צו לעבן, צו געפינען אַ וועג און אַ שליאַך, מוז מען האָבן אַ ליניע, וויסן, אָדער מיינען, אַז מען ווייסט, ווו מען האַלט, ווו מען גייט; עס מוז זיין אַ פאָדעם, וואָס פאַרבינדט און בינדט צונויף דעם מענטשן מיט די דערשיינונגען, דעם מענטשן מיט זיך אַליין. די אַמאָליקע פילאָזאָפיע האָט זיך געגעבן די מי צו זיין דער „חוט המשולש“, דער געטריפלטער, שטאַרקער פאָדעם, דער אייזערנער שטריק, וואָס בינדט אונדז צום ברעג פון דער ווירקלעכקייט, טאָקע ווען מיר לאָזן זיך אַריין אין די טיפע וואַסערן פון דעם אוממשותדיקן.

די פילאָזאָפיע פון אַמאָל האָט אונדז געגעבן אַ — סיסטעם; די פילאָזאָפיע פון היינט גיט אונדז, העכסטנס, אַ — קריטיק.

עס איז געווען אין די דענקער פון אַמאָל אַ מין געזונטע, גייסטיקע באַשרענקטקייט, אַ נאַיִוויטעט, וואָס האָט געהאַט אַ שעפערישע קראַפט. אָן נאַיִוויטעט קאָן מען נישט שאַפן, און אָן שאַפן, — וואָס איז יעדע אַרבעט? שאַפן הייסט געבן א פאָרם דעם צעשפּרייטן, דעם אומגעשטאַלטיקן, דעם כאַאָטישן.

און אפילו ווען דאָס שאַפן פירט בלויז צו דערווייליקע רעזולטאַטן, — וואָס איז די נפקא־מינה? דאָס אַליין איז שוין אַ טאַט און אַ פאַרדינסט.

עס זענען דאָ ווייניק דענקער פאַר די לעצטע פופציק יאָר, אויף וועלכע מען זאָל קאָנען זאָגן, אַז זיי האָבן געשאַפן אַפילו בלויז דערווייליקע פאָרמען פאַר דעם דענקען, און צו די ווייניקע געהערט דער נאָר וואָס פאַרשטאָרבענער זקן־שבחבורה, דער לייפּציקער פילאָזאָף, ווילהעלם וווּנדט.

עס זענען דאָ צוויי אופנים, ווי צו פילאָזאָפירן: פון דעם כּלל, פון דער גרונט־שטימונג, צום פּרט. דאָס איז איין אופן, — דער מער מענטשלעכער, קינסטלערישער, נביאישער. אַזוי האָבן פילאָזאָפירט די ערשטע גריכישע דענקער; אַזאַ פילאָזאָף איז געווען פּלאַטאָן, און אין דעם 19־טן יאָרהונדערט די גאַנצע שולע פון די דענקער, וואָס איז געקומען נאָך קאַנט: העגעל, פיכטע, שעלינג, שאָפּענהויער, א. אז. וו.

עס איז דאָ אַ צווייטער וועג: פון די פּרטים, פון די איינצעל־ווייזע באַאָבאַכטונגען אויסבויען, ווי פון ציגל, איינציקווייז אַ געביי. אַזאַ דענקער איז געווען אַריסטאָטעלעס.

דער אונטערשיד איז נישט בלויז אין דער מעטאָדע, אָבער אויך אין די רעזולטאַטן. אַ דענקער פון דעם פּלאַטאָנישן טיפּ גיט אונדז אַ לעבנסאָנשויונג. איז מער נביא, מער עטיקער. דער אַריסטאָטעלישער דענקער גיט אונדז וויסנשאַפט. דער ערשטער גיט אונדז כּללים און לאָזט עס איבער אונדז אַליין צוצופּאַסן די כּללים צו די פאַקטן; און אויב די פאַקטן ווילן נישט צופּאַסן זיך, איז, ווי העגעל האָט אַמאָל געזאָגט, ערגער פאַר זיי.

דער צווייטער פירט אונדז דורך דעם לאַבירינט פון פאַקטן, טריט ביי טריט, בינדט זיי צונויף, קיטעוועט זיי צוזאַמען, און ווערט סוף כּל סוף נישט פאַרטיק מיט דער אַרבעט. ער לייגט דעם יסוד, אָבער ער האָט שוין קיין צייט און קיין קראַפט נישט צו שטעלן דעם דאַך. און פונקט ווי ביי די פּלאַטאָנישע דענקער, האָבן מיר אַ פאַנטאַסטישן געביי, מיט גאָלדענע ווענט, מיט אַ דאַך פון קרישטאָל, אָבער אָן אַ פונדאַמענט, אַזוי איז ביי די אַנדערע, די מער פּאָזיטיווע, די מער האַרט־ביי־דער־ערדיקע, דאָ בלויז אַ יסוד, אַ פּלאַן אָבער גאָרנישט פאַרטיקס. אָנגעוואָרפענע ציגל און שטיינער און הויפנס קאַלך, מיט וועלכע עס קאָן אַמאָל אפשר אויסוואַקסן אַ פּאַלאַץ.

צו דער צווייטער, — אַריסטאָטעלישער, — גרופּע האָט געהערט ווילהעלם וווּנדט. ער איז, אייגנטלעך, געווען נישט קיין פילאָזאָף, נאָר אַ פאָרשער. קודם־כּל אַ געלערנטער, דערנאָך אַ דענקער; צו־ערשט פאַקטן און וויסן, דערנאָך ערשט דאָס צוזאַמענבינדן און סי־סטעם, — בויען. וווּנדט האָט אָנגעהייבן זיין וויסנשאַפטלעך לעבן מיט אַ יאָר זעכציק צוריק, ווען די פילאָזאָפיע האָט געהאַלטן ביי אַ זייער טרויעריקער מדרגה, ווען פילאָזאָפיע איז געווען אָדער געשיכטע, דערציילן, וואָס אַנדערע האָבן אַמאָל געטראַכט, אָדער גלאַט פאַנטאַ־זיעס אין דער וועלט אַריין. דעמאָלט האָט די נאַטורוויסנשאַפט אָנגעהייבן צו הערשן. דאַרווין האָט אַריינגעטראָגן זיין גרויסן סיסטעמאַטישן געדאַנק אין דער וויסנשאַפט פון לעבעדיקע אָרגאַ־ניזמען; די פיזיק און די כעמיע האָבן געפונען נייע וועגן און מעטאָדן.

וווּנדט איז געווען לכתּחילה אַ נאַטור-וויסנשאַפטלעכער, האָט שטודירט מעדיצין און פיזיק און איז געווען אַן אסיסטענט פון דעם געניאַלן נאַטורפאָרשער העלמהאָלץ. וווּנדטס ערשטער געדאַנק איז געווען: צופּאַסן די פּסיכאָלאָגיע צו דער נאַטורוויסנשאַפט, מאַכן די וויסנשאַפט פון די מענטשלעכע איבערלעבענישן פאַר אַ פּאָזיטיווער פאָרשונג. דאָס איז געווען נישט קיין נייער געדאַנק. העלמהאָלץ, און פאַר העלמהאָלץ — אַנדערע: פעכנער, וועבער, לאָטצע און די ענגלישע פּסיכאָלאָגן, האָבן געאַרבעט איבער דעמדאָזיקן פּראָבלעם, געלייגט דעם יסוד צו דער אַזויגערופענער „פּסיכאָ-פיזיק", ד. ה. די וויסנשאַפט פון די פיזיאָלאָגישע גרונטלאַגן פון אונדזער אינעווייניקן „גייסטיקן" לעבן. די פּסיכאָלאָגיע האָט אויפגעהערט צו זיין ריינע פילאָזאָפיע, פאַנטאַזיעס איבער „נשמה", זי איז געוואָרן אַ וויסנשאַפט, וואָס האָט אַ מעטאָדע, — אַ וויסנשאַפט פון מעסטן און וועגן, ד. ה. אַן עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפט.

וווּנדט איז צוגעטראָטן צו דעם פּראָבלעם מיט אַ שטאַרקן, רייכן וויסן, ווי אַ ספּעציאַליסט; און דער רעזולטאַט פון זיין אַרבעט איז געווען — דאָס שאַפן פון אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס ווערט געפאָרשט אין לאַבאָראַטאָריעס.

עס איז געווען אַ מין איבערקערעניש אויף דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע. וואָס איז געווען אַמאָל די פּסיכאָלאָגיע? מען האָט געחקירהט פון דער „נשמה" און אירע אייגנשאַפטן, מען האָט גערעדט איבער ווילן, פאַרשטיין, פאָרשטעלן, — מען האָט גערעדט אַרום און אַרום, אָבער קיינמאָל נישט גענוי, קלאָר; און עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען דערפון, עס האָט זיך צו גאָרנישט געפירט. וווּנדט האָט זיך פאַרגעבן מיט אַן אַנדער אויפגאַבע: אים האָט נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט וואָס די „נשמה" איז, נאָר ווי אַזוי זי לעבט, וואָס זענען די אופנים ווי זי רעאגירט. למשל, מיר זען, מיר הערן. ווי אַזוי זען מיר? ווי אַזוי הערן מיר? — די פיזיאָלאָגיע זאָגט אונדז: די זע- אָדער די הער-נערוון פירן דעם איינדרוק ביז צום צענטרום אינם מוח, און דערפון קומט אַרויס דאָס בילד, אָדער דער טאָן. אָבער דאָס איז גאַנץ אַלגעמיין גערעדט. כדי צו פאַרשטיין באמת דעם פּרינציפּ פון זען און הערן, מוז מען אים נאָכפאָלגן אין די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך, אין די פיינסטע פאַרענדערונגען און פאַרצווייגונגען; די איינצלנע פאַרבן, די איינצלנע

קלאַנגען, זייער צוזאַמענזעצונג, זייער צוזאַמענשפּיל, די אַלע מעג=
לעכע קאָמבינאַציעס, — אָט דאָס אַלץ איז די אַרבעט פון אַן עקס-
פּערימענטאַלן פּסיכאָלאָג, די אַרבעט פון אַ לאַבאָראַטאָריע. דאָס איז
וווּנדערס שולע. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ דער פּרוזדור. די אמתע
פּראָבלעמען פון דער פּסיכאָלאָגיע הויבן זיך אָן ביים פאַרשטיין און
פאַרשטעלן.

ווי אַזוי ווערן די אַלע פאַרשידענע איינדרוקן פאַרבונדן אינ-
איינעם? ווי אַזוי ווערט פון דעם פיזיאָלאָגישן לעבן אַ פּסיכיש?

דאָ ענדיקט זיך די אַרבעט פון דער לאַבאָראַטאָריע. עס הייבט
זיך אָן די אַרבעט פון דעם דענקער. צוערשט — וואָס איז דאָס
פּסיכישע לעבן? וואָס איז די „נשמה"? — צו דער פראַגע מוז מען
פריער אָדער שפּעטער קומען. מען מעג דאָס וואָרט פאַרבייטן אויף
אַן אַנדערן, אָנרופן עס „באַוווּסטזיין", אָדער ווי אַזוי מען וויל, דער
תּוך איז דער אייגענער. און די פראַגע איז: באַזיצן מיר אין אונדז
אַ מין צענטער, פון וועלכן עס שטראַלט אויס די באַזונדערע ענערגיע,
וואָס מען רופט אָן „די גייסטיקע", — אַ פּונקט, וואָס שאַפט אַן
אייגן לעבן? אויב יאָ, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּונקט, און ווי אַזוי
קאָן אַ ריין-פיזיאָלאָגישער פּראָצעס (דאָס אָנשלאָגן זיך פון די כוואַ=
ליעס אָן די זע= אָדער הער-נערוון) איבערגיין אין אַ פּסיכישן? פּסי-
כיש הייסט באַציונג. ווען איך זע עפּעס, האָב איך אַ באַציונג צו
דעם. עס איז מיר אַנגענעם, אָדער אומאַנגענעם, עס דערמאָנט מיך
אָן עפּעס, עס טרייבט מיך צו טאָן עפּעס, קורץ, עס רופט אין מיר
אַרויס אַ גאַנצע ריי פון איבערלעבענישן, וואָס ליגן נישט אין דער
זע=כוואַליע גופא און אויך נישט אין דעם זע=נערוו.

הייסט עס, אַז עס איז דאָ אין אונדז עפּעס, וואָס אַרבעטאיבער
די איינדרוקן פון דער אויסערער וועלט און גיט זיי אַ בייעם אינ=
האַלט, גיט זיי אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. מען קאָן נישט דער=
וואַרטן, אַז ווער עס זאָל נישט זיין, אפילו דער גרעסטער פילאָזאָפי=
שער גאון, זאָל געפינען אַ לעצטן, אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער. דאָס
וואָלט געהייסן — דערגרונטעווען דעם סוד פון דעם לעבן. וואָס אַ
דענקער קאָן טאָן, איז בלויז געבן אַ בילד, — אַ מער, אָדער ווייני=
קער פּאַסיקע פאָרמול פאַר דער השערה, וואָס ער האָט.

די ענגלישע פּסיכאָלאָגיע — אָנהייבנדיק מיט דייוויד יום, —
האָט געשאַפן די אַזויגערופענע „אַסאָסיאַציע-טעאָריע". זיי האָבן

זיך פאַרגעשטעלט דאָס גייסטיקע לעבן, ווי אַ מעכאַנישן פּראָצעס. די אויסערע וועלט שיקט אונדז אַריין מאַטעריאַל. מיר אָרדנען אים בלויז איין. לאָזן זיך צוויי איינדרוקן אָרדנען, — איז שלום, איז אָנגענעם, האָבן מיר פאַרגעניגן; ליידן זיי זיך נישט, זענען זיי אין היפּוך איינער צום אַנדערן, — ווערט אַ סכסוך, ליידן מיר. מיט אַנדערע ווערטער: מיר גיבן גאָרנישט צו צו דער וועלט. מיר שאַפן נישט מיט.

אַנטקעגן דערדאָזיקער ענגלישער שיטה האָט די דייטשע פילאָזאָפיע תמיד געקעמפט. זי האָט פאַרטראָטן דעם געדאַנק, אַז דער מענטש שאַפט מיט, אַז ער איז אַ מין שותף צו דעם בורא. קאַנט האָט עס אָנגערופן די „שעפערישע סינטעזע", ד. ה. מיר זעצן צוזאַמען די פראַגמענטן פון דער וועלט. מיר סינטעטיזירן זי, מיר מאַכן דאָס איינצלנע, צעריסענע, ערשט פאַר אַ גאַנצן. די וועלט אָן אונדז איז כאַאָס. זי איז אַזוי־פיל, ווי זי איז פאַר אונדז. מיר ערשט מאַכן זי פאַר אַ וועלט.

אָט דעם געדאַנק פון קאַנט האָט וונדט איבערגענומען און אים איבערגעזעצט אין דער שפּראַך פון פּסיכאָלאָגיע. דאָס גייסטיקע לעבן, — זאָגט ער, — איז אַ שטענדיקע שעפונג. עס איז די קראַפט פון צוזאַמענפאָרן און צופירן צו איין גאַנצער פון דעם אויסערן מאַטעריאַל. דאָס איז די קראַפט פון — „אַפּערצעפּציע", און דאָס איז דער יסוד פון דעם גאַנצן פּסיכישן לעבן. אַז מען רעדט פון „נשמה", מיינט מען טאַקע דעם שאַפונגספּראָצעס אַליין. עס איז ווי די ענערגיע פון דעם וואַסער, וואָס מאַכט די איינצלנע כוואַליעס רינען אין איין באַוועגונג, גיבט זיי אַ ריכטונג, אַ ציל, פאַראַנדערט זיי, צונויפמישנדיק זיי איינע מיט דער צווייטער.

איין כוואַליע גייט אין איין ריכטונג, די צווייטע גייט איר אַנטקעגן, אָבער פון דעם צוזאַמענשטויס קומט אַרויס אַ נייע באַוועגונג. אָט דער אייביקער אַהין און צוריק, דאָס מיט־ און אויסאַנאַנדערגיין, דאָס צוזאַמען־ און אַנטקעגן־ווירקן, — אָט דאָס איז דאָס גייסטיקע לעבן. דאָס איז די „נשמה".

11

דער חילוק צווישן אַ דענקער און גלאַט אַ דענקענדיקן מענטשן, צווישן אַ פילאָזאָף און אַ געלערנטן איז — איין פינטעלע. אָבער דאָס פינטעלע איז — דאָס אַרכימעדישע: „גיט מיר איין פינטעלע און איך וועל איבערקערן די ערד״ — האָט געזאָגט דער אַלטער גריך אַרכימעדעס פון סיראַקוז, דער פאָטער פון דער מעכאַניק. אַלצדינג איז געווען פאַרטיק, — אַ גאַנצער סיסטעם פון כוחות, פון רעגלען; אויסגערעכנט איז געווען יעדע באַוועגונג באַזונדער און דער צוזאַמענשפּיל פון אַלע איינצלנע באַוועגונגען אינאיינעם. במחשבה — אין דער טעאָריע איז שוין די ערד געווען אויפגעהייבן און איבערגעדרייט — נאָר איינס האָט געפעלט: דער פונקט, וווּ צו פאַרשפּאַרן זי, ווי אַרום זי צו פאַרכאַפּן.

ס'קאָן זיין, ס'איז אַן אילוזיע. דעם פינטעלע קאָן מען נישט געפינען. אָבער אָט די אילוזיע, דאָס נאָך דעם פינטעלע — מאַכט דעם פילאָזאָף.

דער גלאַט דענקענדיקער מענטש, מעג ער זיין אפילו דער באַגאַבטסטער, דער געלערנטסטער, מעג ער קענען אַלע שבע חכמות און אַלע שבעים לשונות, ווייסט סוף כל סוף בלויז איינצלנע פאַקטן, קליינע שיריים פון דעם רייכן טיש פון דער וועלט. ווער קאָן וויסן אַלע פאַקטן און ווער קאָן אַלצדינג משיג זיין? און ער בלייבט מיט זיינע שטיקלעך וויסן, און ליידט פון זיין רייכקייט און פון זיין אָרעמקייט.

דער פילאָזאָף, דער שאַפנדיקער דענקער, יאָגט זיך נישט אַזוי פיל נאָך דער צאָל, ווי נאָך דער מאָס. נאָך דעם חומר, ווי נאָך דער פאָרם. ער טראָגט אַריין אין דער מאַסע פון פאַקטן, וואָס דער מענטש ווייס, אַ סדר, אַ שיטה, אַ פּרינציפּ.

און דערפאַר איז היינט שווערער צו זיין אַ פילאָזאָף, ווי אַמאָל. צופיל פאַקטן, צו גרויס איז געוואָרן די צאָל, זי גייט אַריבער איבער יעדער מאָס.

דער פילאָזאָף מוז זיין ווי דער מאמין: בכיון נאָזיר, ווילנדיק אַ פּרוש. אַ פּרוש פון דער תאווה — פון צופיל וויסן. ווי דער מאמין, מוז ער זיך אָפּשטעלן ביי אַ געוויסן עיקר, ביי אַזאַ „את״,

וואָס מען קאָן אים אין זיי ווייטער נישט דרשענען. אויב נישט — פאַרלירט זיך דער געדאַנק אין דעם תהום.

אַזאַ פילאָזאָפישע נאַיוויטעט אָדער פּרישות האָבן ווייניקע אין דער היינטיקער צייט. און דערפאַר האָבן מיר נישט כמעט קיין איינציקע שיטה, וואָס זאָל זיין אַזוי אויסגעטאָקט, אַזוי גאַנץ אין זיך, ווי מיר פלעגן האָבן אַמאָל. אפילו דער גרעסטער פון די היינטיקע דענקער — האַנרי בערגסאָן — פרעגט מער, ווי ער ענטפערט, לייקנט מער, ווי באַיאָט, גראָבט מער, ווי בויט.

אָט די שעפערישע נאַיוויטעט האָט — ביז צו אַ געוויסער מאָס — געהאַט ווילהעלם ווונדט, איינער פון די גרעסטע געלערנטע פון אונדזער צייט, איינער, וואָס האָט קולט געווען אין זיך אַלצדינג. וואָט דאָס מענטשלעכע וויסן האָט אָנגעזאַמלט, אָן אמתער „צנא מלא ספרא", — האָט ער געהאַט דעם מוט זיך אָפּצושטעלן ביי אַ פונקט, ביי אַ גרענעץ און זיך זאָגן: ווייטער גיי איך נישט, ווייטער זוך איך נישט. איך וויל גלויבן, אַז איך האָב געפונען. ווען ער וואָלט געווען נישט אַזאַ ערלעכער געלערנטער, וואָס האָט אַ געוואַלטיקן יראת־הכבוד פאַר אַ פאַקט, ווען ער וואָלט געהאַט אַ ביסל מער פאַנטאַזיע, וואָלט ער געקאָנט ווערן איינער פון די גרעסטע לערער און גייסטיקע פירער. עס האָט אים אָבער געפעלט אָט דער נביאישער פונק, דער ברענענדיקער „אש־דת", וואָס טראָגט אַריין אין דער וועלט לעבן און שטראַלט זי דורך מיט זיין ליכט.

וואָס איז געווען דער פונקט, ביי וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט? — די „נשמה". אַלצדינג איז געווען קלאָר, אַלצדינג האָט זיך געלאָזט דערקלערן מיט דער וויסנשאַפט, מיט דעם עקספּערימענט, מיט דער וואָג און דער מאָס — אחוץ איין זאַך — און דאָס וויכטיקסטע: דער יסוד פון דעם גייסטיקן לעבן. טאַקע ווייל ווונדט איז געווען אַ נאַטורפאָרשער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָ אַ וועלט, איבער וועלכער די „נאַטורגעזעצן" האָבן קיין שליטה נישט. וואָרים וואָס זענען נאַטורגעזעצן? דאָך מער נישט ווי אָפּגעקירצטע אויסטייטשונגען און פאַרגלייכונגען; מען פאַרגלייכט איין דערשיינונג מיט דער צווייטער און דער „צד־השוה", דאָס, וואָס איז ביי זיי געמיינשאַפטלעך, הייסט אַ געזעץ. און ווייטער: אַ נאַטורגעזעץ האָט אויף אַזויפיל אַ ווערט, ווי ווייט מען קאָן מיט אים ווייטער אַרבעטן. דער בעסטער ביישפּיל איז דער באַרימטער ניוטאָנישער געזעץ פון אָנציונג,

קיינער איז נישט מסופק געווען אין אים. ער האָט געגאָלטן פאַר אַן עיקר פון דער גאַנצער וויסנשאַפט, ביז ס'איז געקומען איינשטיין און האָט מורד געווען אַנטקעגן אים. און נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט מאכן אַ רעוואָלוציע, אָדער ווי דער אויף די אַלטע יאָרן נאַריש־געוואָרענער סער אָליווער לאָדזש זאָגט — אַריינטראָגן באָל־שעוויזם אין דער וויסנשאַפט, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן נישט ווייטער אַרבעטן מיט דעם ניוטאָנישן געזעץ, אַז ער דערקלערט נישט אַ געוויסע דערשיינונג, וואָס מען האָט פריער נישט באַמערקט, אָדער נישט פאַרשטאַנען.

דערפאַר, אַז מען רעדט פון געזעצן, אויף אַ וואָסער געביט ס'זאָל נישט זיין, מוז עס תמיד נעמען מיט אַ „דערווייל". מ'טאָר נישט „קובע לדורות זיין", מ'דארף תמיד לאָזן אָפן אַ טיר.

ווונדט האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייסטיקע לעבן האָט אַנדערע וועגן, ווי דאָס פיזישע, ווייל זיין יסוד איז: געשען, נישט זיין. די וועלט, וואָס איז אויסער אונדז, א י ז, ווייניקסטנס פאַר אונדז, די וועלט, וואָס איז אין אונדז — ו ו ע ר ט. קיין מאָמענט איז נישט ווי דער אַנדערער. נישט נאָר דער היינט איז אַנדערש, ווי דער נעכטן, — נאָר דער נאָר וואָס איז שוין א וועלט פאַר זיך. די וועלט אין אונדז, די נשמה, איז — ו ו ע ר ן, אָדער ווי ווונדט רופט עס אָן — „אַקטואַליטעט". מיט אַנדערע ווערטער: די פיזישע וועלט איז אַ קייט פון צושטאַנדן, די גייסטיקע וועלט פון — פּאַסירונגען.

די וועלט איז אַ צווייערלייאיקע, און דערפאַר האָט זי אויך צוויי מעטאָדן, צוויי סיסטעמען פון געזעצן: די אויסערע וועלט — די געזעצן פון דערהאַלטן, די אינעווייניקע — פון וואַקסן. די אויסערע — אַנטוויקלט זיך, די אינעווייניקע איז — אַ שטענדיקע שאַפונג; די אויסערע רוט אויף נויטווענדיקייט, אויף סיבה און פאָלגע, די גייסטיקע אויף — ווילן. די אויסערע וועלט איז געבונדן, די גייסטיקע איז פריי.

דאָס הייסט נישט, אַז די גייסטיקע וועלט האָט נישט קיין אָרדענונג און נישט קיין סדר. זי האָט איר הכרח אויך. זי הענגט נישט אין דער לופט, אָבער איר סדר איז אַן אַנדערער, און אירע געזעצן זענען אירע אייגענע.

און דאָס זענען זיי: דער געזעץ פון וואַקסן פון דער ענערגיע. די פיזישע ענערגיע האָט אַ באַשטימטע גרענעץ, די גייסטיקע האָט ניטש. די פיזיק שטייט אויף דעם פּרינציפּ פון דער דערהאַלטונג פון דער ענערגיע, ד. ה. צו דער וועלט קאָן מען גאָרנישט צולייגן און מען קאָן זי נישט מינערן. די פּסיכאָלאָגיע שטייט אויף דעם פּרינציפּ פון דעם צוקומען פון נייע כוחות, פון נייע עלעמענטן, פון באַרייכערן. אין דער גייסטיקער וועלט איז נישטאָ קיין „איין חדש תחת השמש". נייע פאָרמען ווערן געבוירן, און איין דור איז רייכער פון דעם אַנדערן.

ווייטער: דאָס געזעץ פון דער פיזישער וועלט איז — צוזאַמענזעצן, פון צוויי פאַרשידענע פשוטע עלעמענטן ווערט איינער אַ קאָמפּליצירטער, פון צוויי פאַרבן ווערט איינע. דאָס גייסטיקע לעבן ווירקט פונקט פאַרקערט. מיר באַקומען אַ פאַרטיקע און צוזאַמענגעזעצטע וועלט. מיר זעען אַ גרינעם בוים. מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געוווסט וואָס דאָס איז, ווען מיר וואָלטן אים נישט צוריק אומגעקערט צו זיין פשטות, צו די ערשטע עלעמענטן. כדי צו וויסן, אַז דאָס איז אַ גרינער בוים, מוז מען לכתחילה דעם גאַנצן איינדרוק צעשטיקלען: גרין באַזונדער, בוים באַזונדער, און דעם בוים — ווייטער אַנאַליזירן — ווי עס שטייען פאַר אונדז די עלעמענטן אין זייער באַקעטקייט. דערנאָך טוען מיר זיי ווידער אָן און קערן זיי אום צוריק צו דער וועלט. און דאָס רופן מיר אָן — דענקען.

און דער דריטער געזעץ איז דער געזעץ פון „היפּכים", פון קאָנטראַסטן. און ווידעראַמאָל מיר אַנטקעגן דער וועלט. דאָרט — איז אויסשליסלעכקייט. שוואַרץ און ווייס גייען נישט צוזאַמען, וואַסער לעשט פייער, איינס איז גובר דעם צווייטן. אָרמוזד און אחרימון קענען נישט געוועלטיקן אינאיינעם.

אונדזער וועלט אָבער ציט איר גאַנצע חיונה דווקא פון היפּכים, טאַקע פון שוואַרץ און ווייס, פון הייס און קאַלט, פון גוט און שלעכטס, פון רעכטס און לינקס. העל און טונקל ווערט די סודותדיקייט פון צווישנליכט, די פאַרחלומטקייט פון בין-השמשות. הייס און קאַלט ווערט לוי, אַ גאַנצער לעבנסאינהאַלט, אַ גאַנצע וועלטבאַציונג. רעכטס אָדער לינקס - און מיר געפינען דעם מיטעלן וועג, וואָס איז נישט רעכטס, נישט לינקס, אַ וועג פאַר זיך.

דאָס זענען די געזעצן פון אַ וועלט פון געשעענישן, פון פּאַסי־רונגען, און פאַרשטייט זיך, — אויך פון דער געשיכטע.

ס'איז שוין היינט אַ דבר ידוע לכּל, אַז געשיכטע איז נישט קיין נאַטורוויסנשאַפט, נאָר אַ גייסט-וויסנשאַפט, אַז אירע וועגן זענען נישט די פון דער נאַטור, נאָר — אַקעגן דער נאַטור, אַז גע־שיכטע איז אַ ריי פון לעבנס־טעמים און לעבנס-השגות.

נישט מער. אפילו דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-שרייבער גיט דאָס צו, הגם ער רעדט מיט אַן אַנדער שפּראַך און קאָקעטירט מיט דעם וואָרט „נאַטורגעזעץ".

וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט געשיכטע געהאַט, ווען זי וואָלט עס נישט געווען? וואָס איז דען געשיכטע? דער זכרון פון מענטשן, וואָס זענען מער נישטאָ. געלעבט, געשטאָרבן, פאַרשוווּנדן. געבליבן אַ נאָמען, א שאָטן. און מיר, יעדער דור — א לעבעדיקער גייסט צווישן צוויי רייען פון שאָטנס — צווישן די, וואָס זענען געווען און די, וואָס וואַרטן אריינגעלאָזן צו ווערן אין דער וועלט.

ווו איז דער פאָדעם, וואָס בינדט אונדז צונויף? וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר אונדז די פאַרגאַנגענהייט? זאָלן די טויטע רוען, וואָס גייען זיי אונדז אָן!

אָבער זיי גייען אונדז יאָ אָן. זיי זענען געשטאָרבן, כּדי מיר זאָלן לעבן. זיי האָבן געשאַפן, כּדי מיר זאָלן ווייטער שאַפן. די מענטשלעכע וועלט איז אַ געפלעכט פון מאָראַלישע, פון גייסטיקע ווערטן. כּל־זמן דער יחיד לעבט, באַמערקט ער עס נישט. דער נאָענטער פאַר דעם נאָענטן איז אויך נישט זיכטבאַר. וואָס ווייטער אין אָרט, וואָס ווייטער אין צייט, באַקומט דער מענטש פאַר דעם מענטשן זיין אמתן ווערט, דעם נשמה־ווערט.

דאָס חומרדיקע, דאָס גופישע, האָט קיין ווערט נישט. דאָס גייס־טיקע אַליין איז דער תּמצית, איז דער תּכלית. געשיכטע פון מענטשן הייסט געשיכטע פון גייסטיקע שאַפונגען. נישט מער.

איך זאָג נישט, אַז דאָס איז ווונדטס שיטה. ער איז נישט גע־ווען קיין געשיכטס־פילאָזאָף. און איך בין נישט קיין תּלמיד פון ווונדט, וואָס גיט איבער דעם רבינס תּורה. אָבער דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן ווונדט איז געגאַנגען, אויף וועלכן ער האָט געמוזט גיין, טריי צו זיין גאַנצער אויפפאַסונג פון דער גייסטיקער וועלט, טריי צו זיין פּסיכאָלאָגיע.

וואונדט האָט נישט געשריבן קיין געשיכטס=פילאָזאָפיע. אָבער ער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, וואָס איז אַ מין הקדמה צו איר: דאָס איז זיין גרויסאַרטיק בוך איבער „פעלקער=פּסיכאָלאָגיע", אַ בוך פול מיט טיפן און רייכן וויסן, מיט פיינע און גוטע געדאנקען, פול מיט בקיאות — און ערלעכער, אומפּאַרטייאישער באַציונג צו אַלע קולטור־דערשיינונגען. ער האָט געוויזן, ווי די גייסטיקע וועלט וואַקסט, נישט ווי זי פּאַרבעסערט זיך, דערנענטערט זיך צו אַ ציל, שטרעבט צו אַן אידעאַל. דאָס איז נישט געווען וואונדטס טבע. דאָס האָט אים געפעלט צו ווערן דער פילאָזאָף פון אונדזער צייט, דער לערער און פירער. גאונות האָט אים געפעלט.

ער האָט בלויז געוויזן די פאַרבונדנקייט פון דעם גייסטיקן לעבן, און אין יעדער פאָרם פון אים — שפּראַך, קונסט, רעליגיע, מאָראַל — אומעטום האָט ער געוויזן, אַז עס איז נישט קיין טויטער מאַטעריאַל, וואָס ווערט פאַרירשנט, בצוואה איבערגענומען, נישט קיין אויסגעטראַכטע, איבעריקע זאַכן, נאָר אַן אייביקע שאַפונג, דער עצם, דער תוך פון דעם לעבן.

די דריי געזעצן פון דעם פסיכישן לעבן האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף דעם פאָלקס=פּסיכישן, ד. ה. אויף דעם געשיכטלעכן לעבן און האָט זיי אָנגערופן: דער געזעץ פון די רעזולטאַטן (אַלצדינג איז אַ פועל־יוצא פון פריערדיקע געשעענישן), דער געזעץ פון באַציונגען (יעדער געשיכטלעכער פאַקט איז פאַרבונדן מיט אַלע איבעריקע און קאָן דערפאַר פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערן בלויז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גאַנצן), און דער געזעץ פון די קאָנטראַסטן, אָדער ווי ער האָט אים אָנגערופן אויך אַנדערש: דער געזעץ פון דער נישט=בכיוונדיקייט פון די צוועקן (העטעראָגאָניע דער צוועקע), ד. ה. דער צוועק איז פאַרשידן פון דעם מאָטיוו. ס'קומט תמיד אַרויס עפּעס אַנדערש פון דעם, וואָס מיר האָבן געוואָלט — מיר זענען נישט די באַלעבאַטים פון דער וועלט.

וואונדט הייבט אָן, ווי אַן אָפּטימיסט — און ענדיקט פּעסימיסטיש. ענדיקט מיט דעם „לא עליך המלאכה לגמור". ער קומט פון דעם וויסן און ענדיקט ביים סוד. די נאַטורוויסנשאַפט האָט אים געפירט צו דער גייסט-פילאָזאָפיע, די גייסט=פילאָזאָפיע צו — רעליגיע=פילאָזאָפיע.

דאָס איז דער וועג פון יעדן דענקער. בלויז די געניאַלע הייבן אָן מיט דעם סוף, גייען דעם וועג פאַרקערט. אָבער — „אַרויף אָדער אַראָפּ — ס'איז איין וועג", האָט דער אַלטער גריך, דער „טונקעלער" העראַקליט געזאָגט. איין וועג — מיט אַ סך סטעזשקעס.

פ א ו ל ו ס.

אין אַן אַלט־קריסטלעכער לעגענדע, דער אַזויגערופענער „געשיכטע פון פּאַולוס און טעקלאַ‟, ווערט דערציילט, ווי אַ מיידל פון איקאָניע, דער הײַנטיקער שטאָט קאָניא אין אַנאַטאָליע, האָט זיך פאַרליבט אין פּאַולוס, אין דעם אַפּאָסטעל און אין זײַן אמונה. און אָט ווי אַזוי די לעגענדע מאָלט אויס די באַגעגעניש פון דער מיידל מיט דעם אַפּאָסטעל: „טעקלא האָט זיך געלאָזט גיין אויף דעם גרויסן שליאַך, וואָס פירט קיין ליסטראַ, און האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק אויף פּאַולוסן. זי האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, און האָט זיך דערוואַרט. זי האָט דערזען פּאַולוסן, אַ מאַן פון קליינעם וווּקס, מיט אַ פּליך, מיט קרומע פיס, מיט אַן אײַ־דעלער געשטאַלט, צונויפגעוואַקסענע ברעמען, מיט אַ קורצער נאָז און פיל מיט חן. אָט האָט ער זיך אויסגעוויזן אַלס אַ מענטש, אָט האָט ער געהאַט דעם פּנים פון אַ מלאך‟.

אַ מערקווירדיק בילד: אַ קורצער, פּליכעוואַטער, אַ קורנאָסער, מיט קרומע פיס און דאָך איידל און חנעוודיק און שיין, ווי אַ מלאך. עס איז זיכער נישט קיין ווונדער, וואָס די יונגע טעקלא האָט געזען אַזוי דעם אַפּאָסטעל. פרויען־אויגן זעען גאָר אַנדערש, ווען זיי קוקן פאַרליבט. אינטערעסאַנט איז בלויז די טראַדיציע, די לעגענדע, כאַ־ראַקטעריסטיש די צוזאַמענשטעלונג: העסלעך און שיין, קרום און איידל, וווּלגאַר און פאָרנעם. אַ געשטאַלט פון קאָנטראַסטן. אַלצדינג אין אים פּאַראַדאָקסאַל: לעבן און שאַפן און טויט, און מער פון אַלצדינג — די אומגעהײַערע וועלט־געשיכטלעכע ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט און שפּילט נאָך הײַנט.

אַ קורץ, קרום־בייניק, אָרעם יידל פון טאַרסאַס, אין קיליקיע, אַ וועבערס אַ זון, און אַליין אויך אַ וועבער, אָדער אַ געצעלטן־מאַכער, אַ פּרושי, אַ תּלמיד פון ר׳ גמליאל, אַ פאַנאַטישער ייד — „אַ ייד פון יידן", ווי ער רופט זיך אָן, ווערט דער באַגרינדער פון אַ וועלט־געשיכטע, דער גייסטיקער באַהערשער, דער דיקטאַטאָר פון דער וועלט־געשיכטע.

אַ שלעכטער רעדנער, איז ער אויסגעפאָרן דעם גאַנצן שטח פון ירושלים ביז רוים, און האָט אומעטום גערעדט און געדרשנט און זיך אריינגעלאָזט אין וויכּוחים און פאַרשפּרייט די נייע לערע, די נייע תּורה. אַ שרייבער, וואָס האָט נישט באַהערשט זייער גוט די גריכישע שפּראַך — צושיקט בריוו צו די געמיינדעס פון קאָרינט, ווו מען האָט גערעדט אַ קלאַסישן גריכיש; פון גאַלאַטאַ, פון קאָלאָסוס א. אז. וו. און זיינע בריוו נעמען אויס, צינדן, באַגייסטערן. אַ מענטש, וואָס האָט, אייגנטלעך, נישט מער געוווסט, ווי פּסוקים און פּשטלעך און פּלפּול, מיט קנייטשן און דריידלעך, האַלט רעדעס אין אַטען, ווו מען איז געוווינט געווען צו קלאָרע, לאָגישע געלערנטע דיספּוטן פון פילאָזאָפן. און דער אומוויסנדיקער איז גובר איבער די וויסנדיקע.

אַ ייד מיט אַלע העוויות, אויסגעבונדן און אויסגעווייקט אין יידישקייט, אַ קנאי, וואָס איז גרייט געווען צו הרגענען פאַר אַן עבירה, ווערט דער גרעסטער קעגנער פון דעם יידנטום.

ער איז אַריינגעטראָטן אין דעם לעבן אַלס — שאול, און אַריבערגעטראָטן אין דער געשיכטע אַלס — פאַול.

אַ וועבער, האָט געלערנט פון זיין פאָטער די מלאכה. און וואָס איז די קונסט פון אַ וועבער? פאַרבינדן און פאַרקניפּן. מאַכן פון איינצלנע פעדעם אַ גאַנצקייט, פון דעם שוואַכסטן — אַ שטאַרקן, מעכטיקן געוועב. יעדער פאָדעם פאַר זיך – אַ קינד קאָן אים צערייסן. אַ הויך פון אַ ווינט קאָן אים אָוועקבלאָזן. קומט דער וועבער און קניפּט צונויף די פעדעם, בינדט זיי צוזאַמען — און עס ווערט אַ שטריק, וואָס קיינער קאָן נישט צערייסן; ווערט אַ קלייד, וואָס שיצט און וואַרעמט; ווערט אַ טעפּיך מיט אַלערליי פאַרצירונגען. און וואָס פיינער דער פאָדעם, אַלץ שטאַרקער דער געוועב. דער שטאַרקסטער שטריק איז אַ זיידענער, און דער פיינסטער, דינסטער, איידלסטער פאָדעם איז אויך אַ זיידענער.

פאולוס דער וועבער איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין זיין וועבערײַ־קונסט. ער האָט צונויפגעפלאָכטן פעדעם, וואָס זענען נאָך דיבער פון זייד, שוואַכער פון דעם איידלסטן מאַטעריאַל, וואָס איז נאָר
דאָ אויף דער וועלט. ער האָט געוועבט — שפּינגעוועב. „קורי
עכביש" וואָלט מען עס געקענט אָנרופן מיט דעם אַלטן העברעישן
וואָרט. און שפּינגעוועבס האָט אַן אייגנשאַפט — זי פאַנגט לעבעדיקע
באַשעפעניש; פליגעלעך פאַלן אַריין, ווי אין אַ נעץ — און די
שפּין זויגט זיי אויס.

זיינע פאָרגענגער זענען געווען מענטשן פון אַן אַנדערן שטאַמפּ.
פשוטע, נאַיווע, פאָלקסטימלעכע. דער לערער — וואָס איז ער געווען? אַ „נגר", אַ סטאָליער. ער האָט געהובלט דעם אַלטן שטאָף,
וואָס די געשיכטע האָט אים געגעבן. אַ הובלער גיט נישט צו, ער
נעמט אַראָפּ; ער שאָבט־אָפּ דאָס איבעריקע, דאָס, וואָס פּאַסט זיך
נישט אַריין אין דער פאָרם, וואָס ער וויל געבן דעם ווידערשפּעניקן
חומר. ער שניידט, ער קאַרבט, פּאַסט צו איין שטיקל מאַטעריאַל
צום צווייטן. און דאָס איז געווען די אַרבעט פון דעם לערער. האָט
ער דען עפּעס מער געוואָלט, דער „אורשפּרינגלעכער", דער „היסטאָרישער" ישו, אויב ער איז געווען? ער האָט געדרשנט, ווי אַנדערע
דרשנים פון זיין צייט און פאַר אים — געדרייט פּסוקים, אויסגעפּשטלט זיי, כּדי צוצופּאַסן זיי צו זיין שיטה, צו זיין געדאַנק. „אחד
המרבה ואחד הממעיט", דער האָט צוגעלייגט, דער האָט אַראָפּגענומען. און דער היסטאָרישער ישו האָט גאָרנישט געוואָלט צולייגן,
מוסיף זיין. ער האָט געוואָלט אַראָפּנעמען דעם עול פון מצוות, וואָס
איז צו שווער געוואָרן: אַראָפּרייסן דעם פּלויט, וואָס די טראַדיציע
האָט אויפגעשטעלט אַרום דעם יידנטום.

און מיט דעם „רבין" — די תלמידים, פּשוטע מענטשן, פישערלייט, קליינע בעלי־מלאכות, פאָלקסקינדער: שמעון קיפא, דער קימענדיקער פּעטרוס; יוחנן, יהודה, מתיה, חנניה און די איבעריקע. זיי
האָבן גאָרנישט געמיינט איבערצוקערן די וועלט — אפילו נישט די
יידישע. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביים דין, מורא געהאַט פאַר אַן
עבירה. זיי זענען געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגענעם
רבין. אין דער צייט, ווען אַלע האָבן גערעדט פון משיחן: ווען
אַלע האָבן אויף אים אַרויסגעקוקט, ווען עס איז אויפגעקומען סעקטע
נאָך סעקטע און יעדע מיט איר משיח־געדאַנק און מיט איר אָריענ-

טאַלישער פאַנטאַסטיק — איז דאָס אויך געווען אַ סעקטע, אָדער אַ שולע. לעבן „בית-שמאי" און „בית-הלל" איז געוואָרן אויך אַ „בית-ישו". פשוטע, מענטשן, עמי-הארצים, נישט זייער שטאַרק געניט אין די קליינע אותיות — זענען זיי געווען צעפרידן מיט אַ רבין, וואָס האָט נישט זייער מדקדק געווען אויף לומדות. עס איז געווען אַ יידי=שע אילוזיע. איינע פון פילע.

אָבער אָט קומט פון קיליקיאַ אַ ייד שאול. זיין פאָטער האָט — ווי אַ לעגענדע דערציילט — געשטאַמט פון גוש=חלב, געווען איינער פון די, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער פעסטונג און פון ארץ-ישראל באַכדעם, ווי יוחנן פון גוש=חלב האָט נישט מער געקאָנט פאַרטיידיקן די לעצטע יידישע פעסטונג קעגן טיטוסן, און זיך געמוזט אונטער-געבן צו די רוימער.

דער זון קומט יונג קיין ירושלים. מיטגעבראַכט מיט זיך פון דערהיים אַ געוויסע באַקאַנטשאַפט מיט דער גויישער — דער גריכי-שער וועלט. געקענט רעדן און שרייבן גריכיש, נישט זייער פולקאָ=מען, מיט אַ שלעכטן אַקצענט און אַ קנאַפער גראַמאַטיק. זיין גרי-כיש איז געווען נישט דאָס גריכיש פון אייריפידעס און אויך נישט פון פלאַטאָן — מען האָט געלאַכט פון אים אין אַטען, ווען ער האָט געהאַלטן דאָרט אַ דרשה אויף גריכיש; אָבער פאַר ירושלים איז דאָס געווען גענוג. די איינגעזעסענע יידן פון ירושלים זענען גע-ווען סוף כל סוף פראָווינציאַלן, זיי זענען נישט אַרויסגעגאַנגען פון זייערע ד' אמות, און זיי האָבן פיינט געהאַט יעדע פרעמדע קולטור. גריכנטום, רוימערטום — דאָס זענען געווען פאַר זיי סימבאָלן פון אונ-טערדריקונג, פון פרעמדהערשאַפט, פון פאַרקנעכטונג, און שאולס גרי-כישע ידיעות, קנאַפּ ווי זיי זענען געווען, זיין וועלט-קענטעניש — זענען געווען מער ווי גענוג פאַר ירושלים, בפרט נאָך, ווען ער איז געווען אַ פרושי, געלערנט הלכה ביי ר' גמליאל, געזעסן צו די פיס פון די חכמים. צי ער איז געווען אַ תלמיד מובהק, ווייסן מיר נישט, אָבער עס איז אַ ספק, צי ער האָט געהאַט אין זיך דעם שטאָף דערצו; צי ער האָט פאַרמאָגט די באַגאַבונג צו ווערן אַ בעל-הלכה — עס האָט אים געפעלט דערצו נישט נאָר חריפות, נישט בלויז די מערקווירדיקע לאָגישע קראַפט פון די גרויסע תנאים. עס האָט אים אויך געפעלט דער ריין-טעאָרעטישער דראַנג. תורה-לשמה — לערנען צוליב לערנען, שפינען געדאַנקען — אַלס וויסנשאַפט, דאָס

איז געווען נישט זיין פאַך. אָבער אויך די הגדה האָט אים נישט גע=צויגן. דערצו האָט אים געפעלט די פּאָעזיע, די ליבע צום שאפן. שאול איז געווען אַ מענטש פון טאַט, אַן אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט געמוזט פאָרן, גיין, גריגדען, אָרגאַניזירן זיך, טומלען. ער האָט ליב געהאַט דאָס דראַמאַטישע אין לעבן. אַ געבוירענער, אַקטיאָר, וואָס שפּילט אַ ראָלע — וואָס די ראָלע זאָל נישט זיין: פאַרפאָלגער אָדער פאַרפאָלגטער, באַשיצער אָדער אָנגרייפער, אַ פּרושי, אַ קנאי — אָדער אַן אַפּאָסטעל פון אַ נייער אמונה.

און שאול וואַרפט זיך אַריין אין קאַמף קעגן דער נייער סעקטע — פון די נוצרים. אַ קליינע, אומבאַדייטנדיקע סעקטע, אומזיכער אין זיך אַליין, וועלט-פרעמד, באַזיו, אָרעם. „אביונים" האָבן זיי זיך גערופן. און זענען עס אויך געווען אין יעדער באַציונג. און זיי וואָלטן זיכער אַזוי פאַרגעסן, פאַרוויאַנעט געוואָרן, ווען מען וואָלט זיי געלאָזט צורו. אָבער שאול האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין רו. עמעצן האָט ער געמוזט באַקעמפן, עפּעס האָט ער געמוזט פאַרטיידיקן — אָדער אַטאַקירן — מיט זיין גאַנצן דראַמאַטישן טעמפּעראַמענט. און ער ווערט אַ רודף פון די ערשטע קריסטן. ער נעמט אַרויס ביים כהן-גדול אַ פולמאַכט און וואַרפט זיך אַרויף אויף די סעקטאַנטן — ווערט אַ שרעק פאַר זיי.

עס איז אים ווייניק דער קאַמף אין ירושלים. ער וויל אַטאַקירן די קריסטן אויך אין חוץ לארץ. און לאָזט זיך אַוועק קיין דמשק, אין דער אַלטער שטאָט, ווו די יידישע און גריכישע קולטור האָבן זיך באַגעגנט, און ווו עס איז געווען פּלאַץ פאַר סעקטעס און רעליגיעזע באַוועגונגען.

אָבער אויפן וועג קיין דמשק קומט איבער אים „דער גייסט". ער זעט „אים", דעם, וועמענס תלמידים ער האָט גערודפט. און ער דערהערט „זיין" קול: „שאול, שאול, וואָס פאַרפאָלגסטו מיך!"

פאַר יעדן אַנדערן מענטשן וואָלט דאָס געווען בלויז אַ חלום און וואָלט פאַרגאַנגען, ווי אַ חלום; אָבער נישט פאַר דעם וועבער שאול, דעם קנאי. פאַר אים איז דאָס געוואָרן אַ רעוואָלוציע. אַ גייסטיקע. און דורך אים איז דאָס געוואָרן אַ רעוואָלוציע — אַ היסטאָרישע.

שאול ווערט אַ קריסט. ער גייט פון דמשק קיין אַראַביע. בלייבט מיט זיך אַליין אַ שטיקל צייט, אַרבעט דאָרט אויף זיין וועב=

שטוף, פלעכט און וועבט צונויף די שפינוועב־פעדעם פון זיין פאַנטאַזיע און קומט מיט אַ פאַרטיקן געוועב קיין ירושלים. שוין נישט מער צו די יידן, צו די פרושים. נאָר צו די „תלמידים", צו שמעון בן קיפא, דעם „פעלז" פון דער קירך; צו חנניה און די אַנדערע. זיי ווילן אים נישט אָננעמען. זיי גלויבן אים נישט. זיי פאַרשטייען נישט אין זייער פשטות, ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך געוועזן, אַז דער געכטיקער שונא זאָל פּלוצלונג ווערן אַ פריינט, און וואָס פאַר אַ פריינט? אַ פאַנאַטיקער אין זיין נייעם גלויבן, אַ מגזם, אַ וואַנט=מיט=אַ=וואַנט=צונויפפיר. ער איז געקומען צו זיי און האָט זיי געזאָגט: איר גלויבט דאָס אין ישון? איר האַלט זיך פאַר זיינע תלמידים און שלוחים? ווייסט איר דען, אין וואָס איר גלויבט? האָט איר דען אַ באַגריף, וואָס פאַר אַן אוצר איר האָט אין אייערע הענט? זעט איר דען נישט אַז די וועלט וואַרט, פונוואַנען עס זאָל נישט קומען? נישט די יידישע — וואָס דאַרפט איר זיי האָבן? זי איז קליין, זי איז אָרעם, זי איז צו היימיש, דאָ קען מען אייך, דאָ קען מען אים, מען וועט נישט נתפעל ווערן נישט פון אייער תורה און נישט פון אייער פרומקייט. גייט צו די גוים, צו די גריכן, צו די רוימער, צו די, וואָס האָבן מער נאַיוויטעט, וואָס פשטלען זיך נישט, וואָס נעמען אַלצדינג אָן, אַבי מען דערציילט עס זיי אויף אַ פאַנטאַסטישן אופן. און ווען איר וועט קומען צו זיי, דערציילט זיי נישט אייער גלילישער, אייער יידישער לעגענדע; קומט נישט צו זיי מיט אַ רבין — דערציילט זיי נישט, אַז איר ווילט נישט מער, ווי אויסטייטשן די תורה אַ ביסל אַנדערש, נאָר רעדט מיט זיי גרויס — דערציילט זיי פון משיחן, פון גאָטס זון, פון אַ דערלייזער, פון אַ וועלט=אויסלייזער, זיי וועלן אייך גלויבן.

די תלמידים האָבן זיך לכתחילה דערשראָקן. עס איז געוועזן צופיל פאַר זיי. נישט דאָס האָבן זיי געוואָלט און געמיינט. זיי, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דעם רבין; זיי, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען פון גליל, וואָס האָבן געקענט זיין שורש, וואָס האָבן געהערט זיין תורה — זיי האָבן נישט געקענט מיטגיין מיט שאולן אויף זיין פאַנטאַסטישן וועג. זיי האָבן אים געמוזט אַרייננעמען אין זייער מיט. ער האָט זיי איבערגערעדט, ער האָט זיי פאַרטומלט מיט זיינע ווערטער; אָבער זיי זענען געבליבן פרעמד, פונקט ווי ער איז געווען פרעמד ביז צו זיין לעצטער שעה.

און שאול לאָזט זיך אַליין אַוועק אויף זיין היסטאָרישן וועג — דעם וועג צו די גוים. אַ ווייטע שטרעקע לאַנד — פון ירושלים קיין רוים, קיין אַטען, קיין קאַפּאַדאָקיע, קיין קיליקיאַ, קיין אַנטיאָכיע און אין קאָרינט — אומעטום, ווו די העלענישע קולטור האָט געווירקט, איז ער אויפגעטראָטן. אָט דאָס קליינע יידל, מיט דער קורצער נאָז און די קרומע פיס. און גערעדט און געדרשנט. מען האָט אים פאַרשפּאָט. עס האָט אים נישט געאַרט. מען האָט אים געשלאָגן — יידן ל"ט מלקות, גוים — גלאַט אַזוי. ער האָט אָנגענומען די קלעפּ און איז ווייטער געגאַנגען און האָט געפּרעדיקט און געפלאָכטן פאַר די אויגן פון דער וועלט די מערקווירדיקע לעגענדע פון יעזוס, פון קריסטוס, דעם זון פון גאָט, דעם משיח פון דער וועלט.

* *
*

„און ער איז געבליבן גאַנצע צוויי יאָר אין זיין דירה, וואָס ער האָט זיך געדונגען. און האָט אויפגענומען אַלע, וואָס זענען געקומען צו אים, פּרעדיקנדיק די מלוכה פון גאָט און אַלע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יעזוס קריסטוס — אין זיכערקייט און אומגעשטערט", אַזוי פאַרענדיקן די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן", די קאַנאָנישע, איינציק אָנערקענטע געשיכטע פון די תלמידים פון ישו, די ביאָגראַפיע פון פּאַולוס. מיר לאָזן אים איבער אויף זיין לעצטן עטאַפּ — אין „מעבלירטע צימערן" אין רוים — אַלס דעם אייגענעם בעל־דרשן, וואָס ער איז געווען זיין גאַנצן לעבן. און מער ווייסן מיר נישט פון אים. פּלוצלונג, ווי עס האָט זיך אָנגעהייבן זיין לעבן — דאָס לעבן פון פּאולוס, אַזוי פּלוצלונג ענדיקט זיך עס, און מיר ווייסן נישט פון זיין סוף.

אָבער אין די שפּעטערע לעגענדעס, ווי די אַפּאָקריפע „מעשים פון פּאַולוס", ווערט דערציילט אַן אַנדער סוף פון דעם אַפּאָסטעל. זיין געפאַנגענשאַפט אין רוים ענדיקט זיך נישט אַזוי אידיליש, ווי דער קאַנאָנישער טעקסט דערציילט. פאַרקערט — עס ענדיקט זיך מיט פייניקונג און טויט. נעראָן קיסר הייסט אים הרגענען — אַראָפּנעמען אים דעם קאָפּ. דעם קיסרס סאָלדאַטן פירן אויס דעם באַפעל. זיי קומען צו פּאַולוס, זיי טרעפן אים מיט זיין — דער קריסטלעכער — געמיינדע. ווען ער האָט דערזען דעם „ספּעקולאַטאָר",

ד. ה. דעם פּאָלדאַט מיט דעם שווערד — האָט ער זיך אָוועקגע־שטעלט מיט דעם פּנים צו מזרח, אויפגעהייבן די הענט און גע־דאַוונט. דערנאָך האָט ער איבערגערעדט אויף העברעיִש מיט זיינע מקורבים און אויסגעשטרעקט זיין האַלדז. און ווען די האַק איז גע־פאַלן — האָט פון דער וווּנד אַ שפּריץ געטאָן מילך אויף די מאַנט־לען פון די סאָלדאַטן. און דעם אייגענעם אָוונט — אַרום ביין אַ זייגער, איז דער אַפּאָסטעל פּאַולוס געקומען צו נעראָן, בשעת ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט פילאָזאָפן און גענעראַלן, און האָט צו אים געזאָגט: „קיסר, אָט דאָ בין איך, פּאַולוס, גאָטס סאָלדאַט. איך בין נישט געשטאָרבן, נאָר איך לעב אין מיין גאָט. איבער דיר אָבער וועלן קומען באַלד גרויסע צרות און אומגליקן, דערפאַר, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון די צדיקים". און מיט די ווערטער איז ער אַוועק פון דעם קיסר.

ווידעראַמאָל אַ צונויפמישונג פון אַלערליי עלעמענטן, אַ צו־נויפגיסונג פון צוויי פאַרזענלעכקייטן. דער ייד — וואָס דאַוונט מיטן פּנים צום מזרח, וואָס רעדט אויף העברעיִש פאַרן טויט און דער מופת־טוער, דער כשוף־מאַכער פון דער גריכיש־רוימישער פאַנטאַזיע, וואָס קאָן גיין מיט דעם קאָפּ אין דער האַנט. אַזאַ לעגענדע דער־ציילט מען אויך פון דעם לעצטן גריכישן בעל־מופת אַפּאָלאָניוס פון טיאַנאַ. די אייגענע נסים, די אייגענע דעטאַלן: מילך אויפן אָרט פון בלוט, לעבט נאָכדעם, ווי מען האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ א. אז. וו.

און עס איז אויך נישט קיין וווּנדער: די קריסטלעכע לעגענדע האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט פּאַולוסן, ווי אַזוי אים אַוועק־צושטעלן. אין ירושלים — איז ער געווען דער „גוי". שמעון („פּעט־רוס) האָט זיך מיט אים צעקריגט, האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער טרעט אָפּ פון דעם יידישן דין, וואָס ער עסט מיט די גוים און גייט אין גוייִשע וועגן. די ירושלימער „אביונים", די ערשטע און אמתע קריסטן, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „מסית ומדיח", פאַר דעם שטן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צווישן זיי. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז גאָרנישט געווען קיין ייד, נאָר אַ גוי, אַ געצנדינער, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ יידן, כדי התונח צו האָבן פאַרן כהן־גדולס טאָכטער — און דערנאָך געוואָרן אַ קריסטוס־אַפּאָסטעל, נאָכ־

דעם, ווי די יידן האָבן אים נישט אויפגענומען, ווי עס דאַרף צו זיין.

אָבער די גריכן, די רוימער, די „גוים", האָבן אים אויך נישט באַטראַכט פאר אַ זייעריקן. אמת, ער איז געווען אַ רוימישער בירגער, אָבער אַ „באַרבאַר" איז ער פאַר זיי אַלץ געווען. אַ קליין יידל פון ארץ-ישראל, וואָס היצט זיך און מאַכט מיט די הענט, וואָס האָט אָפט היסטערישע אָדער עפּילעפּטישע אָנפאַלן, און האַלט משונה־דיקע דרשות און וויכוחים וועגן אַן אַנדער יידן ערגעץ אין גליל, וואָס איז געווען אַ גאָט. און די פילאָזאָפן פון אַטען און רוים האָבן געלאַכט אין די הויפנס. אויב גאָט האָט זיך שוין געמוזט באַווייזן און דווקא אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן, האָט עס געמוזט זיין גראָד אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל — האָט עס נישט געקענט זיין אין רוים?

אַ רעטעניש פאַר יידן און פאַר גוים, אַ רעטעניש פאַר זיך אַליין.

ווען מען לייענט זיינע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו די קריסטלעכע געמיינדעס — די בריוו צו די רוימער, צו די קאָרינטער, צו די גאַלאַטער, צו די „יידן", ד. ה. צו דער געמיינדע אין ירושלים א. אז. וו., זעט מען תמיד איין גרונטמאָטיוו, די פאַרווונדערונג פאַר זיך אַליין. פון יעדן וואָרט זיינעם הערט מען אַרויס די פראַגע, ווי קום איך, דער פרושי שאול, דער תלמיד פון גמליאל, דער ייד פון יידנלאַנד, אברהם אבינוס אַן אייניקל, צו ווערן אַ לערער פון אַ נייער אמונה? ווער בין איך, וואָס איך זאָל דאָס וואַגן? פונוואַנען ווייס איך, אַז מען מעג דאָס? און ער שטאַרקט זיך און ער פאַרענטפערט זיך: איך רעד נישט אין מיין נאָמען. איך בין אַ שליח. איך גיי אין משיחס אויפטראַג — איך פיר אויס אַ באַפעל — אויף מיר ליגט אַ חוב צו דערציילן דער וועלט, וואָס ער האָט זיך געטאָן אין ירושלים אויף דעם הר הגלגולת.

אַן אומרויק געוויסן — און אַ צוואַנג.

די אומרויקייט נישט פון אַ באַגייער, נאָר פון אַ פאַרשפּעטיקטן דערפילער. אייגנטלעך האָט פאַולוס אויסגעפירט דאָס, וואָס אַלע יידן פאַר אים האָבן געפילט פאַר זייער חוב — ווערן אַ מיסיאָנער צווישן די פעלקער. דאָס איז געווען דער שטענדיקער יידישער דראַנג — זייער היסטאָרישע אויפגאַבע: אַרויסגיין צו דער וועלט און

זאָגן איר, וואָס גאָט וויל — ד. ה. וואָס דער ייד דענקט וועגן איר, וואָס דער ייד פאָדערט פון איר.

אָבער די יידן האָבן געוואָלט — און געבליבן דערביי. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך — וועגן דער דערלייזונג פון דער וועלט. אָבער די וועלט האָט פון דעם גאָרנישט געוווּסט. ישעיהו און עמוס און הושע און יחזקאל — אַלע האָבן זיי גערעדט צו דער גאַנצער וועלט — אָבער זיי זענען געבליבן אין זייער אייגענער סביבה, און אַ חוץ יידן האָט זיי קיינער נישט געהערט. און האָט זיך אַ ייד אַמאָל אַרויסגעריסן פון זיין ענגער סביבה, האָט ער גערעדט און געשריבן אין דער קולטור־שפּראַך פון דער דעמאָלטיקער וועלט, אין גריכיש, האָט ער אויך נישט געהאַט דעם מוט צו פּרעדיקן די יידישע אידעע: ער האָט בלויז פּאַרטייטשט, געמאַכט שלום, געבויט בריקן — ווי, למשל, פילון פון אַלעקסאַנדריע. דער איינציקער יידישער פילאָזאָף פון דער אַלטער צייט, אַ ייד מיט גריכישער קולטור, אַ דענקער, אַ פּלאַטאָניקער און אַ למדן אין דער אייגענער צייט, האָט ער זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז משה און פּלאַטאָן, אַז יידנטום און די גריכישע קולטור זענען גאָרנישט אַזוי ווייט, ווי מען דענקט. ער האָט געוואָלט מגייר זיין פּלאַטאָנען און העלעניזירן משהן — און פון ביידע פּאַרזוכן איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. דער גריך האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין הגדה און קיין פּסוקים — און דער ייד האָט זיך נישט געניטיקט אין דער פּלאַטאָנישער, צי אין אַן אַנדער שיטה. ווייל צווישן יאָ און ניין קאָן מען נישט מאַכן קיין פּשרה. אהין אָדער אהער. אָדער גאָרנישט, אָדער בלויז אַ פּאַפּירענער סיסטעם, נישט קיין בלוט-רויט וואָרט, נישט קיין לעבן-שאַפנדיקע אידעע־קראַפט.

פּאולוס איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט דאָס דערפילט. ער איז נישט געקומען צו די יידן — ער האָט זיי נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. זיי האָט מען נישט געקאָנט אימפּאָנירן מיט ווערטער, ווי „ממלכת שמים", אָדער „בן אדם", אָדער „משיח". זיי האָבן געוווּסט אַלע ניואַנסן פון די ווערטער. זיי זענען געווען דערביי, ווען דידאַזיקע באַגריפן און פאַנטאַזיעס זענען געבוירן געוואָרן. און ווען ער האָט געוואָלט מגזם זיין — דערציילן זיי, אַז דאָס וואָרט איז געוואָרן פלייש און בלוט און אַז דער באַגריף איז געוואָרןווירקלעכקייט און דער חלום געשיכטע — האָבן זיי געלאַכט און זיך געבייזערט, און

אין זייער כעס איז געווען בּיטול. דער יידישער גייסט האָט זיך אָבער פאָרט געריסן אין דער ברייטער וועלט. ער האָט געוווסט: די געשיכטע וואַרט אויף אים.

און ער איז געגאַנגען צו איר — צו די פעלקער, וואָס האָבן ליב געהאַט פאַקטן, וואָס האָבן זיך געבּוקט פאַרווירקלעכקייטן — אפילו ווען די ווירקלעכקייט איז געווען בלויז אַ שטיין אָדער אַ אַ ברעט, אָדער אַ מענטש.

פּאַולוס האָט אַרויסגעטראָגן די יידישע אידעע צו די גריכן, צו די רוימער — צו די הערשנדיקע פעלקער און קולטורן. און געקומען נישט מיט אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג, נישט ווי אַ רודף־שלום, נאָר מיט אַ שאַרפן „ניין".

ער האָט נישט געזאָגט צו די גריכן: אייער פילאָזאָפיע, אייער קולטור איז שיין און גרויס — אָבער מען קאָן זי אויסטייטשן אַנדערש. פאַרקערט: ער איז געקומען קיין אַטען און האָט דעם אַטעישן פילאָזאָף געזאָגט: איר גייט אין דער פינסטערניש. איר ווייסט גאָרנישט וואָס אמת איז — איר בלאָנדזשעט. אייער גאַנצע קולטור איז גאָרנישט ווערט — א י ר זייט באַרבאַרן — דער אמת, דאָס ליכט, די חכמה איז דאָרט — אין ירושלים, ביי יידן, ביי אַ רבין פון גליל.

ער איז געקומען צו די רוימער און האָט זיי געזאָגט: אייער מלוכה שטייט אויף זאמד — די איינציקע מלוכה איז די פון דעם יידן אין נוצרת. אמת, ער האָט אים גערופן „גאָטס זון", משיח, קריסטוס, ד. ה. דער געזאַלבטער, דער האר א. אז. וו. אָבער ער האָט זיי — די גריכן און די רוימער — באַוויזן זיין נייע שיטה, ווידעראַמאָל פון פסוקים, פון דער תורה, פון תנ"ך.

אַ יידישער וועג — צו אַ נישט־יידישן צוועק.

וואָלט פּאַולוס געבוירן געוואָרן מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר פריער, ווען די יידישע מלוכה איז נאָך געווען גאַנץ, ווען דאָס פאָלק — זיין פאָלק — האָט נאָך נישט געהאַט פאַרלוירן דעם מוט און די קראַפט — וואָלט זיכער אויך זיין מיסיע צו די פעלקער געווען אַן אַנדערע. ער וואָלט זיכער אויך דעמאָלט געמוזט צונויפפלעכטן אַ געוועב פון שפּינוועבס־פעדעם, שאַפן אַ לעגענדע. אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן טוען עס. און בפרט די, וואָס פּראָפּאַגאַנדירן רעליגיע. אָבער זיין לעגענדע וואָלט געווען אַן אַנדערע, אַ יידישערע, אַ קלערערע, אַ

מענטשלעך=מעגלעכערע. און עס וואָלט אפשר באמת געקאָנט קומען צו אַן אויסגלייך צווישן יידנטום און דער וועלט — צו אַ נייער יידיש=אוניווערסאַלער קולטור.

אָבער פּאָולוס איז געקומען צו שפּעט, די בריקן זענען געווען איבערגעבראָכן. דאָס יידנטום האָט זיך אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזונדערט. דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו האָט באַצווונגען דעם ריין=רעליגיעזן, און דאָס יידנטום האָט אויפגעשטעלט אַ מחיצה צווישן זיך און די אַנ= דערע.

פּאָולוס האָט געמוזט אַריבערשפּרינגען די מחיצה — און דער שפּרונג האָט געהאַט זיינע וועלט-היסטאָרישע קאָנזעקווענצן.

די טראַגעדיע פון דער יידישער געשיכטע, איר גרעסטע טראַ= געדיע איז געווען — פּאָולוס. דאָס, וואָס ער — און נישט קיין אַנדערער, קיין קלערער=דענקענדיקער — אַ ווייניקער „באַרימערישער", ווי ער אַליין רופט זיך אָן, אַ ווייניקער פאַרעקשנטער, אַ געזינטע- רער, אַן אויסגעגליכענער, א גאַנצערער, איז באַטיילט געוואָרן מיט דער אומגעהייערער אויפגאַבע צו פלאַנצן יידישע קערנער אין פרעמדער ערד. דער וועבער פון טאַרסאַס, דער פרושי, דער מאַן פון היסטערישע עמאָציעס און פלעצלעכע אָנפאַלן, האָט אַרויפגעלייגט דעם חותם פון זיין פּערזענלעכקייט אויף דעם יונגן קריסטנטום. אַ צעשפּאָלטענער, אַ צעריסענער, אַ שולד-באַוווסטער איז ער געווען, און אַזוי איז געוואָרן אויך זיין שיטה, די פּאָולינישע, דאָס קריסטנ- טום, וואָס ער האָט געשאַפן. צופיל גערעדט — און נישט דערזאָגט, משלים און לעגענדעס — אַן אַ קלאָרן נמשל, און תמיד א געפיל פון שולד — אַ שולד, וואָס מען מוז אויסקויפן — אויסלייזן, פאַר- גלעטן און פארגעסן — דורך אייגענע ליידן, אָדער דורך פרעמדע.

און דער ערשטער פאַנאַטישער רודף פון דעם קריסטנטום איז געוואָרן דער ערשטער יאָגער און פאַרפאָלגער — ביז צום בלוט — פון זיין אייגן פאָלק, פון זיין אייגענעם שורש. אַקעגן זיך אַליין — אין קאַמף מיט זיך — אַזוי איז געווען זיין לעבן. און אַקעגן דעם, וואָס ער איז געווען, וואָס איז געווען די נשמה פון זיין שיטה, די אידעע פון זיין ווערק — דאָס איז געווען די פרוכט פון זיין לעבן. שמעון קיפא האָט געהאַט אַ זיכערן, אַ יידישן אינסטינקט : ער האָט געפילט, אַז דער פרושי וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין תלמיד און קיין פאַרשטייער

פון דעם יונגן און גוטמוטיקן מגיד פון גליל, און ער האָט אים פיינט געהאַט.

אָבער פאולוס האָט אָפּגעטאָן דעם אַלטן פישער אַ שפּיצל: ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם „שטיין" פון דער קריסטלעכער קירך. ער האָט אוועקגעשטעלט שמעון קיפא — אַלס סאַנקט-פּעטרוס אויף דער וואַטיקאַנישער באַזיליקאַ אין רוים. דער אַלטער יידישער פישער לאָזט זיך קושן די פיס פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן. די אייביקע טרייסט, וואָס ער האָט, אָדער די אייניציקע נקמה.

און פאַולוס שמייכלט: דערפירט די גליל-יידן צו גדולה — דערפירט — און ווייטער נישט אָפּרוען, נישט אָפּלאָזן. דער פּרושי איז נאָך נישט פאַרטיק. פריער אָדער שפּעטער — דער וועג צוריק וועט געפונען ווערן.

דער וועבער פון טאַרסאַס זיצט נאָך אַלץ ביים וועבשטול - און וועבט. וואָס וועט ער אויסוועבן.

ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי

1469 — 1927

1

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק – דעם 22-טן יוני — איז געווען אַ גרויסער יום=טוב אין הימל. דער גרויסער סאַלאָן, דער היכל מיט די מירמלשטיינערנע זיילן און פּורפּורנעם באַלדאַכין; דער סאַלאָן, וווּ עס פלעגן פאָרקומען אַלע גרויסע בעלער און זיצונגען אין קבלת=פּנים, איז געווען פריש געוואַשן און אויסגעפּוצט. מען האָט זיך געגרייט צו אַ „קלאַסישער" זיצונג פון דער אַקאַדעמיע פון די אומשטערבלעכע. זי פלעגט נישט פאָרקומען זייער אָפט. זעלטן מער ווי איין מאָל אין הונדערט, אָדער העכסטנס פופציק יאָר. און די אומשטערבלעכע פלעגן זיך שוין פרייען מיט יאָרן פריער דערויף. פאָרט אַ ביסל אונטערהאלטונג אין דער אייביקער גלייכקייט פון טעג, אין דער שטענדיקער רו און צופרידנקייט.

און אַזוי איז שוין געווען דער מנהג: צו אַזאַ זיצונג פלעגט מען איינלאַדן אַלע די, וואָס האָבן עפּעס אַ ווערט — נישט קוקנדיק דערויף, צי זיי געפינען זיך אין גן=עדן, צי אין גיהנום — אָדער ערגעץ גאָר אין דעם וויטן שטח, וואָס איז צווישן ביידע: אין דער „אַדמיניסטראַטיווער פאַרשיקונג", ווי מען פלעגט זיך ווערטלען אין מלאכים־קרייזן.

דער זאַל איז שוין געווען פול. אויף די גאָלדענע שטולן, אויף מירמלשטיינערנע בענק, אָדער גרופּנווייז צווישן די אַרקאַדן — זענען געווען די באַקאַנטסטע מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע: פּלאַטאָן מיט דעם ברייטן שטערן, אַריסטאָטעל מיט דעם שמאָלן לאַנגן קאָפּ, פרידריך דער גרויסער, נאַפּאָלעאָן – אַ ביסל צו פעט פאַר זיין קורצן

גוף, דער אַלטיטשקער, דאַרינקער קאַנט מיט דעם צעפּעלע, וואָס האָט זיך אַזוי קמיש געשאָקלט, ניצשע מיטן לאַנגן האַלדז און פּוילישע וואָנצעס, שפּינאָזאַ מיט די אומעטיקע אויגן — אַלע זענען זיי געווען דאָרט, אַלטע און יונגע, פּאָרצייטיקע און נאָר־וואָס אָנגעקומענע, פריש געבאַקענע. אַלע פעלקער, אַלע צייטן. נאָר יידן זענען געווען אָפּגעזונדערט, געשטאַנען ביים מורח־פענסטער און האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך — און געשמייכלט.

די אַלטע האָבן באַקוקט די נייע. נישט אַלע האָבן זיך געקענט, און איינער האָט פאַרגעשטעלט דעם צווייטן. פון דער יידישער גרופּע האָט זיך אָפּגעטיילט איינער אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברייטביינערדיקער, מיט אַ גרויסער באָרד, און צוגעגאַנגען צו עפּעס אַ טאָטערש־אויסקוקנדיק מענטשעלע, וואָס איז אומרויִק אַרומגעגאַנגען פון איין גרופּע צו דער צווייטער און האָט זיך מיט קיינעם נישט געגריסט. „אויב איך האָב נישט קיין טעות — זייט איר חבר לענין" — האָט זיך דער באָרד־ייד אָנגערופן. „יאָ, אָך, גאָספּאָדי! דאָס איז דאָך דער רבי — ווי גליקלעך בין איך — לערער מיינער! סוף כל סוף זוכה געווען צו דערזען מאַרקסן, דעם מאַרקסן, וואָס איך האָב אַזוי טריי געדינט". — „טיע, טיע, נישט אַזוי מסוכן, תּלמיד מיינער! מוחל די טריישאַפט — מוחל — אָבער מיר, ווען עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. מיר האָבן דאָך אַן אייביקייט פאַר אונדז צו דעבאַטירן — אָ, יאָ, ווי וווינט איר דאָ?

„איך?" — און די שמאָלע, אַ ביסל קאָסאָקע אייגעלעך האָבן אַ בליץ געטאָן. — „די קאָנטר־רעוואָלוציע פאַרפאָלגט מיך דאָ אויך. זיי האָבן מיך אַריינגעזעצט אין גיהנום אַריין, און פרעגט שוין נישט. איך בין דאָך דאָ בלויז אויף באזוך — ספּעציעלע דערלויבניש — אָדער ווי מיר פלעגן עס רופן בא אונדז „קאָמאַנדירונג", נאָך דער זיצונג קער איך זיך אום.

„מילא, פאַרפאַלן", — מאַרקס האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיין געדיכטער באָרד אַריין. „דיקטאַטור פון דעם הימלישן קלאַס. היסטאָרישע נויטווענדיקייט, לויט העגעל — אין אָרדענונג. אָבער דערווייל באַקענט זיך". און ער האָט צוגעפירט לענינען פון איינעם צום צווייטן — „נאַפּאָלעאָן" — „לענין". „זייער אָנגענעם. אַ חבר אין אַרבעט. דער אייגענער צוועק. פאַרענדיקער פון 1812 — איך האָב געוואָלט רויִנירן רוסלאַנד — איר האָט עס — זייער אָנגענעם".

„פּיאָטער — לענין". „אך — דאָס ביזטו, ניקאָלאַשאַ — דו האָסט עס ביי מיר צוגענומען פּעטערבורג! מאָלאָדיעץ! בעסער געמאַכט פון מיר. איך האָב געהאַקט בערד — דו האָסט געהאַקט קעפּ — מאָלאָדיעץ".

פּלוצלונג א גלאָקנקלאַנג און אין זאַל איז אַריין, אין דער באַגלייטונג פון צוויי מלאכים — דעלעגירט אין גיהנום, כדי אים צו ברענגען מיט אַ ספּעציעלן פּאַראַד — דער ערנגאַסט פון דעם טאָג — דער פלאָרענטינער דיפּלאָמאַט, דער קאָמעדיען־שרייבער און פּאָליטישער דענקער ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי. אַ מיטלוווקסיקער איטאַליענער, מיט גלאַטע שוואַרצע האָר, אַ דאַר פּנים און אַ לאַנגער נאָז, אָנגעטאָן אין די מלבושים פון אַ פלאָרענטינער דאָקטאָר אין דעם זעכצנטן יאָרהונדערט: שמאָלע, שוואַרצע זיידענע הויזן ביז צו די קני, לאַנגע שוואַרצע זאָקן, האַלב־שיך מיט אַ זילבערנער שנאָל — און איבער דעם לייבל מיט ברייטע אַרבל אַ שוואַרצער מאַנטל. אויפן קאָפּ אַ סאַמעטענער שוואַרצער קאַרעט. ער איז אַריין מיט אַ גיכן גאַנג און אַ ציניש שמייכל אויף די דינע ליפּן, זיך אַ בוק געטאָן אין אַלע זייטן — ספּעציעל פאַר די פּאָר רוימער און גריכן, וואָס ער האָט דערקענט — פאַר טיטוס ליוויוס, פאַר יוליוס צעזאַר, פאַר אַריסטאָטעל, און טיפער פאַר אַלע — פאַר דעם מאָנאַכיש־אויסזעענדיקן איטאַליענער, וואָס איז געשטאַנען שווייגנדיק אַליין, אָנגעלענט אָן אַ זייל — דאַנטע.

אַלע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף דעם ניי אָנגעקומענעם. די מלאכים האָבן אים צוגעפירט צו אַ שטול — ביים הויפּטטיש און געגעבן אַ צייכן. באַלד האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט. דעם פּרעזידיום האָט געפירט דער מלאך גבריאל אַליין.

„מייגע הערן אַקאַדעמיקער" -- האָט זיך געהערט דער באַקאַנטער, מעטאַליש־קלינגענדיקער קול פון גבריאל — „מיינע הערן אומשטערבלעכע! נאָך דעם מנהג, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פון פּאַרצייטנס — האָבן מיר היינטיקן טאָג אָרגאַנזשירט אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פון אונדזער אַקאַדעמיע לכבוד איינעם, וואָס איז נישט תמיד מיט אונדז — נאָר צום באַדויערן אין אַ וואַרעמערן אָרט". — דער ערנגאַסט האָט איראָניש געשמייכלט און גבריאל אַליין האָט זיך אויך שיער נישט צעלאַכט איבער זיין אייגענעם וויץ. „אָט דער גאַסט, דער אַלגעמיין־באַקאַנטער, הגם נישט אַלגעמיין־באַליבטער, קינסט-

לער און דענקער ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי האָט היינט אַ יובילײ. עס זענען פאַרגאַנגען פונקט פיר הונדערט יאָר פון זינט ער איז אַריבער אין דער אמתער וועלט. איך דאַרף אייך, מיינע זייער געלערנטע פריינט, נישט דערציילן באריכות ווער סיניאָר מאַקיאַוועלי איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן. די יינגערע צווישן אייך ווייסן עס אַליין נישט ערגער פון מיר. אָבער מיין חוב, אַלס פרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע, און אויך צוליב די, וואָס זענען שוין דאָ לענגער, ווי די לעכערלעכע צייט פון פיר הונדערט יאָר, וועל איך אינקורצן דער־ציילן וועגן דער יובילאַר און זיינע מעשים.

„ער איז אַ פלאָרענטינער — אזוי ווי דער גרויסער מייסטער דאַנטע, אזוי ווי אונדזערע באַריטמטע פריינט סאַוואָנאַראָלאַ, מיקעלאַנ־דזשעלאָ בואָנאַראָטי און לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, געבוירן אין אַ שטאָט פון געניאַלע קינסטלער — אין אַ לאַנד פוןליידנשאַפטלעכע, פאַנטאַזיעפולע, אַוואַנטוריסטישע מענטשן. אין אַ צייט, ווען איין אָר־דענונג, די אַלטע, פעסטע, מיטלאַלטערלעכע איז געפאַלן און די נייע איז נאָך געווען אין פאָרמירן זיך. די אַלטע רוימישע אייגהייט איז צעבראָכן געוואָרן. עס איז נישט געווען מער קיין איטאַליע, נאָר אַ גרופע פון שטעט — איינע פול מיט קנאה אויף דער צווייטער, אַ כאַאָס, אַן אַנאַרכיע. מילאַן פאַר זיך, רוים אונטער דעם פויפסט, ווענעציע ביי דער שוועל פון איר נפילה, אונטער דער שווערער האַנט פון אירע דאָזשן און דער אַריסטאָקראַטיע. די אומגליקלעכסטע שטאָט — און די שענסטע — איז געווען פלאָרענץ. זי איז געווען אין דעם צענטער פון איטאַליע — איר אויג און קאָפּ. דאָרט האָט די איטאַליענישע קולטור געפונען איר נאַטירלעכן מיטלפונקט, דאָרט האָט זי אויפגעבליט און דאָרט האָבן אַלע געדאַנקען פון איטאַליע געקעמפט פאַר זייער עקזיסטענץ. אַן אייביקער בירגערקריג. די אַרי־סטאָקראַטן האָבן געהאַלטן אין איין פירן מלחמה מיט דער דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי. און ווער עס האָט געזיגט — האָט געהאַקט קעפּ, האָט פאַרשיקט זיינע קעגנער, האָט קאָנפיסקירט און זיך געבאָדן אין בלוט.

„אָט אין אַזאַ סביבה איז אויסגעוואַקסן מאַקיאַוועלי. ער איז, אייגנטלעך, פון דער נאַטור אויס נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר אַ פּאָ־ליטיקער. עס האָט אים דערצו געפעלט דער פּראַקטישער קיק, דער ווילן צו הערשן”... — ניצשע האָט זיך אַ דריי געטאָן אין זיין שטול

און אריינגערופן אין דער פֿאַרזאַמלונג: „אָבער נאַטירלעך, דאָס האָב
איך תּמיד געזאָגט״ — אָבער גבריאל האָט שטרענג אַ קוק געטאָן
און ניצשע איז ווידער שטיל געוואָרן. „מאַקיאַוועלי איז בטבע גע=
ווען אַ קאָמיקער, אַ סאַטיריקער — אַ מענטש מיט אַ שאַרף אויג —
מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס אַ מענטש קען שוין זען! — און מיט אַ
נאָך שאַרפערער צונג. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, ער האָט מיט
זיי געשיכּורט און געגעסן און האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע נייגונג צו
דעם שיינעם מין — בפרט דעם, וואָס מען קען קויפֿן פֿאַר געלט, —
האָט אין גאָרנישט געגלויבט און געהאַט אַ גלענצנדיקן, בייסנדיקן,
פֿאַטשנדיקן סטיל. ער האָט געזאָלט זיין אַ ליטעראַט — און האָט
עס באַוויזן. זיינע קאָמעדיעס: מאַראַגאָרא, ווו ער לאַכט אויס די
מענטשן פון זיין צייט, זיינע איבעריקע קאָמעדיעס און כּמעט דער=
ציילונגען, זענען פול מיט הומאָר, אַ ביסל צו פעפערדיק, אַזוי, אַז
ווי איך הער, לאָזט מען נישט שפּילן זיינע קאָמעדיעס אין דער איצ=
טיקער, הפּנים, זייער מאָראַלישער צייט. אָבער מאַקיאַוועלי האָט, ווי
די טבע פון מענטשן איז, געוואָלט ווערן דאָס, וואָס ער האָט נישט
געקאָנט — אַ פּאָליטיקער. אָרער אין אַ צייט, ווו יעדער, וואָס האָט
נאָר געוואָלט, האָט געקאָנט ווערן אַ הערשער, אַ פירער, אַ דעספּאָט,
ווי צ. ב. לודאַוויקאָ מאָראָ, ווי די מעדיטשיס, ווי סאַדעריגי, ווי
ספאָרצאַ, ווי די באָרדשיאָס א. אז. וו., האָט ער, דער באַדייטנדיק=
סטער פון אַלע, זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו א העכערער שטע=
לונג, ווי אַ סעקרעטאַר, א באַאמטער, אין בעסטן פאַל אַן עצה־געַ=
בער. און דאָס אויך גאָר ביז צו אַ געוויסער צייט. אין די לעצ=
טע יאָרן פון זיין לעבן — אַ יאָר פערצן פאַר זיין טויט — האָט
ער דידאָזיקע שטעלע אויך אָנגעוואָרן און איז געוואָרן גלאַט אַ
שרייבער — צו זיין גליק. ווייל אָט אין די לעצטע יאָרן האָט ער
אָנגעשריבן די ווערק זיינע, וואָס האָבן אים געבראַכט וועלט-רום. און
אַזוי איז שוין דער גורל פון דעם מענטשן. ער דערגרייכט קיינמאָל
נישט, וואָס ער וויל, און ווייסט קיינמאָל נישט, דוו זיין כּוח איז.
פֿאַרגעסן זענען אַלע קליינע טיראַנען פון פלאָרענץ און ווענעדיג,
דער סעקרעטאַר אָבער, דער פּאַרפאַסער פון די געזאָלצטע קאָמעדיעס
און פון דעם מערקווירדיקן, איינציקאַרטיקן בוך „דער פירשט״ —
„איל פּרינטשיפּע״ — ער לעבט אין דעם זכּרון פון מענטשן. זיין
נאָמען איז געוואָרן אַ שפּרוך, אַ סימבאָל. אַנטקעגן אים האָט מען

הונדערטער יאָרן פּאָלעמיזירט. אונדזער פּאַרצײַטער פרידריך — דער גרויסער, ווי די קלײנינקע אויף דער ערד האָבן אים אָנגערופן — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון זיין קעניגלעכער הויך און האָט אָנגעשריבן אַ בוך „אַנטי־מאַקיאַוועלי"; נאַפּאָלעאָן האָט אים געשעצט; געטע האָט אים אַוועקגעשטעלט צווישן די גייסטיקע פירער פון די מענטשן — לעבן משה און די אַנדערע אויסגעקליבנסטע מענטשן — און איצט, נאָך פיר הונדערט יאָר, פּראַוועז מיר דאָ אַלע זיין יובילײ. איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין אַן אָפּשאַצונג פון זיין ווערק. אַנדערע וועלן עס טאָן — בעסער פאַר מיר. זיי זענען נענטער צו די מענטשלעכע פּראָבלעמען און דאגות, זיי האָבן צו ווייניק פּערספּעקטיווע — און דערפאַר זענען אָט די אַלע פאַר מיר לעכערלעכע פראַגן פון אַזאַ גרויסן ווערט. מיין חוב איז בלויז איינצופירן אונדזער גאַסט און עפענען די דיסקוסיע. און איך גלויב, מיינע הערן, אַז איר וועט אַלע זיין געשפּאַנט צו הערן אַליין דעם באַרימטן מחבר פון דעם „פירשט". דאָס וואָרט האָט ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי.

די פאַרזאַמלונג האָט אַפּלאָדירט — זייער מעסיק, אָבער העפלעך — דעם פאָרזיצער, און אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צום רעדנער.

מאַקיאַוועלי האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהייבן זיין רעדע — אויף לאַטיין, צום כבוד פון די, וואָס פאַרשטייען נישט קיין איטאַליעניש, אָדער אפשר צוליב ווייזן זיין לומדות.

„הויכדערלויכטער הער מלאך־השרת, הויכע פאַרזאַמלונג! די שפּראַך פון ווירגיל און ציצעראָן האָט גאָרנישט אַזויפיל ווערטער אויסצודריקן אייך מיין דאַנק און דעם גליק, וואָס איך פיל איצט. איך ווייס נישט, פאַרוואָס עס איז מיר באַשערט געוואָרן צו ווינען אַזוי ווייט פון אייך אַלע — אין די זייער וואַרעמע ערטער, ווי דער פּרעזידענט האָט זיך אויסגעדריקט, אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב אַמאָל אין אַ שפּאַס — אין מיין „חלום" — געזאָגט, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אין גיהנום און רעדן מיט קלוגע מענטשן איבער פּאָליטיק, איידער לאַנגווײלן זיך אין גן־עדן. מען האָט מיך, הפּנים, אין הימל גענומען ערנסטער, ווי אויף דער ערד. אָבער — איך וויל דאָ נישט שטערן די שמחה און קלאָגן זיך אויף מיין גורל. סוף כל סוף איז דאָרט אויך נישט שלעכט. אַ ביסל צו הייס — נאָר, מילא, בעסער ווי לעבלעך.

„דער פּרעזידענט האָט מיך אויפגעפאָדערט צו דערקלערן אייך, וואָס איך האָב געוואָלט מיט מיין בוך „דער פירשט", וואָס מיין כוונה איז געווען. איך פריי מיך, וואָס איך האָב די געלעגנהייט. מען האָט מיך אַזוי פאַלש פאַרשטאַנען, מען האָט מיך אַזוי שלעכט אויסגעטייטשט, אַז אַפילו אין די פלאַמען פון דעם גיהנום האָט מיין פּנים אָפט נאָכמער געפלאַמט.

איר האָט שוין געהערט, ווי די לאַגע פון פלאָרענץ, פון איטאַליע, פון גאַנץ אייראָפּע איז געווען אין מיין צייט. די אַלטע, מיטלאַלטערלעכע געזעלשאַפט איז געפאַלן — נייע קלאַסן זענען אויפגעשטאַנען, דער אַלטער פעאָדאַל האָט פאַרלוירן זיין מאַכט — אָבער האָט זי נישט געוואָלט אָפּגעבן. עס איז אויסגעוואַקסן דער שטאָטמענטש, דער רייכער סוחר, דער באַנקיר, דער גביר און ער האָט אָנגעהייבן צו דריקן דאָס אָרעמע פאָלק. די מאַסע איז געווען אומוויסנדיק, פינסטער, פאַנאַטיש און אויסגעלאַסן, קיין געזעץ און קיין אָרדענונג, קיין דין און קיין דיין, קיין מאָראַלישע פּרינציפּן און נישט קיין גאַנצע, געבונדענע, בינדנדיקע וועלטאַנשויונג.

„איז דער מיטלאַלטער געווען די צייט פון גלויבן און פון דענקען, איז מיין צייט געוואָרן דער פּעריאָד פון קונסט. דער קינסטלער — ד. ה. דער מענטש, וואָס איז האַר איבער דעם חומר, וואָס ברעכט דעם שטיין, קנעט דאָס ליים, שניצט דאָס האָלץ, שמעלצט אייזן — לייגט אַריין זיין גייסט, זיין ווילן אין דער פּאַסיווער מאַטעריע — אָט דער קינסטלערישער מענטש איז געוואָרן דער אידעאַל פון מיין צייט. פרעגט דעם קינסטלער, צי ער קען האָבן געוויסן — ווען ער דאַרף פורעמען זיין שטאָף. פרעגט בענווענוטאָ טשעליני אָדער לעאָנאַרדאָ, האָט ער רחמנות מיט דעם גאָלד, וואָס ער שמעלצט, אָדער מיט דעם מאַרמאָר, וואָס ער צעהאַקט?

און איך האָב זיך געטראַכט: וואָס איז לעבן? פאָרם. וואָס איז פאָרם? אָרדענונג. וואָס איז אָרדענונג? דיסציפּלין — און דאָס וויסן פון אַ ציל, אַ העכערן.

און איז נישט געזעלשאַפט אויך אַ קונסטווערק? איז נישט איר פּרינציפּ — אָרדענונג און פאָרם און געבונדנקייט דורך אַ ציל? דער איינצלנער מענטש איז שטאָף אָדער קינסטלער. און איך האָב גערעדט וועגן דעם קינסטלער.

II.

קוים האָט מאַקיאַוועלי אַרויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער — איז
צווישן די פאַרזאַמלטע געוואָרן אַ טומל. „בענע" — גוט!" — האָט אַ
געשריי געטאָן איינער אַ דיקער, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם פּנים, מיט
אַ געלער רוימישער טאָגאַ און אַ קראַנץ אויף דעם אָנגעשמירטן קאָפּ —
„אָט דאָס האָב איך דאָך געטענהט מיין גאַנץ לעבן! דאָס האָב איך
דאָך געזאָגט פאַר מיין טויט, ווען די פּרעטאָריאַנער זענען מיך אי־
בערגעפאַלן און דערשטאָכן; „קוואַליס אַרטיפעקס פּעראָ — וואָס פאַר
אַ קינסטלער גייט אונטער מיט מיר!"

צווישן די רוימער איז געוואָרן אַ געוואַלד. „זע נאָר, זע נאָר,
ווער עס רעדט — נעראָן, דער פאַרטאַטש, דער נאַר, דער אומגע־
לומפּערטער נאָכמאַכער — אויך מיר אַ קינסטלער!" מער פון אַלע
האָט זיך געהיצט סענעקאַ, נעראָנס לערער. זיין שפּאַניש פּנים האָט
זיך צעגליט און זיין גרויסער פּליך איז געוואָרן רויט פון כעס. „אַזאַ
חוצפּה! מיר אין די אויגן זיך אַזוי צו באַרימען! איך האָב אים גע־
לערנט פּונקט דעם היפּוך. איך האָב אים באַוויזן, ווי צוויי מאָל צוויי
איז פיר, אַז דער עיקר איז מאָראַל, איז רו, איז כבוד צו דעם
מענטשן. אַז גליק מיינט נישט ווערן קיין שבחים, נאָר צו פאָלגן
דעם געזעץ פון דער נאַטור, דעם אייביקן גוטן פּרינציפּ. איך האָב
זיך באַמיט אים צו מאַכן פאַר אַ סטאָיִשן פילאָזאָף — אָבער ווי
אַרבעס אָן וואַנט. אַ גראָבער קאָפּ און אַ יצר-הרע פון אַן אָגער! דער
מערדער פון זיין אייגענעם לערער און דער רעדט נאָך אויף"

אין דעם יידישן ווינקל האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. „וואָס
זאָגסטו עפּעס צו דיין זיידן?" — האָט רבי עקיבה געזאָגט צו רבי
מאירן. „לאָך נישט, עקיבה, עס איז איינער פון די בטלנישע וויצן,
וואָס אונדזערע בחורים אין די ישיבות און די מגידים האָבן פאַר־
שפּרייט איבער מיר. עס פאַרדריסט מיך. וואָס האָבן זיי געהאַט צו
מיר? אָנגעהאָנגען מיר אַזאַ האָרב! אָבער דו ווייסט דאָך, וואָס ר'
אמי האָט אַמאָל געזאָגט — דער חצוף צווישן די פעלקער איז דער
ייד". „געוויס, אָבער זאָג שוין ווייטער — „או יהודי או צלוב" — אַ
ייד האָט קיין אַנדערע ברירה נישט: אָדער אַ ייד אָדער אַ געקריי־
ציקטער, און ער טרייסט זיך, אַז די ערגסטע צווישן די גויים קומען
אויך צו יסורים".

גבריאל האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין צווייִשאַרפיקן שווערד — וואָס ער האָט באַנוצט פאַר דעם פרעזידיום־האַמער — און עס איז געוואָרן שטיל.

מאַקיאַוועלי האָט ווייטער גערעדט. דאָסמאָל מיט מער התלהבות און פּאַטאָס. „יאָ, מיין זייער פאַרערטע פאַרזאַמלונג! איך בלייב ביי מיינס. פּאָליטיק איז קונסט, ווייל לעבן איז קונסט. איר אַלע, פילאָזאָפן און פּאָליטיקער, זייט דאָך אָדער היפּאָקריטן אָדער פלאַטשיקע, אויבערפלעכלעכע. אָדער איר האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, וואָס איר רעדט, אָדער פאַרשטאַנען און זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. וואָס האָב איך דען געזאָגט און געטאָן? איך האָב אין מיין „פירשט" באַוויזן, אַז אויב א שטאָט אָדער אַ שטאַט וויל ווערן גרויס און דערפאָלגרייך, מוז ער געפירט ווערן פון שטאַרקע מענטשן, אָדער פון אַן איינציקער, שטאַרקער, מאַכטפולער פערזענלעכקייט. און נאָכמער: איך האָב קיינמאָל נישט געפרעדיקט טיראַניי, מאָנאַרכיע. פאַרקערט — איך בין געווען אַ רעפּובליקאַנער, געגלויבט אין דער פרייהייט. „די פעלקער ווילן דאָס אייגענע, וואָס דער קעניג, דער קעניג וויל קיינמאָל נישט, וואָס דאָס פאָלק פאַרלאַנגט". האָב איך געשריבן אין איינער פון מיינע שריפטן. און אין מיינע „דיסקאָרזי" (די שמועסן) האָב איך אויפגעשטעלט דעם פרינציפּ: „דאָס, וואָס אַ פריי פאָלק פאַרלאַנגט, איז זעלטן שעדלעך פאַר זיין פרייהייט". איך האָב אויך אין מיין אַזוי געלעסטערטן „פירשט" געזאָגט, אַז אַ רעפּובליק פון פרייע מענטשן איז בעסער, ווי אַ מאָנאַרכיע, ווי די אונטערטעניקייט צו אַ מענטשן. אָבער וואָס האָב איך דען געקאָנט טאָן, ווען איך האָב געזען אַזוי קלאָר, אַז די פעלקער ווילן נישט, קאָנען נישט זיין פריי, אַז זיי זענען ווי אַ טראָסטינע, וואָס בויגט זיך פאַר יעדן ווינטל? האָט דען נישט אונדזער מייסטער דאַנטע אַליין געשריבן אין זיין „קאָנוויוויאָ", אַז די פעלקער „שרייען אָפט: עס לעבט אונדזער טויט און טויט צו אונדזער לעבן"? עס איז נישטאָ קיין ברירה. אין דער אַלטער רוים, אין אַלט־גריכנלאַנד האָבן די מענטשן געהאַט מער געפיל פאַר פרייהייט, ווייל זיי האָבן גענומען דאָס לעבן, אָט דאָס טאָג־טעגלעכע ערד־לעבן, ערנסט. פאַר זיי איז דאָס געווען דער אָנהייב און דער סוף, — דער זין און דער ענד־צוועק. און זעט, וואָס איז געוואָרן אפילו פון רוים, פון גריכנלאַנד! דאָס פאָלק האָט זיך תמיד געבוקט פאַר צעזאַר — און דער דיקטאַטאָר איז געקומען. בפרט נאָך אין אונדזער קריסטלע־

כער וועלט, ווו אַלצדינג שטייט אויף אַ פיקציע, אויף אַן אויסגעטראַכטער לעגענדע. די וועלט — קיין וועלט נישט, דאָס לעבן איז נישט ווערט, מען זאָל פון דעם טראַכטן. דער עיקר — יענע־וועלט. פאַרדאָן, איך מיין נישט די וועלט -- די אונדזערע. איר געדענקט דאָך, וואָס דער ברודער דזשעראָלאַמאָ סאַוואָנאַראָלאַ האָט געפּרעדיקט אין די גאַסן פון פלאָרענץ — ביז מען האָט אים פאַרברענט: — „טוט תשובה, גרייט זיך צו יענער וועלט, וואַרפט אַראָפּ די טיראַנען" — און וואָס האָט דאָס געמיינט? וואַרפט אַראָפּ די בעסטע, די שטאַרקסטע, די קליגסטע, צעשטערט די קולטור, די קונסט — גייט באָרוועס, באַדאַרפט נישט, ווילט גאָרנישט — גרייט זיך בלויז צום שטאַרבן. קאָן אַזוי לעבן אַ געזעלשאַפט?

אמת, איך האָב זיך געלאָזט פאַרפירן פון מיין ליבע צו קאָמעדיען און צו פאַראַדאָקסן און אויסגעקליבן פאַר מיין „העלד" טשעזאַרע באָרדזשיאַ, דעם הערצאָג וואַלענטינאָ. איך ווייס, ער איז געווען אַלצדינג, וואָס אין דער קאָרט: אַ מערדער, אַן אונטערדריקער, און דער עיקר אַן אומפעיקער, — אָבער פאַרטראַכט זיך אַ ביסל, וואָס וואָלט געווען, ווען דער אייגענער באָרדזשיאַ וואָלט דערגרייכט זיין ציל, אָדער דעם ציל, וואָס איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל דערגרייכן: פאַרייניקן איטאַליע, באַפרייען זי פון די פרעמדע, פון דער צעריסנקייט און דער קאָרופּציע און איר טיראַניי. אַ פּאַר הונדערט קרבנות, און דווקא צווישן אַריסטאָקראַטן און קליינע טיראַנען — און דערנאָך רו, דערנאָך שלום און אַ נייע היסטאָרישע עפּאָכע פאַר רוים, פאַר גאַנץ אייראָפּע. וואָס וואָלט איר אַלע געזאָגט וועגן אים? זענען דען דאַנטאָן און ראָבעספּיער, און אפילו נאַפּאָלעאָן אַליין, נישט געוואָרן „העלדן" פון דער געשיכטע? און וואָס האָבן זיי נישט געטאָן? וויפל קרבנות זענען נישט געפאַלן דורך זיי? אָדער נעמט דעם לעצטן, דעם גייסטן, דעם רוס לענין! איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגן זיך צו באַקענען מיט אים אין גיהנום. און וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן זיך, איז דאָך אַ באַשטעטיקונג פון מיין „פירשט". באָרדזשיאַ איז געווען אַ מלופים=קינד אין פאַרגלייך מיט אים — און פאַרגעסט נישט באָרדזשיאַ איז געווען אַן אויסגעלאַסענער, אַן אומוויסנדער איטאַליענער פון דעם זעכצעטן יאָרהונדערט און נישט קיין פילאָזאָף און וועלט=פאַרבעסערער פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט! און דאָס איז דאָך דער אומגליק מיט אונדז, מענטשן: מיר האָבן ליב פיקציעס, לע־

גענדעס, שיינע ווערטער און מליצות. מיר האָבן נישט דעם מוט צו קוקן פאקטן אין די אויגן אַריין. און האָט איינער דעם מוט אָנצו־רופן די זאַכן מיט זייער נאָמען, שרייט מען: ציניקער, מנובל, — שרייט מען און מען פאַרשטאָפּט זיך די אויערן, ווי די דאַמען אין מיין צייט, וואָס פלעגן זיך כּלומרשט פאַרשטעלן דאָס פּנים פאַר בושה, ווען מען האָט זיי דערציילט די געפּעפּערטע מעשיות פון באָקאַטשיאָ, און דערנאָך געבעטן זיי איבערדערציילן, כּדי זייערע חברטעס אָדער געליבטע זאָלן עס אויך קאָנען הערען.

„איר מיינט, אַז ציניזם איז גרינג? און איך זאָג אייך, עס איז די גרעסטע טראַגעדיע. איך וויל אייך בלויז ציטירן אַ פּאָר סטראָפן פון אַ ליד, וואָס איך האָב געשריבן, פון דער „סטאַנצאַ:

„יעדע זאַך ברענגט מיר נייע שמערצן,
אין האָפענונג וויין איך, לאַך און גליי,
און האָב מורא פאַר דעם, וואָס איך האָס
אָדער האָב ליב".

און ווייסט — אַלצדינג אין דער וועלט איז בלויז אַ משל. און מיין משל איז געווען — דערפאָלג!"

מאַקיאַוועלי האָט געענדיקט און זיך אַוועקגעזעצט. איינער נאָך דעם צווייטן האָבן זיך געמעלדעט צום וואָרט רעדנער. עס האָט גע־רעדט פּלאַטאָן, וועלכער האָט באַוויזן, אַז דער גרונט־פּרינציפּ פון דעם שטאַט איז די „אידעע" — די אידעע פון שיינקייט און גוטסקייט, וואָס ווערט פאַרשמאָלצן אין דער העכסטער גאָט־אידעע.

עס האָט גערעדט טאָמאַס פון אַקווינאַ. און האָט אין אַ לאַנגן, שווערן, טעאָלאָגיש־לאַנגווייליקן דרש אויסגעפּשטלט, אַז שטאַט איז קירך, אַז די גאַנצע מאַכט מוז זיין אין די הענט פון די גייסטלע־כע, אַז דער קערפּער איז בלויז אַ דינער פון דעם גייסט — און דער גייסט — פון דעם גלויבן, און דערפאַר פון דער קירך. עס האָט גערעדט העגעל, און האָט אין אַ פאַרפּלאָנטערטן דייטש באַוויזן, אַז אַלצדינג, וואָס איז פאַראַן, איז נייטיק, מוז זיין, און אַז מאַקיאַוועלי איז געווען בלויז אַ דורכגאַנג צו אַ העכערער אַנטוויקלונג („צום אי־בערמענטש — האָט ניצשע אַריינגעברומט) א. אז. וו.

די דעבאַטע איז געוואָרן אַזוי צעטומלט און מאָסלאָז, אַז גבריאל איז מיד געוואָרן, און באַנוצנדיק זיך מיט זיין דיקטאַטאָרישער מאַכט—

האָט ער א קלאַפּ געטאָן מיט זיין צווייִשאַרפיקן שווערד: „אָרדענונג, אומשטערבלעכע! מיר זענען סוף כל סוף נישט אויף אַ מיטינג, נאָר אויף אַ יובילײ. און ביי אַ יובילײ פירט עס זיך, אַז דער פּאָרזיצער גיט דאָס וואָרט וועמען ער וויל. מיר ווילן דאָ קיינעם נישט איבערשפּאַרן, עס האָט סיי ווי סיי קיין זין נישט. וואָס אָפּגעטאָן, איז פאַרפאַלן. יעדערער האָט זיך זיין שכר — אונזער יובילאַר אויך". — „מוחל די יסורים און מוחל דעם שכר", — האָט מאַקיאַוועלי אונטערגעמורמלט. — „מיר ווילן, ווייל עס ווערט שוין שפּעט, פאַרענדיקן די דיסקוסיע, און איך גיב דאָס לעצטע וואָרט צו איינעם, וואָס רעדט ווייניק, וואָס טראַכט פיל, צו איינעם, וואָס האָט טיפער פון אייך אַלע געגראָבן — איך גיב דאָס וואָרט צו ברוך שפּינאָזאַ!"

ברוך שפּינאָזאַ האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט. זיינע שוואַרצע, אומעטיקע אויגן האָבן אַ שמייכל געטאָן. „מיינע פריינט, מיינע לערער, — איך האָב ווייניק וואָס צו זאָגן. מאַקיאַוועלי איז גערעכט — אָבער בלויז אַזוי ווי אַ קלאָון, אָדער אונדזער פריינט שעקספּירס „נאַר". ער זאָגט דעם אמת, אָבער ער פאַרשטייט אים נישט. אמת איז, אַז פּאָליטיק און מאָראַל זענען צוויי פאַרשידענע געביטן. און ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל די פּאָליטיק איז קיין פּאָליטיק נישט און די מאָראַל נישט קיין מאָראַל. זיי זענען ביידע בלויז אויסדרוקן פון עפּעס, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אויסדריקן אין אַ מענטשלעכער שפּראַך, וואָס קאָן נישט פאָרמולירט ווערן. פּאָליטיק — דאָרט אויף דער ערד — מיינט דערפאָלג — פאַר דעם פאָלק, פאַר דעם לאַנד, פאַר דעם יחיד. מאָראַל — דאָרט — באַטייט אַ מיטל צום דערפאָלג — פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענעם, טראַדיציע-באַהעפטן געוויסן. אָבער דער גרונט-באַגריף איז פאַלש. דערפאָלג איז נישט דער ציל פון דעם לעבן. דערפאָלג קאָן נישט זיין קיין אויסגאַנגספּונקט און זיכער נישט קיין ענדפּונקט. דאָס איינציקע, וואָס האָט אַ ווערט, איז גאָט, איז די ליבע צו אים, איז אים פאַרשטיין, איז איינס ווערן מיט דאָס אַלץ, וואָס איז וועלט און גאָט. און דאָס פאַרשטייען די מענטשן נישט, און וועלן עס מן הסתם קיינמאָל נישט פאַרשטיין — עד אחרית הימים".

„וואָס האָב איך דיר געזאָגט, מאיר, — חצוף שבגוים ישראל! — איין ייד שטעלט זיך איבער דער גאַנצער וועלט!"

„אָבער ער איז גערעכט, עקיבה! מיר האָבן עס אויך געוואָלט —

און נישט געוווּסט ווי צו זאָגן. אָבער מיט אונדזער לעבן האָבן מיר עס געזאָגט און מיט אונדזערע ליידן אויסגעדריקט".

די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט. און באַלד זענען זיך די „אומשטערבלעכע" צעגאַנגען — דער אין דעם ליכטיקן גן-עדן, דער אין דעם טראָפּישן גיהנום — און עס איז ווידער שטיל געוואָרן אויף דעם הימל. בלויז פון דערווייטנס האָט זיך געהערט ווי אַ כאָר פון יונגע מלאכימלעך זינגט די אָוונט-שירה.

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.

אויף איינער פון די גאַסן אין לאָנדאָן — עס איז געווען אין הערבסט 1585 — איז געווען אַ געטומל און אַ גערודער. אַ נאַסער, קאַלטער טאָג, אַ בלייענער הימל, אַ דריבנער רעגן. די ענגע, שמאָלע גאַסן פון לאָנדאָן זענען געווען שמוציק. אָבער די פּנימער פון דעם עולם אויף דער גאַס זענען גאָרנישט געווען הערבסטלעך־אומעטיק. רויטע באַקן, אָנגעגאָסענע בייכער, דיקע געשטאַלטן אין וואַטאָווע לייבלעך. יונגע און אַלטע — מיט שטעקנס, מיט פּאַרזשאַווערטע פּיקעס און האַלעבאַרדן, אַנדערע גלאַט מיט געזונטע אויפגעהייבענע קולאַקעס — האָבן געליאַרעמט, געפּייפט, געוואַלדעוועט. „דער שמוציקער פרעמדער", „דער שווינדלער", „דער מאַניאַק", „דער זון פון אַ הונט" און אַנדערע אַזעלכע צונעמענישן האָבן זיך געשאָטן. די צוגעקומענע האָבן זיך צעפרעגט, וואָס איז דאָ, וועמען האָט מען דאָ געכאַפּט. „ווער ווייסט — עפּעס אַן איטאַליענער, אַ רוימישער שפּיאָן — אָנגעקומען מן הסתם צו פאַרנאַרן ענגלענדער צוריק אין דעם שויס פון דער רוימישער קירך". — קיינער האָט נישט געוווסט אקוראַט, וואָס דער טומל באַטייט, אָבער דאָס האָט קיינעם נישט געהאַלטן פון מיטשרייען און הייבן שטעקנס און קולאַקעס.

מער פון אַלע האָבן זיך געהיצט אַ פּאָר אָקספאָרדער „דאָנס", סטודענטן פון דער אָקספאָרדער אוניווערזיטעט — אין זייערע לאַנגע, שוואַרצע מאַנטלען. אַזאַ חוצפּה — אַזאַ אומפאַרשעמטקייט — קומען צו אונדז קיין אָקספאָרד און אַרויסרופן אונדזערע גרעסטע געלערנטע אויף אַ דיספּוט און זידלען זיך און לעסטערן אַריסטאָטלען — און אָנפאַלן אויף פּטאָלאָמעאוסן, דעם גרויסן לערער, וואָס האָט באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז די ערד שטייט — און וואַרפן אונדז אין

קאָפּ אריין עפּעס אַ נייע אפּיקורסות פוני אַבאַרבאַר — אַ פּאָליאַק, צי אַ דייטש, ווער ווייסט אים — אַ געווסן קאָפּערניקוס ! ער איז אַ לעסטערער, אַן אַפּיקורס, א שפּיאָן פון דעם פּויפּסט".

די „דאָנס" האָבן זיך געהיצט - דער עולם שענקערס, קצבים, משרתים אין קראָמען, האָבן צוגעהאָלפן. אַ גרופּע ענגלענדער — פון דעם בעסערן קלאַס — האָט זיך דערנענטערט. איינער פון זיי, אַ בלייכער, מיט אַ צוגעשפּיצט בערדל און אַ הויכן שטערן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט צענעמען דעם עולם — אָבער זיינע חברים האָבן אים אַוועקגעצויגן. „לאָז, ביל — וואָס דאַרפסטו זיך אריינמישן ? עס איז מן הסתם איינער פון די פרעמדלענדישע, אויסטערלישע זשאַבעס-עסערס, וואָס האָבן זיך, ווי פּיאַווקעס, אריינגעזויגן אין אונדזער ענגלאַנד — לאָז די וואַך צעטרייבן דעם עולם — קום, עס איז שפּעט — עס וואַרט אויף אונדז די פּראָבע". און וויליאַם שעקספּיר האָט זיך געלאָזט אַוועקציען פון זיינע חברים. און ווען די וואַך איז געקומען און צעטריבן דעם „מאַב" און באַפרייט דעם בלייכן, קליינעם איטאַליענער מיט צעשויבערטע קעסטנברוינע האָר פון דעם צעבושעוועטן עולם — איז שוין שעקספּיר נישט מער געווען אויף דער גאַס. אַ צופאַל האָט שיער נישט צוזאַמענגעפירט די צוויי גרעסטע מענער פון דער רענעסאַנס־צייט. אַ צופאַל האָט זיי אויף אייביק צעשיידט. וויליאַם שעקספּיר און דזשאָרדאַנאָ ברונאָ האָבן זיך קיינמאָל נישט געטראָפן.

דזשאָרדאַנאָ ברונאָ האָט אַמאָל אַליין באַשריבן דיזאָזיקע סצענע. ער האָט עס נישט דווקא באַצויגן אויף זיך, אָבער מיר נעמען עס אַרויס פון זיין צו רעאַליסטישער באַשרייבונג פון אַ לאָנדאָנער גאַסנסצענע, פון זיין שאַרפער כאַראַקטעריסטיק פון די ענגלענדער בכלל: „זיי זענען אַ טשאַטע וועלף און בערן — דערקענען זיי דיך, אַז דו ביזט אַן אויסלענדער — לאַכן זיי דיר אין פנים אַריין און רופן דיך אָן אויף זייער שפּראַך אַ הונט — און גאָט זאָל אָפּהיטן, טאָמער פאַרטשעפּעסטו עמעצן..." ער דערמאָנט אין ערגעץ נישט דעם נאָמען וויליאַם שעקספּיר. ער האָט אפשר גאָרנישט געוווסט פון אים. ער — דער פילאָזאָף און קינסטלער, דער פאַרפאַסער פון פילאָזאָפיש-לירישע דיאַלאָגן און פון אַ פילאָזאָפישער קאָמעדיע „דער הענגלייכטער" — האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט, אַז אין דער אייגענער שטאָט לאָנדאָן, וווּ ער האָט געוווינט אַלס אַ גאַסט און פריינט פון

דעם פראַנצויזישן געזאַנדטן קאַסטעלנאָ, לעבט דער גרעסטער קינסטלער, דעם פייערדיקסטער שאַפער פון דעם רענעסאַנס, די העכסטע דערגרייכונג פון ענגלאַנד. דזשאָרדאַנאָ ברונאָ האָט געקענט לאָרד בייקאָן — דעם שטאָלצן, דעם קאַלטן, דעם פילזייטיקן און פלאַכן. און זיי האָבן זיך ביידע פיינט געהאַט. ער האָט געקענט פיליפ סידני, דעם פיינשמעקער און פאָק גרעוויל און די איבעריקע דילעטאַנטן פון ענגלאַנד, וואָס האָבן געהאַט אַן איטאַליעניש בילדונג און האָבן אַריינגעטראָגן קולטור אין דעם הויף פון דער „אַלטער מויד" עליזאַבעט. אָבער דעם איינציקן, וועמען ער האָט געזאָלט און געדאַרפט קענען — האָט ער קיינמאָל נישט געטראָפן.

* *
*

אַ מערקווירדיקע פיגור, איינע פון די פאַטעטישסטע געשטאַלטן פון דער קולטורעלער געשיכטע. אַ קוריאָזע מישונג פון דענקער און דיכטער, פון פילאָזאָף און שיין=רעדנער, פון טיפן אמת-זוכער און שאַרלאַטאַן, אַן אומרו-גייסט, ווי אַן אומרו צייט-געהאָרכנדיק, און ווי אַן אומרו - ריינע באַוועגונג, אָן אַ ציל.

פיליפאָ ברונאָ איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1548 ביי אַ פאָטער אַ סאָלדאַט, אַ „קאַפּיטאַן", ווי דער שפּעטערדיקער פילאָזאָף—דזשאָרדאַנאָ — באַרימט זיך. דער „קאַפּיטאַן איז זיכער געווען נישט מער ווי אַ פּאָליציימאַן — מיט אַ דריי-שפּיץ, אָדער אַן אַנדער הוט — מיט דעם רויטן, בלויען און גרינעם לייבל פון די אַמאָליקע איטאַליענישע סאָלדאַטן און אַ לאַנגער „האַלעבאַרדע". אַן אָרעמאַן דער פאָטער — היציק, גיריק, דרומדיק=פעזיק קינד. די איינציקע קאַריערע, וואָס איז דעמאָלט געווען מעגלעך פאַר אַן אָרעמען מענטשן, — ווען ער האָט געוואָלט זיך דערהייבן פון זיין נידעריקן סאָציאַלן שטאַנד, איז געווען — דער קלויסטער. אַ מאָנאַך, אַ גלח און דערנאָך — ווער ווייסט — די פורפורנע יאַרמולקע פון אַ קאַרדינאַל און אפשר — די טיאַראַ פון דעם פויפּסט. די קירך איז געווען דעמאָקראַטיש. זי האָט געעפנט פאַר יעדן אַלע מעגלעכקייטן.

פיליפאָ גייט יונג אַריין אין קלויסטער — ווערט שוין צו אכצן יאָר אַ מאָנאַך — נעמט אָן דעם נאָמען דזשאָרדאַנאָ, און לערנט

לערנט אַלצדינג, וואָס מען האָט אים דעמאָלט געקאָנט לערנען: טעאָלאָגיע, לאַטיינישע ליטעראַטור, די קירכן־לערער און די פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעל.

שווערע לימודים. מען מוז אָפט באַוווּנדערן דעם אומגעהייערן, געדולט, די גרויסע גייסטיקע ענערגיע פון די מענטשן אין דעם מיטלאַלטער, אין דעם משך פון טויזנט יאָר — אומגעפער פון 529, ווען יוסטיניאַן, דער קיסר האָט פאַרמאַכט די לעצטע פילאָזאָפישע שולן אין גריכנלאַנד, ביז צום זעכצעטן יאָרהונדערט, ווען די אייראָפּעאישע וועלט האָט אָנגעהייבן צו אָטעמען פרייער. טויזנט יאָר האָט דער מענטשלעכער געדאַנק געוואַנדערט אין אַ מדבר. טרוקן, זאַמד, אָן פּערספּעקטיוון. אַלצדינג איז געווען פאַרפעסטיקט, און דער הימל, ווי די פּטאָלאָמעישע אַסטראָנאָמיע האָט אים געוויזן: אַ מין גרויסער גלעזערנער דאַך, מיט אויפגעהאָנגענע לייכטער און אַלע דרייען זיך אַרום דער ערד.

קיינער האָט נישט געזוכט קיין נייס. מען האָט נישט געטאָרט. דאָס העכסטע און דאָס בעסטע איז דאָך שוין דערגרייכט געוואָרן, גאָט האָט שוין אָפּגעזאָגט אַלצדינג, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן די מענטשן. און דאָס, וואָס איז נישט אינגאַנצן קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די הייליקע ביכער — האָט דער „סטאַגיריט“, אַריסטאָטעל, דער „מייסטער פון די, וואָס ווייסן“, ווי דאַנטע האָט אים אָנגערופן — אויסגעטייטשט און מסביר געווען.

באמת, איינע פון די מערקווירדיקסטע, אומפאַרשטענדלעכסטע, נסימדיקסטע פאָרונגען — אָט דער כמעט טויזנטיאָריקער שידוך צווישן דער קריסטלעכער קירך און אַריסטאָטעל. דער טרוקנסטער, פאַנטאַזיעאָרעמסטער, פּראָזאישער און פאַקט־איבערגעגעבנסטער פון אַלע אַלטע דענקער איז געוואָרן דער לערער, גייסטיקער פאָטער פון דער ראָמאַנטישסטער, פאַנטאַסטישסטער אייסטיטוציע, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט ווען עס איז געקענט — דער קאַטוילישער קירך.

מען האָט נאָך געקאָנט פאַרשטיין דעם איינפלוס פון אַריסטאָטעל אויף דער אַראַבישער קולטור־וועלט — פון דעם ניינטן ביז דעם דרייצעטן יאָרהונדערט. עס איז געווען נישט זייער שווער פאַר דענקער, ווי אבן־סינא, אַל־קינדי אָדער דער גרעסטער — יעדנפאַלס דער באַרימטסטער פון אַלע, אבן־ראָשיד (אַוועראָעס), דער „וואָס האָט געמאַכט דעם גרויסן פירוש“, ווי דאַנטע רופט אים אָן — צו מאַכן אַ

פשרה צווישן דעם איסלאַם און אַריסטאָטעל, — פונקט ווי די יידישע פילאָזאָפיע פון דעם רמב״ם האָט זיך מיט אַזויפיל גראַציע און גרינג-קייט צוגעפּאַסט צו דעם אַריסטאָטעלשן געדאַנק, צו זיין פיזיק און מעטאַפיזיק. ווייל די אַלע, אַריסטאָטעל, אַראַבער, יידן — האָבן געהאַט איין אויסגאַנגספונקט: די הערשאַפט פון דעם שכל, די „ערשטע סיבה" — גאָט — דער שכל פון דער וועלט.

אָבער ווי אַזוי האָט אַריסטאָטעל — און דערצו נאָך נישט די-רעקט, נאָר אין דער אויסטייטשונג פון אבן-ראָשיד, דעם אַראַבישן „פריידענקער" און ראַציאָנאַליסט, וואָס האָט — אַזוי ווייניקסטנס האָבן די מיטלאַלטערלעכע קריסטן דערציילט — דערקלערט אַלע דריי רעלי-גיעס: יידנטום, קריסטנטום און איסלאַם, פאַר דריי גלייכוווערטיקע ווערטלאָזיקייטן, וואָס האָט אויסגעפונען, אַז די מיטאָלאָגיע פון דעם קריסטנטום איז לעכערלעך און אוממעגלעך. — ווי אַזוי האָט אָט דער „אפּיקורוס" און תּלמיד פון אַן אפּיקורוס געקאָנט באַקומען אַזאַ מאַכט איבער די מוחות פון מיטלאַלטער, איז איינער פון די היסטאָרישע קוריאָזן.

אמת, זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה — די אָרעמע מאָנאַכן פון איטאַליע אָדער פון פראַנקרייך. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ביכער — אַחוץ די „הייליקע ספרים" און די פּאָר לאַטיינישע איבערזעצונגען, וואָס שפּאַנישע אָדער פראַנצויזישע יידן האָבן געמאַכט פון דער העברעישער איבערזעצונג פון אַראַבישע פילאָ-זאָפן, אַ לאַטיין, וואָס האָט געקאָנט אויסברעכן די ציין אפילו פון אַ העלפאַנט.

דער גאַנצער מיטלאַלטער, די קריסטלעכע קולטור, איז געווען איינאיינציקער שווערער קאַמף מיט דערווירקלעכקייט. אַ פרעמדע, אַן אומפאַרשטאַנענע, אַ נישט-צו-פאַרשטייענדיקע תּורה, אַרויפגעלייגט און אַרויפגעצוווּנגען אויף דער אייראָפּעיִשער וועלט. אַ תּורה, וואָס האָט געלייקנט די ווירקלעכקייט, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס רעאַלע לעבן. טאָג און נאַכט זענען געשטאַנען די גלחים, די מאָנאַכן און האָבן געהיט די מענטשן אויף יעדן שריט: מען טאָר נישט. יעדער טריט — זינד. און צווישן זינד און אַסקעטיזם, צווישן דער ווילדסטער תּאווה און דעם פאַנאַטישסטן אידעאַליזם האָט זיך געדרייט, ווי אַ שלאַנג, דאָס מיטלאַלטערלעכע לעבן און דענקען — אומגליקלעך, צעשפּאָלטן.

אָבער דער מענטש האָט געוואָלט עפּעס אַ זיכערקייט. נישט

בלויז די היסטערישע פון די מאָנאַכן — נאָר אַ געזינטע, אַ נאָרמאַלע, אַ רויִקע און פעסטע. אַריסטאָטעל האָט זי געגעבן דער קריסטלעכער וועלט. ער האָט איר געגעבן די וועלט פון ווירקלעכקייט, פון חיות, פון שטיינער און ביימער — און דידאַקטיק רייכע, פילגעשטאַלטיקע וועלט האָט ער איינגעאָרדנט אין אַ סיסטעם. עס האָט געקלונגען אַזוי לאָגיש, קלאָר, עס איז געווען אַ גאַנץ בילד.

די קריסטלעכע וועלט האָט דערפילט, אַז אַריסטאָטעל איז איר שטאַרקסטער זייל — און זי האָט אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. וואָרים דער קאַמף אַקעגן אַריסטאָטעל — און דער מיט אים פאַרבונדענער אַלטער וויסנשאַפט, די אַסטראָנאָמיע פון פּטאָלאָמעאוס, וואָס האָט אויפגעבויט אַ סיסטעם אויף דעם אַלטן נאַיוון גלויבן, אַז די ערד שטייט אינמיטן וועלט — אַז דער פּראָטעסט אַקעגן זיי מיינט אַ נייע אומרויִקייט, מיינט דער אָנהייב פון אַ קאַמף אַקעגן דעם גאַנצן, מיט אַזויפיל מי אויפגעשטעלטן בנין פון זיכערקייט. און די קעגנער פון אַריסטאָטעל און פּטאָלאָמעאוס זענען געוואָרן די שונאים פון דער קירך.

וואָס איז פאַר אַ ווונדער, אַז די קירך האָט תיכף דערפילט דעם מורד אין דעם יונגען דאָמיניקאַנער מאָנאַך דזשאָרדאַנאָ ברונאָ — ווען ער איז נאָך געווען אין מאָנאַסטיר אין זיין היים? עפּעס האָט ער צופיל גערעדט וועגן גאָט און וועלט, צו שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אַריסטאָטעל. ברונאָ, דער יונגער מאָנאַך, האָט זיך צו פרי אַריינ־געלאָזט אין חקירות. זיין געוואַלדיקער זכרון, זיין גרויס וויסן אויף אַלע געביטן פון דער דעמאָלטיקער קולטור זענען געוואָרן פאַרדעכ־טיק. און דזשאָרדאַנאָ ברונאָ מוז — אַלס אַ יונגערמאַן — אַנטלויפן פון זיין קלויסטער, אַוועקלאָזן זיך אויף דער וואַנדערונג.

עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער וועלט. ער איז געווען אַ וואַנדערער בטבע, אַ גייסטיקער אַוואַנטוריסט. „אַלצדינג וואַנדערט" — האָט ער געשריבן אין איינעם פון זיינע ביכער — און אין דעמדאָ־זיקן וואָרט איז די דערקלערונג פון זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט. ער פאָרט אַרום זיין גאַנץ לעבן. צעוואַרשט איבער איטאַליע — ער איז אין גענוע, אין מילאַן, אין ווענעדיק, אין טורין. לייענט, לערנט, שרייבט, האַלט לעקציעס, דיסקוטירט. אַ פלאַמענדיקער רעדנער, פאַ־טעטיש, וויציק, גייסטרייך. אַ פּאָעט — מיט פילאָזאָפישע אינטערעסן. אַ נאַטור־פאָרשער אָן דער געדולד פון אַ ריינעם באַאָבאַכטער. אַ טעאָ־

לאָג אָן אַ רעליגיעזן געפיל. אַ מיסטיקער אָן דער רויִקייט און שטיל־
קייט און די אייזאַמקייטס־פאַרלאַנגען פון אַ מיסטישער נשמה.

פון איטאַליע וואַנדערט ער קיין זשענעווע, פון דאָרט קיין פראַנק־
רייך, צוערשט קיין טולוז — דערנאָך קיין פּאַריז. ווידעראַמאָל דיס־
פּוטן, לעקציעס. ער ווערט באַוווּסט, ער קעמפט קעגן אַריסטאָטעל,
אַקעגן דער מיטלאַלטערלעכער אַרט פון דענקען, אַקעגן דער סכאָ־
לאַסטיק, וואָס מיינט וואָרט־גלויבן און לייקענונג פון פאַקטן.

פון פּאַריז קיין ענגלאַנד. האָט וויכּוחים אין אָקספאָרד, לייענט
לעקציעס אין דער באַרימטער אוניווערזיטעט, שרייבט שבחים צו דער
בייער „דיאַנאַ“, דער לאַנגווייליקער עליזאַבעט, חנפעט זיך צו די
גרויסע פון ענגלאַנד — און קאָן נישט פאַרטראָגן דעם כמור־
נעם, פאַרנעפּלטן בריטאָן. ער פאָרט קיין פּראָג — צו קייזער רו־
דאָלף, דעם אַלכעמיקער און אַסטראָלאָג. ער לויפט קיין דייטשלאַנד —
אין דעם „גערמאַנישן אַטען“ — קיין וויטענבערג, ווו לוטער האָט
אויפגעהייבן דעם בונט אַקעגן רוים. קיין העלמשטעדט, קיין פראַנק־
פורט — דערנאָך קיין ציריך, און מערקט אַליין נישט, אַז ער ווערט
אַ קעמפער אַקעגן דער קריסטלעכער קירך — צוערשט אַקעגן רוים —
דערנאָך בכלל, אַז ער טראָגט מיט זיך אַ לערע פון אַ נייער וועלט.
ער פאַרטיידיקט דעם קאָפּערניקאַנישן סיסטעם, וואָס האָט אַוועקגע־
שטעלט די ערד אויף איר ריכטיקן פּלאַץ. ער שטעלט אַוועק דעם
ניי־פּלאַטאָנישן, פּאַנטעיסטישן סיסטעם אַקעגן דעם טראַדיציאָנעלן גאָט־
באַגריף. ער ווערט אַ תּלמיד פונם גרויסן דענקער, דעם קאַרדינאַל
ניקאָלאַוס פון קוזאַ, איינעם פון די טיפסטע פילאָזאָפן פון דער רע־
נעסאַנס־צייט, דעם פילאָזאָף, וואָס האָט זיך דערטראַכט צו אַ וווּנדער־
באַרן געדאַנק: „גאָט איז די צונויפגעוויקלטקייט פון אַלעמען — די
וועלט איז די פאַנאַנדערגעוויקלטקייט“. דערפאַר איז גאָט און וועלט
אין תּוך איינס. גאָט איז די מעגלעכקייט — די וועלט איז די אויס־
פירונג. דאָס מיינט — גאָט איז אין אַלעמען — און אַלצדינג איז
אין גאָט.

עס איז אַ געדאַנק, וואָס פירט אַוועק ווייט, ווייט פון יעדן רע־
ליגיעזן סיסטעם, צעשטערט די גרונדלאַגן פון יעדער טראַדיציאָנעלער
אמונה. בלויז ניקאָלאַי פון קוזאַ האָט אַריינגעלייגט זיינע געדאַנקען
אין אַזאַ אַלטפרענקישער, סכאָלאַסטישער פאָרם, אָנגעטאָן זיי אין אַזאַ
אַלטמאָדיש־שווערן מלבוש, אַז זיי זענען געוואָרן אומגעפערלעך, וויי־

אומפאַרשטענדלעך. מען האָט זיך אין רוים לאַנג, לאַנג נישט געכאַפּט, וואָס אָט דער דייטשער קאַרדינאַל און פּויפּסטלעכער געזאַנדטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1464—1401) האָט אייגנטלעך געמיינט. מען האָט ערשט אָנגעהייבן פאַרשטיין די גאַנצע סכנה פון זײַן פילאָזאָפיע — די סכנה פאַר דעם קריסטנטום — ווען זיין שפּעטערדיקער נאָכפאָלגער, דער פייערדיקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, האָט זי געמאַכט פּאָפּולער, פאַרשטענדלעך, צוגענגלעך. און דאָס, וואָס מען האָט מוחל געווען דעם לערער — האָט מען נישט געוואָלט פאַרצייען דעם תלמיד.

דזשאָרדאַנאָ וואַנדערט איבער אייראָפּע. ער האָט זיך איינגעלעבט אין דייטשלאַנד. ער שרייבט ביכער, דרוקט זיי, ווערט באַרימט. אָבער עס ציט אים אהיים. עס בענקט זיך אים נאָך זיין דרום-איטאַליענישן שטעטל נאָלאַ, מיט די איילבירטן און מירטן און דעם זיסן טראַמאַט פון דעם ים-ברעג. ער איז אַן איינזאַמער, אַ מידער, און ער חלומט פון איטאַליע. ער ווייסט, אַז די קאַטוילישע קירך האָט אַ בייז אויג אויף אים, אָבער ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס. ער פילט זיך אומשולדיק. האָט ער דען ווען עס איז אָנגעגריפן דעם קאַטוילישן גלויבן? האָט ער דען געשריבן אָדער גערעדט אַקעגן די קריסטלעכע דאָגמען? אמת, ער איז געווען אַ מאָנאַך און איז אַנטלאָפן פון דעם מאָנאַסטיר. וואָס-זשע קומט אים דערפאַר? העכסטנס אַ קליינע קירכלעכע שטראָף. ער וועט זי אָפּקומען. וועט זיצן ערגעץ אין אַ מאָנאַסטיר באַהאַלטן און לערנען — און דענקען און שרייבן.

אַזוי האָט זיך עס אים געחלומט — ווען דער ווענעציאַנישער פּאַטריציער זואַן מאָטשעניגאָ האָט אים איינגעלאַדן קיין ווענעדיג. מאָטשעניגאָ האָט אים צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. ער וועט אים געבן אַ וווינונג און געלט, ער וועט זיך אַריינלייגן אין אַ שלום צווישן אים און רוים — און דערפאַר וויל ער ביי אים — ביי ברונאָן — זיך אויסלערנען די סודות פון דער פילאָזאָפיע, און דער עיקר פון דער „שוואַרצער קונסט“ — ד. ה. פון מאגיע. און ברונאָ קומט קיין איטאַליע — צו זיין שיקזאַל. מאָטשעניגאָ גיט אים באַלד אַרויס צו דער אינקוויזיציע אין ווענעדיג. די אינקוויזיציע אין ווענעדיג גיט אים איבער צו דער אינקוויזיציע אין רוים. זיבן יאָר האַלט מען אים אין געפאַנגענשאַפט. מען וויל אים צווינגען זיך „אָפּצוזאָגן“, „חרטה צו האָבן“. אָבער ברונאָ ווייסט נישט פון וואָס — אויף וואָס. ער פילט זיך נישט שולדיק. ער פאַרשטייט אפילו נישט, פאַרוואָס מען באַשול-

דיקט אים. און ער וויל זיך פון גאָרנישט אָפּזאָגן. די אינקוויזיציע טוט אירס — און ברונאָ ווערט פאַרברענט (דעם 16־טן פעברואַר, 1600) אויף דעם שייטערהויפן אויפן בלומען־מאַרק אין רוים.

פייער צו פייער. דער פייערדיקסטער מענטש פון דער רענעסאַנס האָט געפונען אַ טויט אין פייער. און נישט ער האָט געוווּסט, פאַר־וואָס — און נישט די, וואָס האָבן אים פאַרברענט, האָבן עס געוווּסט. עס איז נישט געווען קיין איין פּונקט פון אָפּענער „אפיקורסות" אין זיין שיטה — סיידן דאָס סיסטעם פון קאָפּערניק, און קאָפּערניק אַליין איז דאָך אויך געווען אַ גלח — און אַ פרומער דערצו. און דאָס קאָפּערניקאַנישע סיסטעם האָט זיך זייער גוט געקאָנט אַריינפּאַסן אפילו אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע — שפּעטער האָבן דאָך די טעאָלאָגן באַוויזן די קונסט.

אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר. די אינקוויזיטאָרן פון רוים האָבן געפילט, אַז פאַר זיי שטייט נישט בלויז אַ געלערנטער, אַ פילאָזאָף, וואָס האָט אַ נייע שיטה. זיי האָבן אינסטינקטיוו געפילט — אַז זיי האָבן פאַר זיך דעם אומרו פון זייער צייט. ער האָט געקאָנט דערקלערן זיין סיסטעם, ווי ער האָט געוואָלט — באַווייזן, אַז ער איז גאָרנישט קיין פּאַנטעיסט, אַז ער גלויבט אין אַ פּערזענלעכן גאָט, אין אַ שעפער. ער האָט געקאָנט מאַכן אַזעלכע פירושים אויף זיינע אייגענע ביכער, אַז זיי זאָלן ווערן גאַנץ אומשולדיק — דער „סאַנט'אָפּיציאָ". די אינקוויזיציע האָט געוווּסט, אַז דער עיקר איז נישט דאָס וואָרט, נאָר דער טאָן, דער פאַרנעם, דאָס פאַרמעסטן זיך.

„דרייסטער, דרייסטער! קריגע און היימישע פון דער וועלט, זין פון דער זון און פון דער ערד, — שרייבט ער אין איינעם פון זיינע איטאַליעניש געשריבענע ביכער — דאָ רעדט דזשאָרדאַנאָ ברו־נאָ פאַר דעם ברייטן עולם. „רעדט פריי, גיט יעדן זיין ריכטיקן נאָמען".

„ברונאָ רעדט צו דער וועלט" — רעדט מיט אַ „הערעישן אימ־פעט" — שפּאָט, שטראָפט, האָט פיינט — האָט פיינט אַלצדינג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע — אפילו די יידן — וואָס זענען פאַר אים די אורשולדיקע אין דעם קריסטנטום, די אבי־אבות פון דער קירך.

דאָס איז שוין נישט מער קיין פילאָזאָפיע, קיין חקירה, קיין גריבלען זיך אין לאָגיק אָדער מעטאַפיזיק. דאָס איז דער נייער „איך", די פרייע פּערזענלעכקייט, וואָס צעשטערט אַלע פּלויטן און פּאַרצא־

מונגען, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער אַלטער וועלט און צעשטערט זי — מאַכט פּלאַץ פאַר אַ נייער, פאַר אַ פון אַן אייגענעם ווילן געפורעמטער און געטראָגענער וועלט.

און אָט דעם „איך" — אָט דעם „ווילן" — האָט רוים פאַר־ברענט אויף דעם בלומען־מאַרק, און האָט דערגרייכט דעם היפוך פון דעם, וואָס זי וואָלט געוואָלט.

ברונאָ, דער מאַרטירער, איז געוואָרן אומשטערבלעך. ברונאָ, דער דענקער, האָט געהאַט ווייניק געווירקט. ווען ברונאָ וואָלט געווען דערגרייכט זיין ווונטש, — ד. ה. אָפּגעלעבט זיך זיינע יאָרן ערגעץ אין אַ מאָנאַסטיר, — וואָלט פון זיין גאַנץ שאַפן זיכער גאָר ווייניק געבליבן. אַנדערע, גרעסערע, אָריגינעלערע זענען באַלד געקומען — גאַלי־לעאָ אין איטאַליע, קעפּלער אין דייטשלאַנד, דעקאַרט און שפּינאָזאַ, שעפערישער דענקער, טיפע געלערנטע, ריזיקע גייסטער. וואָס איז געווען ברונאָ אין פאַרגלייך מיט זיי? אָבער ברונאָ איז פאַרברענט געוואָרן אויף דעם שייטערהויפן, און אַרום זיין קאָפּ האָט זיך געביל־דעט אַ פלאַמען־לעגענדע. ער איז געוואָרן דער „קדוש" פון דער נייער פילאָזאָפיע.

„עס איז אייגנטלעך אַ גרויסע חוצפה, צו ווערן אַ מאַרטירער פון אַן אידעע" — זאָגט ערגעצוואו אַנאַטאָל פראַנס. און ער איז אין גרונט גערעכט. דער אמתער דענקער וויל נישט ווערן קיין מאַר־טירער. ווייל ער ווייסט, ווי איינזייטיק יעדע אידעע איז און וויפל ספיקות זענען איינגעוויקלט אין יעדן אמת. און עס איז גאָר אויך נישט נייטיק. אַ געדאַנק ווערט נישט אמתער, פרוכטבאַרער, ווען מען שטאַרבט פאַר אים. און עס שאַדט אים אויך נישט, ווען מען זאָגט אים אַרויס גאַנץ שטיל, אָן העלדן־טענאָר־זשעסטן. וואָס שטילער, אַלץ טיפער. גאַלילעאָ האָט נישט געוואָלט זיין קיין מאַרטירער. ער איז געווען אַזוי מענטשלעך שוואַך, אַז ער האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון זיין שיטה, ווען די אינקוויזיציע האָט עס געפאָדערט. שפּינאָזאַ האָט נישט געוואָלט ווערן קיין מאַרטירער. אָבער גאַלילעאָס שיטה האָט געזיגט און שפּינאָזאָס פילאָזאָפיע איז געבליבן אויף אָן טעאַט־ראַלישקייט. ברונאָ אָבער האָט באַלאַנגט צו דער גרופּע מענטשן, וואָס זענען אייגנטלעך נישט קיין שאַפנדיקע, נאָר שטורעמדיקע, קעמפנדיקע. ער האָט נישט געשאַפן די ראָלע — ער האָט זי געשפּילט. שעקספּיר האָט איבערגעלעבט האַמלעטן מיט אַלע זיינע אָפּגרונטן, אָבער ער

אליין איז געווען העכער פון האמלעטן. ברונאָ האָט זיך געשאפן די ראָלע פון א פילאָזאָפישן האמלעט — און האָט זי אויך געשפילט — ביז צום שייטערהויפן, און איז פארבליבן דערפאר אויך די טעאטראַלישסטע פיגור פון דער נייער קולטור.

א שאָד -- וואָס שעקספיר און ברונאָ האָבן זיך נישט געטראָפן. שעקספיר וואָלט געהאט א נייעם, א העכערן האמלעט-טיפ. ברונאָ אָבער וואָלט דערגאנגען טיפער דעם סוד פון שאפן. אָבער די וועגן פון דעם דיכטער און דעם שפילער זענען זיך צעגאנגען. דער גרויסער סינטעז איז נישט געקומען, ווי געוויינלעך.

מאָליער

I

ווי אַזוי באַשטימט מען דעם קולטור־צושטאַנד פון אַ צייט, אָדער פון אַ פאָלק, אָדער פון אַ מענטשן? ווי אַזוי דערגייט מען צו זיין טיפסטן „איך“? אין דעם, וואָס ער גלויבט? — אָבער גלויבן איז אָפט נישט מער ווי אַ צוואַנגס־פאָרשטעלונג. מען גלויבט אָפט ווייניקער, ווי מען ווייסט. אין דעם, וואָס ער וויל? אָבער מענטשן ווילן אַזויפיל, אַזוי פאַרשידן, היינט איינס, מאָרגן עפּעס אַנדערש? אָדער אין דעם, וואָס ער ווייס? אויך דאָ — צעשוווּמענקייט, צאָל און נישט ווערט, קוואַנטיטעט און נישט קוואַליטעט.

עס איז כמעט נישטאָ קיין פּאָזיטיווער קריטעריום. אָבער אפשר דאָ אַ נעגאַטיווער? אפשר איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר אַ פאָלק אָדער פאַר אַ מענטשן דאָס, וואָס ער וויל נישט, דאָס, וואָס ער שטויסט אָפּ פון זיך, דאָס, וואָס ער לאַכט אויס?

אפשר איז דאָס לאַכן דער מאַסשטאַב? זאָג מיר פון וואָס דו לאַכסט, און איך וועל דיר זאָגן, וואָס דו ביזט. ווייזט מיר די קאָמישע קונסט פון א פאָלק, און איך וועל אייך באַשטימען דעם קולטור־גראַד, דעם תמצית פון דעם פאָלק, אָדער פון דער געגעבענער באַשטימטער עפּאָכע.

די אַלטע גריכישע ביכער דערציילן פון איינעם פילעמאָן, וואָס איז געשטאָרבן פון לאַכן, ווייל ער האָט געזען, ווי אַן אייזל עסט פייגן. פילעמאָן איז געווען אַ דענקער, א „חכם“, און עס איז אים פאָרגעקומען אַזוי קאָמיש, וואָס אַן אייזל, אַ בהמה, עסט דאָס אייגע־

נע, וואָס א מענטש, אַז אַ בהמה, הייסט עס, נעמט איבער מענטשלעכע געוווינהייטן, און ער איז געשטאָרבן לאַכנדיק.

מען דערציילט ווייטער פון וואָלט וויטמאַן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, קיינמאָל נישט אין דער צייט פון זיין רייפקייט. וואָס עס האָט אים נישט פּאַסירט, וואָס עס איז נישט פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגן — עס איז געווען אַלצדינג אין אָרדענונג, אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין.

פאַר דעם איינעם איז די וועלט געווען אַזוי ענג, אַזוי באַגרעניצט, אַזוי פאַרגליווערט, אַז יעדער קלענסטער שינוי, יעדער דערוויטערונג פון דער „נאָרמע" איז אים אויסגעקומען קאָמיש. פאַר דעם צווייטן איז די וועלט געווען אַזוי פליסנדיק, אַ ים אַ רוישנדיקער, אָן אַ סוף, רייך מיט אַלע מעגלעכקייטן, מיט אַלע אומגעריכטיקייטן, אַ וועלט אָן אַ נאָרמע. און וואָס איז דען „נאָרמע", אויב נישט קיין פאַרענדיקטע ליניע? ביז אַהער און נישט ווייטער, נישט וויניקער אָבער אויך נישט מער. וואָס איז אַ ביסל קורצער אָדער אויף אַ האָר לענגער, איז שוין אויסערגעוויינלעך, איז שוין גרויסאַרטיק אָדער — לעכערלעך.

„פון גרויסאַרטיקן ביז צום קאָמישן איז נאָר איין שריט". און אָפט ווערט דער „שריט" געמאָסטן מיט דער מורא. דאָס גרויסאַרטיקע איז קאָמיש, ווען עס שרעקט נישט. דער קעניג אין דער ווירקלעכקייט אימפּאָנירט מיט זיין קרוין, מיט זיין מאַנטל, מיט זיין גאַנצן אומגעוויינלעכן אויסזען; אָבער דער קעניג אויף דער בינע — איז אַ פּורים־שפּילער, ווייל ס'איז דאָ בלויז דאָס אומגעוויינלעכע, אָן דער מאַכט און אָן דער מורא.

פאַרקירצט די ליניע, אדער פאַרלענגערט זי — און איר לאַכט. עס הענגט בלויז אָפּ דערפון, ווי ווייט איר ציט די — נאָרמאַלע ליניע. פאַר פּילעמאָנען האָט זי זיך געצויגן ביז צו די — פייגען, וואָס דער אייזל האָט געגעסן; ביי וואָלט וויטמאַן — אפשר ערגעץ פון יענער זייט פון אַלע מעגלעכקייטן, ביים עולם־התוהו, ביי דער פאָרמלאָזער, אוממעגלעכער וועלט.

ס'איז שווער צו באַשטימען די ליניע. און דערפאַר אויך איז די קאָמעדיע אַזוי זעלטן, די קאָמעדיע אַלס קונסט פון לאַכן.

די ליטעראַטור איז רייך אין טראַגעדיעס, אין דראַמעס, אָבער אַזוי אָרעם אין קאָמעדיעס. זי קלינגט מיט הויכע ווערטער, מיט

קלוגע ווערטער, מיט סימבאָלן — אָבער זעלטן קלינגט אריין אין דער וועלט דער עכאָ פון דעם גרויסן וועלט-באַפרייענדיקן געלעכטער.

ווייל געלעכטער, דאָס גרויסע לאַכן, באַפרייט. עס איז גענוג, אַז דאָס קינד זאָל דערזען, אַז דער קעניג גייט נאַקעט, און דער קעניג ווערט צו שפּאָט, און אין דעם שפּאָט פאַלט די אויטאָריטעט.

יעדע צייט האָט איר געלעכטער, אָבער נישט יעדע צייט קאָן אים אַרויסברענגען, עס איז צו שווער. עס נייטיקט זיך דערצו אַ פאַרענדיקטע קולטור און אַ קריזיס. אַריסטאָפאַן איז געווען אַזאַ קריזיס, אַריסטאָפאַן — דער גרעסטער לאַכער, דער גרעסטער שפּאָטער פון דער ליטעראַטור, אפשר דער איינציקער.

און אַריסטאָפאַן איז געווען אַ קליינבירגער. איז דאָס נישט כאַראַקטעריסטיש, אַז די איינציקע גרופּע מענטשן, וואָס קאָנען לאַכן, זענען די קליינבירגער, דער מיטלקלאַס, די שטאָטמענטשן, וואָס שטייען, אַזוי צו זאָגן, אינמיטן וועג צווישן פרימיטיווער און הויכער קולטור, צווישן די עקסטרעמען? דער קליינבירגער איז דער מענטש פון דעם „קאָמאָן-סענס", פון דעם שכל, פון דער לאָגיק. און די לאָגיק איז דער אינסטרומענט פון דער אויסווירונג, פון דער ליניע.

דאָס „פאָלק", די גרויסע מאַסע, דער פּויער, דאָס דאָרף — ווי לאַכן נישט, זיי זענען ווי קינדער. זיי האָבן ליב דעם גראָטעסק. די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז אַ מסוכנער חולה קאָן ווערן געזונט פון לאַכן, ווען ער זעט די קונצן פון אַ מאַלפּע. דאָס פאָלק פאַרשטייט אַ שפּאַס, בלויז ווען ער איז גראָב, בונט, שרייענדיק. אַ פּאַיאַץ מוז האָבן דווקא אַ קאָלפּאַק אויפן קאָפּ מיט גלעקלעך, און פלודערן פון צוויי קאָלירן און אַ פּנים באַשאָטן מיט ווייסן מעל. און דערציילט מען אַ פאָלק-מענטש אַ וויץ, מוז ער זיין וווּלגאַר, עראָטיש, ציניש. אַנדערש געפינט ער אין אים נישט קיין טעם. מיט איין וואָרט — די פאָלקס-קאָמעדיע איז דער פאַרס, דער בורלעסק.

די אינטעלעקטועלע, פון זייער זייט, זענען צו אָנגעזעטיקט מיט וויץ, זיי פאַרשטייען צופיל. זיי קאָנען נישט לאַכן, עס איז נישטאָ פון וואָס צו לאַכן דאָרט, ווו אַלצדינג איז גרוי, איז דער פאַרבן-אונטערשייד פאַרשוווּנדן און לאַכן איז פאַרב — פונקט ווי פּאַטאָס,

לאכן קען בלויז דער, פאר וועמען עס איז דאָ אַ פעסטער יאָ און אַ שטארקער ניין. לאכן קאָן דער מיטלמעסיקער, דער מי־טעלער קולטור=מענטש, ד. ה. דער, וואָס בויט און שאפט די בעזעל־שאפט.

II

אויב אריסטאָפאַן איז געווען אַ קליינבירגער אויפן גריכישן אופן, פול מיט דער פארבנרייכקייט און בונטקייט פון דעם גריכנטום, האָט דער נייערער, מערב=אייראָפעישער אַריסטאָפאַן פארקערפערט אין זיך אַזוי בולט, אַזוי קלאָר די גאנצע מיטלמעסיקייט פון דעם אייראָפעישן פארשטאַנד. וויל מען וויסן, ווי ווייט דער האָריזאָנט פון דעם אייראָ־פעער גייט — דארף מען לייענען מאָליערן.

ער איז ד ע ר קאָמיקער פון אייראָפע, דער קלאסיקער פון דער קאָמעדיע. אלע, וואָס זענען געקומען נאָך אים, האָבן אים בלויז נאָכגעמאַכט. אַלע — אַ חוץ אפשר גאָגאָל. און דאָס איז אַ קאפיטל פאר זיך.

דריי הונדערט יאָר — און זיינע קאָמעדיעס לעבן נאָך, ווערן נאָך געשפילט, אמוזירן נאָך דעם עולם. היינט אפשר נאָכמער ווי פריער, ווייל די צייט=מאָטיוון זענען פארקלונגען און אויך די אָפּאָ־זיציע צו זיי. היינט, מער ווי פריער, ווייל דאָס, וואָס איז פאר די מיטלעבנדיקע פון מאָליערן געווען נאָר אַן אייגענע, ברענענדיקע פראַ־גע, וואָס פארלאַנגט אַ שטעלונג, איז איצט שוין אריבערגעגאנגען אין דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן. די טאָג-פראַגע איז געוואָרן אַ סימבאָל.

מאָליער האָט געלאַכט איבער דער בענקשאפט פון אייראָפע. איבער די אידעאַלן פון אייראָפע. און וואָס זענען די אידעאַלן? מאַכט, רום, בילדונג, פארפיינערונג, העכער, העכער, קיינמאָל זיך נישט אָפּשטעלן. עס איז דער לייטער־אידעאל. דער מענטש — ווי ער זאָל נישט שטיין ביים אָנהייב — קלעטערט אַלץ העכער, אַלץ ארויף, צו נייע צילן.

דער קלעטערנדיקער מענטש איז קאָמיש. עפעס מאַכט ער משונהדיקע באַוועגונגען, ער הייבט איין פוס און דערנאָך דעם צווייטן.

דער גוף שאָקלט זיך. אָט פאַרלירט ער דעם גלייכגעוויכט, אָט שטייט ער אין סכנה צו פאַלן. פאַרקרימט זיך דער לייב ווי אין אַ קראַמף, דערציטערט ער, כאַפּט זיך די האַנט אָן די דראָנגעס פון דעם לייטער. און ווען ער פאַלט? איז דען פאַראַן אַ טראַגישערע דערשיינונג, ווי אַ מענטש, וואָס פאַלט פון דער הויך? און דאָך — עס איז קאָמיש. דער מענטש איז פאָרט לעכערלעך.

די פראַנצויזישע געזעלשאַפט אין דער מאָליערישער צייט איז געווען נישט זייער פיל פאַרשידן פון דער אונדזעריקער. עס איז די טיפּישע געזעלשאַפט: מאַסע, בורזשואַזיע, אַריסטאָקראַטיע. מען קאָן דער דריי־טיילונג געבן אַן אַנדער נאָמען, דער תּוך איז דער אייגענער, אַ דריי־גאָרנדיקער בנין. אָבער אַ בנין מיט קוביסטישע אינסטינקטן. איין גאָרן שפּאַרט אַרויף צום צווייטן; נישט בלויז אַריין, נאָר אַרויף. די פאָרם ווערט פאַנטאַסטיש. דער בנין פאַרלירט די געאָמעטרישע געשטאַלט, קיין ליניע שטייט נישט אויף איר אָרט, אָדער ריכטיקער — אויף דעם אָרט, וווּ די בירגערלעכע לאָגיק האָט זי אַוועקגעשטעלט.

די „געזעלשאַפט" האָט געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל זיין דער האַר און די פרוי בלויז אַ באַלעבאָסטע, אַ קעכין, אַ קינדער־האָבעריןן — ווייל די פרוי נישט. ווייל זי אויך לערנען, זיין זעלבסטשטענדיק, ווייל אויך מיטשאַפן קולטור. קומט מאָליער און שרייבט אָן זיין קאָמעדיע: „די געלערנטע ווייבער" — און לאַכט.

די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט, אַז דער „שוסטער זאָל בלייבן ביי זיין קלעצל", אַז דער בורזשוי זאָל זיין אַ בורזשוי און נישט וועלן קריכן אין די „הויכע פענסטער", נישט דורכברעכן די קאַסטע, — ווייל דער בורזשוי נישט. ער האָט געלט, ווייל ער אויך רעכט, ווייל ער מאַכט. מאָליער שרייבט אָן זיין „דער בורזשוי אַלס אַריסטאָקראַט" (בורזשואַ־זשאַנטיליאָם) און מאַכט חוזק פון דעם אָרעמען בורזשוי זשורדען, וואָס איז צו הויך פאַרקראָכן.

האָט די געזעלשאַפט פעסטגעשטעלט, אַז עס מוז זיין אַלצדינג אין אַ מאָס, אַפילו רעליגיע, קומט דער פאַנאַטיקער אָרגאָן און טרייבט זיין רעליגיעזיטעט אַזוי ווייט, אַז יעדער שאַרלאַטאַן, וואָס רעדט צו אים מיט דער מינע פון אַ רעליגיעזן, ווערט אַ האַר איבער אים. מאָליער שרייבט אָן זיין „טאַרטיוף", די קאָמעדיע נישט פון

צביעות, ווי מען מיינט, נאָר פון איבערגעטריבענער, צו ווייט פאַרגאַנ־גענער מורא פאַר דער רעליגיע.

דער בירגער פילט, אַז מען דאַרף טאַקע אויסבעסערן די וועלט, אַז זי איז ווייט פון שלמות, אָבער פּאַוואָליע, שריט ביי שריט, און מען דאַרף עס זיך נישט נעמען צופיל צום האַרצן — קומט מאָליער און מאָלט אויס די „וועלט־פאַרבעסערער", דעם „מיזאַנטראָפּ" אַלסעסט, וואָס ווערט לעכערלעך, ווייל ער וויל צופיל פון די מענטשן. און פילענט — דער מוסר־זאָגער, דער חכם פון דעם קליינבירגערטום אין דער אייגענער קאָמעדיע („דער מיזאַנטראָפּ") זאָגט צו אַלסעסט:

> „עס איז די גרעסטע נאַרישקייט, וואָס האָט גאַרנישט איר גלייכן,
> צו וועלן זיך מישן אין דער אַרבעט פון אויסבעסערן די וועלט".

און ווייטער:

> „די פולשטענדיקע חכמה ווייכט אויס יעדן עקסטרעם
> און וויל, אַז מען זאָל זיין קלוג, אָבער ניכטער,
> מען זאָל זיך בויגן פאַר דער צייט — און נישט זיין קיין עקשן."

אַזוי איז יעדע קאָמעדיע פון מאָליער, אַמאָל שפּאַסיק, אַמאָל ערנסט, אַמאָל מער צוגעפּאַסט צו דעם העכערן געשמאַק, אַמאָל מער וווּלגאַר, אָבער תמיד — קאָמיש, אָבער תמיד דאָס לאַכן געמאַכט צו קונסט, ווען — ווען מען שטייט אויף דער ליניע.

דער קליינבירגער האָט זיך נישט געביטן, וועט זיך זיכער קיינ־מאָל נישט בייטן. מען קאָן פאַרלענגערן די ליניע, מען קאָן זי אַמאָל פאַרבויגן, אָבער אַזוי, צי אַזוי, די ליניע בלייבט, עפּעס אַ ליניע, עפּעס אַ נאָרמע. און דאָרט, ווו זי איז, איז אויך די לאָגיק, איז אויך דער קליינבירגער, איז אויך די קאָמעדיע, און דאָס לאַכן, נישט דער שמייכל, נישט די איראָניע. דאָס איז צו הויך, דאָס איז איבער יעדער נאָרמע.

היינט, ווי מיט דריי הונדערט יאָר פריער, מאָרגן און איבער־מאָרגן און אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין אַ געזעלשאַפט מיט אַלע אירע דריי גאָרנס (און דערווייל זעען מיר נישט קיין אַנדער מעגלעכ־קייט) וועט אויך שטיין די פראַגע פון „בויגן זיך פאַר דער צייט", פון דעם מאַן־פרוי־קאַמף פאַר הערשאַפט אין הויז, פון דעם לייטער־קלעטערן, פון פאַנאַטיזם און ניכטערן דענקען, פון אידעע און אידעאַל.

מאָליער האָט געקעמפט — פאַר די אידעען, אָבער אַקעגן דעם אידעאַל. און דאָס איז דער עצם פון דער קולטור, דער קולטור, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע כוחות: דער אי־נערטער און צענטריפוגאַלער, זיך באַפרייען־ווילנדיקער קראַפט.

ער האָט געלאַכט פון די אידעאַלן אין נאָמען פון דער קולטור, דער קולטור פון דעם מיטלקלאַס, פון דעם מיטלוועג, פון דעם רעאַלן, פון דעם, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף דער פעסטער ערד. עס איז דאָס לאַכן פון דער פלאַכער, ברייטער, באַקוועמער ערד איבער דעם גליטשיקן, שפּיציקן גראָטעסק, אָבער אויך גרויסאַרטיקן באַרג.

דאַנטע.

דער, וואָס איז נישט געווען אין איטאַליע, קאָן גאָרנישט האָבן קיין באַגריף, וואָס דאַנטע-קולט באַטייט, וואָס דאָס מיינט פאַרגעטערן אַ דיכטער. ס׳איז נישט מער ליטעראַטור — ס׳איז אַ גלויבנס-סימבאָל. ס׳איז אַ דאָגמאַט, ס׳איז — איטאַליע.

דאַנטע ווערט מער נישט קריטיקירט. אים קאָמענטירט מען בלויז. דאַנטע ווערט נישט געלייענט — ער ווערט שטודירט, מיט דער אייגענער הכנעה, מיט דעם אייגענעם יראת-הכבוד, ווי מען שטודירט די ביבל.

ס׳איז די ביבל פון דעם איטאַליענער. זיין גייסטיקער אוצר, פונוואַנען ער שעפּט אַלצדינג — לעבנסאָנשויונג, פּאָליטישע פּראָגראַמען, מאָטיוון פאַר פּאָעזיע, באַגייסטערונג.

און סוף כל סוף פאַרגעסט מען — צי איז דער דיכטער אַזוי גרויס, צי איז די טראַדיציע אַזוי שטאַרק.

ווער קאָן גאַנץ קלאָר זאָגן, צי די ביבל איז גוט געשריבן, איז אַ ליטעראַריש מייסטערווערק? ווער קאָן היינט מיט אַ פרייען קריטיש אויג זען שעקספּירן — אינדיווידועל — און זאָגן זיין פּערזענלעכע מיינונג? זעלטן עמעצער קאָן דאָס, און זעלטן האָט עמעצער דאָס מוט.

יסודות ווערן נישט קריטיקירט. מען נעמט זיי אָן, אָדער מען זאָגט זיך אָפּ פון זיי.

און דאָס איז די אמתע גרויסקייט פון אַ ליטעראַריש ווערק — ווען עס ווערט אַ יסוד, אַ טראַדיציע.

אַלצדינג אין דער וועלט איז דאָך, אייגנטלעך, ליטעראַטור. דאָס, וואָס מיר רופן אמתן, דאָס, וואָס גייט ביי אונדז אונטערן נאָ-

מען פון רעליגיעס, פון גייסטיקע ווערטן — דאָס אַלץ איז אַמאָל געווען ליטעראַטור, פּערזענלעכע, אינדיווידועלע. אָבער נאָר ווייניקע פון די ליטעראַרישע שאַפונגען ווערן אַרויסגעשיילט און אויסגעלייזט פון דעם פּערזענלעכן. ווייניקע בלייבן, ווייל זייער ווייניקע קאָנען שאַפן — סימבאָלן.

ליטעראַטור איז דאָך נישט מער, ווי אויסדריקן דאָס לעבן אין אַ סימבאָל. דאָס לעבן אַליין איז אומפאַרשטענדלעך. צו ברייט, צו צעשוומען. ווייל מען זיך אָפּשטעלן, האָט מען נישט ווו. פול מיט שטאָף, אָבער אָן פאָרם. ערגעץ, ווייסט מען, פילט מען, זענען דאָ ווענט, וואָס נעמען אים אַרום, אַ קופּאָל איבער אים, זיילן, וואָס פאַר־בינדן דאָך מיט פונדאַמענט; אבער — וווהין דאָס אויג גרייכט: רוים. מען זעט נישט די ווענט, נישט די זיילן.

קומט אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער פיקסירנדיקער פאַנטאַזיע און דערזעט די ווענט. דערזעט זיי, ווי דער וואַנדערער אין מדבר — די פאַטאַ מאָרגאַנאַ. מאָלט אויס ווענט, שטעלט אויף זיילן, זיילן פון פּאָרפיר אָדער יאַספּיס, ציט אַריבער אַ דאַך, אַ דאַך פון גאָלד. און עס ווערט שטראַלנדיק און קלאָר און גרינג. דאָס לעבן באַקומט אַ טעם און אַ זין.

אָדער פאַרקערט — שוואַרץ און גרוי, אייזן און שטיין — די ווענט באַמאָלט מיט געשפּענסטער — און עס ווערט אומעטיק און פחדיק. אָבער אַלץ אין אַ גרענעץ.

דער דיכטער איז דער, וואָס גרענעצט אָפּ דאָס אומבאַגרענעצטע, צעטיילט דאָס גאַנצע — כדי דערנאָך עס צונויפבינדן — קינסטלעך— צו אַ נייער איינהייט. ער פאַרוואַנדלט רעאַליטעט אין שאַפנדיקייט, ווירקלעכקייט אין סימבאָלן — אום דערנאָך נאָכאַמאָל צוריק פאַר־וואַנדלען דעם סימבאָל אין לעבן, אין אַ ניי, סטיליזירט לעבן, אין דעם איינציקן, וואָס מיר קענען תופס זיין.

און דערפאַר זענען די דיכטער, די קינסטלער, די, וואָס מאַכן דעם גרעסטן איינדרוק, אָבער אויך די, וואָס האָבן נאָר זייער זעלטן אַן איינפלוס אויף דער קומענדיקער צייט. אָן אַ שיער זענען זיי — גרויסע און קליינע, טאַלאַנטן און מיטלמעסיקייטן, שריפטשטעלער, וואָס האָבן אין זייער דור געהאַט אַ גרויסן, רעשדיקן דערפאָלג, און מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער זענען זיי בלויז מאַטעריאַל פאַר דעם הי־

סטאָריקער, נעמען צווישן נעמען, און עס בלייבט פון זיי נישט מער ווי — אַ מצבה.

פאַרגענגלעכקייט, פאַרגעסלעכקייט ? גראָז, וואָס פאַרוויאַנעט ? נײן — נישט די צייט איז שולדיק. זיי, זיי אַליין טראָגן אין זיך די שולד. זיי האָבן געשריבן גוט, שיין, פיין — אָבער זייער פונקציע האָבן זיי נישט אויסגעפילט : זיי האָבן נישט געקענט באַשאַפן דעם גרויסן סימבאָל.

עס וועלן פאַרגיין נאָך אַ פּאָר יאָר און מען וועט פאַרגעסן דאָסטאָיעווסקין, כאָטש ער איז געווען אַזוי טיף און אָפּגרונטלעך. מען וועט נישט פאַרגעסן טאָלסטאָיען און נישט פאַרגעסן טשעכאָוון. ווייל דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט געטראַכט און געגרעדט און געגריבלט זיך ; טאָלסטאָי און טשעכאָוו האָבן באַשאַפן סימבאָלן, יעדערער אויף זיין אופן, איינער פון דעם שטראַלנדיקן לעבן, דער צווייטער פון כמורנעם. איינער האָט באַשאַפן דעם קיילעכדיקן פּלאַטאָשאַ קאַראַטאַיעוו, דער צווייטער — דעם מענטש מיט אַ פּאַטשיילע.

און דאָס איז אויך דער סוד פון דער גרויסקייט און דער פרישקייט פון דאַנטע אַליגיערי.

* *
*

היסטאָריש גענומען איז דאַנטע נישט אָריגינעל. ער האָט נישט אויסגעטראַכט די פאָרם פון דער „געטלעכער קאָמעדיע” און נישט דעם אינהאַלט. גיהנום, גן-עדן, דער פורגאַטאָריום, האַלב-גיהנום און האַלב-גן-עדן, די נשמות, וואָס ליידן פאַר זייערע חטאים, אָדער רוען אין די פליגלען פון דער שכינה אין זכות פון זייערע מעשים-טובים— דאָס איז דאָך שוין מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק אַלט געווען נישט ווייניקער ווי דרייצן הונדערט יאָר. ס'איז שוין דעמאָלט אויך געווען אויסגעדראָשן און אָפּגענוצט.

די קריסטלעכע מיטאַלטערלעכע מיסטעריעז זענען פול מיט אַזעלכע משלים און פאַנטאַזיעס.

און פונדעסטוועגן האָט דאַנטע פאַרצויבערט זיין צייט, און דער כּוח פון זיין כּישוף איז פאַר בליבן עד היום, אפילו פאַר אונדז, וואָס

זענען שוין אַזוי ווייט פון די מיטלאַלטערלעכע לעבנס-אויפפאַסונגען, פון דעם גאַנצן געדאַנקען- און בילדער-קרייז פון יענער צייט.

היסטאָריש: דאַנטע איז געווען אַ פאַרענדיקער און אָן אָנ-הייבער. ער האָט פאַרענדיקט אַ גאַנצע קולטור-עפּאָכע. איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן אינהאַלט, די גאַנצע תורה, אַלע מדות פון דער קריסטלעכער וועלט אין איר לאַנגער אַנטוויקלונג, פון בראשית ביז צום ענד פון דעם דרייצעטן יאָרהונדערט, פון ירושלים און רוים — ביז פלאָרענץ. פילאָזאָפיע און פּאָליטיק, מוסר און טעאָלאָגיע — אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין שפּיגל, אין דער „געטלעכער פאָרשטעלונג", וואָס ער האָט אונדז געוויזן. ווייל ביי אים האָט „קאָמעדיע" באַטייט דאָך נישט מער ווי פאָרשטעלונג, וויזיע, „חזיון". עס איז געווען פּאָעזיע אין אַ פּאָליטישן פּאַמפלעט. אָפּגערעכנט זיך מיט די שונאים, מיט די פאָלקס-פאַרפירער, מיט די פלאָרענטינער דעמאָקראַטן, וואָס האָבן אים, דעם פּאָליטיקער דאַנטע אַליגיערי, אַרויסגעטריבן פון פלאָרענץ — אָבער אונטערגעצויגן די לעצטע שורה אונטער אַלע קולטור-ווערטן, וואָס די אַלטע און מיטלאַלטערלעכע וועלט האָט איבערגעלאָזט בירושה.

און — אָן אָנהייבער, אַ נייע שטימונג, אַ נייע שפּראַך. ער, דער פאָלקס-פאַראַכטער, ער, דער אַנטידעמאָקראַט, האָט געשאַפן אין דער שפּראַך פון דעם פאָלק. נישט לאַטייניש, אַלס געלערנטער פאַר געלערנטע — נאָר טאָסקאַניש, איטאַליעניש, די שפּראַך פון דעם פויער, פון דעם בעל-מלאכה, די שפּראַך, אין וועלכער די געבילדעטע האָבן גאָרנישט געגלויבט, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין ליטע-ראַטור.

און ווער ווייסט? אפשר זענען טאַקע גערעכט די איטאַליע-נישע דאַנטע-פאַרערער, וואָס זאָגן, אַז אָן דאַנטע וואָלט נישט געווען נישט קיין איטאַליענישע שפּראַך און נישט קיין איטאַליעניש פאָלק? אפשר וואָלט אָן אים, דעם ערשטן גרויסן פאָלקס-לערער, קיינמאָל נישט געקומען צו אַ פאַרשמעלצונג, אַ גייסטיקער פאַרייניקונג פון די פאַרשידענע איטאַליענישע דיאַלעקטן?

דאַנטע האָט עס דערגרייכט. ווייל ער האָט געשאַפן נישט בלויז אַ נייע שפּראַך, געמאַכט זי פאַר אַ גייסטיקן אינסטרומענט. ער האָט אויך געשאַפן דעם פאַראייניקנדיקן פאַרפעסטיקנדיקן סימבאָל. און דער האָט געהייסן — איטאַליע.

פאַר אים איז געווען רוים — ער האָט געמאַכט רוים פאַר אַ צענטער פון אַ נייעם אינהאַלט, פון דעם איטאַליענישן פאָלק.

און אַ צווייטער סימבאָל: מענטשהייט. ריכטיקער — אייראָפּע. נאָך ריכטיקער — איינהייט. ער האָט געטרוימט פון אַ וועלט-אימפעריע, גייסטיק און וועלטלעך, געדאַנק און קראַפט. געדאַנק, וואָס ווערט אַ בויענדיקע מאַכט.

און איבער די אַלע סימבאָלן — דער סימבאָל פון דער פרוי. בעאַטריסע. אַ חלום, אַ ליבע, וואָס האָט נישט איר גליכן, אַ ליבע געוועבט פון דעם פיינסטן, איידלסטן, ריינדיקסטן, וואָס מיר פאַרמאָגן.

ליבע — חכמה, ליבע — אויסלייזונג, ליבע — גוטסקייט און ריינ יקונג.

פראַנטשעסקאָ די רימיני, מאַטילדאַ, בעאַטריסע — אַ קראַנץ פון פרויען-געשטאַלטן, איינע ציכטיקער, ווי די אַנדערע, פרויען אָן אַ שטויבעלע אויף זייערע ווייסע, לאַנגע קליידער. צניעות, שיינקייט, גראַציע און מילדקייט.

און אויך דאָס איז געבליבן.

ווייל מיר אַלע חלומען פון דעם, און וואָס ווייניקער מיר גלויבן אין דעם חלום, איז ער אונדז ליבער. מיר באַגערן זיי אפשר נישט— אָבער מיר פרייען זיך מיט זיי: „די שטערנע, די בעגערט מאַן ניכט, מאַן פרעהט זיך אירער פּראַכט”, ווי געטע האָט געזאָגט.

* * *

אַלע סימבאָלן גייען אין פּאָרן. אָרמוזד און אַהרימון, יצר-הרע און יצר-טוב, קריסטוס און קאַיפאַס, פאַוסט און מעפיסטאָפעל, דאָן קיכאָט און סאַנטשאָ פּאַנזאָ.

דאַנטעס פאָר איז געווען: ער און בעאַטריסע. ער — דער מאַן, דער וואַנדערער, דער שטרעבגער, דער קעמפער, דער איינזאַמער און — דער זינדיקער. און זי — בעאַטריסע: די, וואָס איז געווען צו גוט און צו שיין פאַר דער וועלט, די יונג-געשטאָרבענע.

ער, שוואַרץ געקליידט, איינגעבויגן, טרויעריק. „דאָס איז דער, וואָס איז געווען אין גיהנום”, — האָבן אויף אים מענטשן אין די גאַסן געוויזן, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען.

— און זי — שטאָלץ און ווייס און אַזוי רויק, די רו און זיכערקייט אַליין.

שוואַרץ און ווייס, רו און וואַנדערונג, קאַמף און שלום, זוכן און געפינען, דענקען און חכמה, — און אַ ווייטער, איבער לעבנס- און וועלט-גרענעצן אויסגעשטרעקטע פּערספּעקטיווע.

אַ פאַנטאַסטישער פּאַלאַץ מיט באַמאָלטע ווענט, אָבער באַמאָלט פון אַן אומגעהייער שטאַרקער קינסטלער-האַנט, געמאָלט פון אַ מייַסטער פון פּערספּעקטיווע. באַלד פאַרגעסט איר, אַז דאָס איז אַ וואַנט, אַז דאָס זענען געמאָלטע פיגורן. איר זעט אַ נייע אומבאַגרענעצטקייט.

און ווערט די פאַנטאַזיע מיד, שטעלט זי זיך אָפּ ביי אַ גרענעץ — קלינגען אייך אין אויער די פאַרכישופנדיקע ווערטער פון דאַנטע— די שלוס-ווערטער פון זיין „געטלעכער קאָמעדיע״:

„דאָ האָט דער שוועבנדיקער פאַנטאַזיע געפעלט דער כוח.
אָבער נאָך ווייטער גייט דער ווילן, ווי אַ ראָד,
אין שטענדיקער באַוועגונג, געטריבן פון דער ליבע,
װאָס באַוועגט די זון אין הימל און אַלע שטערן״.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי.

אין דעם וואַרשטאַט פון דעם מייסטער אַנדרעאַ דע טשאָנע, גערופן איל וועראָקיאָ, איז געווען פריילעך און רעשדיק. אַרום און אַרום יונגעלייט אין מאַלערישע קאָסטיומען פון דעם פופצעטן יאָרהונדערט — קורצע, שמאָלע, סאַמעטענע פּלודערן, לאַנגע זאָקן, האַלבשיך מיט אויסגעבויגענע נעזער, ווי שיפלעך; שוואַרצע, סאַמעטענע רעק, שמאָל אין דער טאַליע, און מיט ברייטע, ווי אויפגעבלאָזענע אַרבל; אויפן קאָפּ אַ באַרעט, אַ סאַמעטן היטל אָן אַ דאַשעק — יעדער ביי אַן אַנדער אַרבעט. איינער איז געזעסן ביי אַ טישל, געהאַלטן אַ שטיקל גאָלד און געשמאָלצן עס אויף אַ פייער; אַ צווייטער האָט געשניצט, אַ דריטער איז געשטאַנען ביי אַ מירמלשטיין־בלאָק און געקלאַפּט מיט אַ האַמער, אַ פערטער האָט געמישט פאַרבן פאַר אַ גרויסן לייוונט מיט אָנגעוואָרפענע פיגורן. און ווידער איינער האָט גאָר געשפּילט אויף אַ לירע און צוגעזונגען דערצו אַ ניי פלאָרענטיניש גאַסנליד.

צון צווישן דער גאַנצער פריילעכער חברה איז אַרומגעגאַנגען דער מייסטער אַליין, שוין אַן עלטערער מאַן, מיט אַ גרויער, לאַנגער באָרד, מיט אַ פאַרטוך איבער די פּאַראַדנע בגדים. ער איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, אומעטום געוואָרפן אַ קוק — דאָ פאַרריכט, דאָרט געוויזן, אַליין געקלאַפּט מיט דעם האַמער, אָדער געפאַרבט מיט דעם דינעם בערשטל.

עס עפנט זיך פּלוצלונג די טיר און עס קומען אַריין געסט, אַ מאַן אין די פערציקער יאָרן און מיט אים אַ גאַנץ יונג בחורל פון אַ יאָר פערצן אָדער פופצן.

אַנדרעאָ וועראָקיאָ דערזעט די געסט און גייט זיי אַנטקעגן מיט

אַ ברייטן און פריילעכן ברוך הבא. „זייט מיר באַגריסט, סער פּיע־ראָ! אָט דאָס איז אַ ליבער גאַסט! שוין לאַנג אייך נישט געזען אין פלאָרענץ! זיצט זיך אַלץ אין דעם קליינעם ווינטשי, און פּוילט זיך אַריינצופאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין. ווי גייט עס אין אייער נאָטאַר־געשעפט? אַ סך קליענטן, פּראָצעסן? און ווער איז דאָס יינגל? אַך, יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן — דאָס איז דאָך אייער לעאָנאַרדאָ! קוק נאָר, קוק, ווי אויסגעוואַקסן! זיי דעריאָגן אונדז שוין, די חברה, איאָ, סער פּיעראָ?... איך געדענק, איך גע־דענק, איר האָט מיר אַנומלט דערציילט חדושים וועגן אייער יינגל — ער איז ביי אייך גאָר עפּעס אַ מושלם — זינגט און שפּילט און רעכנט און מאָלט, און וואָס טוט ער נאָך, פּיעראָ?...

„לאַכט נישט, לאַכט נישט, מייסטער אַנדרעאַ. דאָסמאָל מיין איך עס ערנסט. דאָס בחורל מיינס איז עפּעס צו גוט, גאָרנישט ווי איך; ער איז צו פלייסיק. אַלצדינג וויל ער וויסן, צו אַלצדינג נעמט ער זיך — עס איז צייט, ער זאָל אָנהייבן לערנען עפּעס רעכטס. איך האָב טאַקע געבראַכט אַ פּאָר פון זיינע צייכענונגען. טוט אַ קוק, פריינט אַנדרעאַ, און זאָגט מיר, איז עס עפּעס ווערט, איז עס כּדאַי אים צו לערנען, אָדער זאָל איך אים נעמען צו זיך אין געשעפט און מאַכן אים פאַר אַ נאָטאַר?"

מייסטער אַנדרעאַ ווערראָקיאָ האָט גענומען דאָס בינטל צייכע־נונגען, וואָס פּיעראָ דאַ ווינטשי האָט אים מיטגעבראַכט, אויפגעוויקלט עס און אָנגעהייבן צו קוקן. איין צייכענונג, די צווייטע און נאָך איינע — און דאָס פּנים פון אַנדרעאַ ווערראָקיאָ האָט אָנגעהייבן צו שטראַלן. ער האָט אויפגעהייבן די אויגן פון דעם פּאַפּיר, געזוכט דעם יינגל...

„נו, מייסטער אַנדרעאַ?" פרעגט דער פאָטער.

„מעסער פּיעראָ דאַ ווינטשי", האָט זיך אַנדרעאַ ווערראָקיאָ אָנ־גערופן, „איר ווייסט, איך בין אַ גאָלדשמיד און אַ מאָלער און אַ שניצער און אַ סקולפּטאָר און אַ מוזיקער און אַ געאָמעטער; איך ווייס, וואָס איז שטאָף און וואָס מען קאָן פון אים אַרויסנעמען. איך האָב געאַרבעט אויף גאָלד און איידעלן האָלץ און מאַרמאָר, אָבער מיך דאַכט זיך, אַז אַזאַ מאַטעריאַל, ווי איר האָט מיר געבראַכט, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט — נישט איך און קיינער נישט, פון

זינט די וועלט שטייט. לאָזט אים מיר, אייער לעאָנאַרדאָ. לאָזט מיך שאַפן מיין גרעסט ווערק!״

און דער יונגער לעאָנאַרדאָ, דער זון פון דעם נאָטאַר פּיעראָ פון ווינטשי, אַ שטעטל אין דעם אַרנאָ־טאָל, איז געוואָרן אַ „תּלמיד״ פון דעם פלאָרענטינער מייסטער אַנדרעא וועראָקיאָ.

אַ שיין, שלאַנק יינגל, מיט אַ לאָקנקאָפּ און טיפליגנדיקע אויגן. אויגן מיט אַ מערקווירדיקן קוק: דורכדרינגענדיק און צעשטרייט, קאַלט, קלאָר און שמייכלענדיק. נישט פאַרחלומט, נישט בענקענדיק, נישט „פּאָעטיש״. עפּעס אַ הארטקייט איז געווען אין זיי און אַ שטאָלצקייט און אויך אַן אומפאַרשעמטקייט. דאָס אויג האָט אויסגע־טאָן אַלצדינג, וואָס עס האָט געזען, נאַקעט אַוועקגעשטעלט יעדע באַ־שעפעניש — מענטש אָדער חיה, האָלץ אָדער שטיין. אפילו לופט. דאָס נאַקעטע איז געווען נישט גענוג נאַקעט פאַר אים. הינטער יעדער בלויזקייט האָט ער געזען נאָך אַ נאַקעטערע פאָרם; אין יעדער גאַנצקייט האָט עס געזוכט דעטאַלן — און עס האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעזעטיקט.

זיי האָבן עס באַלד דערפילט, די חברים, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט — אָט דער פריילעכער, לעבעדיקער, אויבערפלעכלעכער און אויסגעלאַסענער פּיעטראָ פּערודזשינאָ, וואָס האָט ליב געהאַט מאָלן, געלט און ווייבער; דער שטילער און בנעימותדיקער און אַזוי האָפ־נונגסלאָז־מיטלמעסיקער לאָרענצאָ דעל קרעדי, דער אייביקער תּלמיד און נאָכמאַלער. און באַלד האָט דער מייסטער אַליין עס אויך דער־פילט. ער האָט באַקומען אַן אויפטראַג צו מאָלן פאַר דעם מאָנאַ־סטיר פון וואַלאָמבראָזאַ אַ בילד פון יוחנן המטביל און יעזוס מיט מלאכים און אַנדערע פיגורן פון דער קריסטלעכער מיטאָלאָגיע. אָבער ער איז געווען צו באַשעפטיקט. ער האָט געהאַט צופיל אַנדערע אַרבעטן, און האָט דערפאַר איבערגעגעבן זיינע תּלמידים אַ גרויסן טייל פון דער אַרבעט. דער קליינער לעאָנאַרדאָ האָט באַקומען אויף זיין חלק אַ מלאך, און דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל באַוויזן, וואָס זיין קונסט איז. ער האָט אויסגעמאָלט אַ פיגור פון אַ מלאך, ווי מען האָט זי גאָר ביז אַהער נישט געזען אין דער איטאַליענישער מאַלעריי. דער אויסדרוק, די קאָמפּאָזיציע, די פאַרבן — אַלצדינג איז געווען אַזוי אָריגינעל, אַזוי ניי, אַזוי איבערראַשנדיק, אַז מייסטער אַנדרעא איז געוואָרן פאַרכאַפּט, פאַרוווּנדערט און פאַרצווייפלט. ער

האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט ביז אַהערצו געמאָלט, איז גאָרנישט קיין מאַלעריי. ער האָט דערזען, אַז נישט ער איז — דער פופציק־יעריקער מייסטער — דער לערער, נאָר דער קליינער לעאָנאַרדאָ. און אַנדרעא ווערָאָקיאָ האָט אין דעם אויגנבליק, ווען ער האָט דערזען לעאָנאַרדאָס מלאך, באַשלאָסן אויפצוגעבן די מאַלעריי, קיינמאָל נישט אָנצורירן מער קיין פענזל און קיין פאַרב.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט ווערָאָקיאָ און נישט פערודזשינאָ און אויך נישט דעלקרעדי, נישט דער לערער און נישט די חברים זענען געווען דאַנקבאַר צו דעם יונגן זשעני. מען האָט מורא פאַר גרויסקייט, מען האָט אָפשיי פון איר, אָבער מען האָט זי נישט ליב. זי איז פרעמד. עס הויכט פון איר קאַלטקייט פון שנייבערג. עס אָטעמט אומענדלעכקייט. און דאָס שרעקט.

און לעאָנאַרדאָ האָט שוין פון זיין יוגנט אָן דערפילט די משא פון גרויסקייט — און פון חכמה. ער האָט — נישט ווילנדיק, נישט ווסנדיק — אַריינגעטראָגן מיט זיך אין דעם לעבן די איינזאַמקייט. „דער חכם מוז שטיין אַליין — אויף הויכע בערג". אַזוי האָט פילפיל שפּעטער געפאָדערט דער גרויס־זיין־ווילנדיקער ניצשע.

לעאָנאַרדאָ האָט גאָרנישט געוואָלט זיין גרויס, אָבער ער איז עס געווען, און דערפאַר אַליין — תמיד, פון דעם טאָג, ווען ער, דער דרייצן־, אָדער פערצן־יאָריקער (ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1452) ביז צו זיין לעצטן טאָג, דעם צווייטן מאַי, 1519.

אַליין? איז ער דען באמת געווען איינזאַם? וואָס האָט ער באַדאַרפט האָבן געזעלשאַפט, ווען די גאַנצע וועלט איז געווען מיט אים — און ער אין איר? מיר זוכן דאָך אַלע געזעלשאַפט פון אַנדערע, ווייל מיר זענען איינזייטיק, ווייל מיר זענען אַ חלק. מיר פילן, יעדער פון אונדז, גרויס אָדער קליין, אַז מיר זענען פראַגמענטן, שטיקלעך פון אַן אומגעהייערער גאַנצקייט. און טוליען זיך איינער צום צווייטן, כדי צו געפינען די „השלמה". מאַן צו פרוי, פרוי צו קינד, מענטש צו מענטש, דער היינט צו דעם נעכטן — און צום מאָרגן.

וואָס גרעסער דער מענטש, אַלץ גאַנצער, און גאַרט דערפאַר ווייניקער זיך אָנצולעגען. ער האָט נישט מורא פאַר קיין איינזאַמקייט, ווייל ער איז נישט איינזאַם. איז אַ ים איינזאַם? אַ טייך

איז עס. אָבער ווי אַלצדינג איז באַוועגונג און אָפּשפּיגלונג און די דינאַמישע קראַפט?

און ווערט אַ ים אַלט? וואַקסט ער, אַנטוויקלט ער זיך? אָדער אַן אַנדער בילד: א שפּיגל' די איינזאַמסטע זאַך אין דער וועלט — און די צוזאַמענהאַנג־רייכסטע. אַלצדינג אין אים. ער איז אַן עדות, אַ זייטיקער, א צושויער, אָבער ער נעמט אויף, שלינגט איין און שאַפט אויף זיין אופן. און אויך ביי אים איז נישט פאַראַן קיין אַנטוויקלונג, קיין וואַקסן. אַזוי איז ער. ווי ער איז — פון דעם מאָמענט, ווען ער איז געוואָרן, ביז צו דעם לעצטן אויגנבליק, ווען ער ווערט צעבראָכן און פאַרשווינדט.

לעאָנאַרדאָ האָט זיך אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט זיך אָנגעהייבן אָפּצוגעבן חשבון הנפש איבער זיך, זיין קונסט, זיין שטעלונג צו און אין דער וועלט, אויסגעדריקט אַזאַ געדאַנק (אין דעם „טראַקטאַט וועגן מאַלעריי"): „דער גייסט פון אַ מאַלער מוז זיין ווי אַ שפּיגל. ער נעמט אָן די פאָרם פון דער זאַך, וואָס ער שפּיגלט אָפּ און איז אָנגעפילט מיט די בילדער פון די פאַרשידענע זאַכן, וואָס גייען פאַר אים פאַרביי".

וואָס פאַר א וווּנדער, וואָס לעאָנאַרדאָ איז כמעט גאָרנישט געוואַקסן". יעדער אַנדערער קינסטלער, אַפילו די גרעסטע, אַפילו אַ מיקעל אַנדזשעלאָ, אָדער אַ ראַפאַעל, אָדער טיציאַן, אָדער רעמבראַנדט — האָט געהאַט אַזאַ עפּאָכע און אַן אַנדערע. פון די ערשטע פאַרזוכן ביז צו דער רייפקייט — אַ לאַנגער און שווערער וועג. לעאָנאַרדאָ האָט זיך גאָרנישט אַנטוויקלט. ער האָט אין אַלע זיינע יאָרן אַרבעט, אין זיין גאַנצן לאַנגן לעבן, כמעט זיך גאָרנישט געענדערט. פון דעם מלאך אויף דעם בילד פון ווערעקיאָ ביז צו ווונדערבאַרע בילדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דער וועלט — דער „מאַדאָנאַ ביאַנקאַ", דעם כמעט נישט־צודערגרייכבאַר־שיינעם פאָרטרעט, וואָס הענגט אין דער אַמבראָזיאַנאַ אין מילאַן, ביז צו דער „מאָנאַ ליזאַ", א. אז. וו. — דער אייגענער מייסטער, די אייגענע רייפקייט, רייכקייט, און די אייגענע רעטעניִשדיקייט און דער אייגענער שמייכל אויף די ליפּן.

דער שמייכל פון דער דזשיאָקאָנדאַ! ווער האָט אים נישט באַזונגען? ווער האָט אים נישט געוואָלט נאָכמאַכן? אָבער דער אייגענער שמייכל איז אויף אַלע בילדער — צי מאָלט ער די הייליקע

אַנאַ, צי מאָלט ער די דאַטע, צי מאָלט ער דעם הייליקן היעראָנים, וואָס ער האָט געמאַכט אומשטערבלעך אונטער דעם נאָמען — מאָנאַ ליזאַ. וואָס איז דאָס אַ שמייכל? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי שווער אים אַרויסצוברענגען? עס איז דאָך נישט מער ווי אַ ליניע, אַ קגייטש, אַ ווינקל צווישן צוויי ליניעס, וואָס מיר רופן אָן ליפּן. אָבער יעדע פּאָר ליפּן האָבן אַן אַנדער ווינקל: אַ שאַרפן אָדער אַ שטומפן, אַ ברייטן אדער אַ שפּיציקן, פאַרגליווערט אָדער ציטערנדיק, לעבנספול, סטאַטיש, אָדער דינאַמיש.

דער שמייכל איז דער סוד פון דער פּערזענלעכקייט. און די קונסט פון דעם מאָלער, די העכסטע קונסט איז: דערגיין דעם סוד.

אָבער ווי אַזוי דערגייט מען צו אים? נישט לאָגיש, נישט געדאַנקלעך: מען קאָן נישט זיך „אַריינטראַכטן" אין אַ פּערזענלעכקייט, פונקט ווי מען קאָן זיך נישט אַריינטראַכטן אין אַ בלום. מען מוז זי זען. אָבער יעדער צוגאַנג צו איר איז פאַרשפּאַרט.

אָבער וואָס הייסט זען? ווי קאָן מען בכלל עפּעס זען — אַלס גאַנצקייט? עס איז דאָך גאָרנישטאָ קיין גאַנצקייט. עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרענדיקטקייט -- אַלץ, וואָס לעבט, באַוועגט זיך, בייט זיך; קיין איין באַוועגונג איז נישט גלייך צו דער צווייטער. נאָר-וואָס איין קאָליר — אין אַ רגע שפּעטער אַן אַנדערער. און אפילו ווען אַ זאַך איז „טויט", „באַוועגט זיך נישט מער", „רוט" — אפילו דעמאָלט איז דער איינדרוק קיינמאָל נישט קיין שטענדיק גלייכער, ווייל דער זעענדיקער בייט זיך — און דאָס, וואָס רינגלט אים אַרום: ליכט, לופט, אַטמאָספערע, שטימונג.

ווי אַזוי קאָן דער מאָלער, וואָס איז אַ שפּיגל, ווידערגעבן דעם איינדרוק, וואָס ער באַקומט? דאָס איז דער פּראָבלעם פון יעדן קינסטלער און יעדער קונסט. און דאָס איז די טראַגעדיע פון יעדן זעענדיקן מענטשן. און וואָלט יעדער קינסטלער געוואָלט זיין אַבסאָלוט ערלעך צו זיך אַליין, וואָלט ער אפשר קיינמאָל גאָרנישט אַרויסגעבראַכט. אָבער דער קינסטלער איז נישט בלויז דער זעענדיקער. ער איז אויך דער ווילנדיקער. ער וויל שאַפן, און שאַפט זיך אַן אילוזיע, און גיט זיך צופרידן, מאַכט אַן אָנשטעל פון צופרידנקייט מיט זיין ווערק. ער האָט אַמביציע, ער וויל שיינען, ער וויל „שאַפן",

און האָט אַרויס פון זיין נשמה אַ פראַגמענט, און גיט אים אַוועק צו דער וועלט.

„איך בין אויך אַ מאָלער", האָט אַמאָל קאָרעדזשאָ אויסגערופן, באַלדעם ווי ער האָט געזען די בילדער פון לעאָנאַרדאָ און ראַפאַעל. קאָרעדזשאָ האָט געוואָלט זיין אַ קינסטלער, מאָלן בילדער, פאַרקויפן זיי, באַקומען רום און ער האָט זיינס דערגרייכט.

לעאָנאַרדאָ האָט גאָרנישט געוואָלט זיין דאָס, אָדער עפּעס אַנדערש. ער האָט נישט געוואָלט מאָלן, אדער שאַפן סקולפּטורן און ווערן באַרימט. ער איז געווען אַלצדינג, ווי אַ שפּיגל און ווי אַ ים. די וועלט פון דערשיינונגען איז געקומען צו אים און האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין אויג. שאָטן נאָך שאָטן, איין ליניע נאָך אַ צווייטער, פאַרב אויף פאַרב. די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען פאַר אים: אַלס אַ מאָדעל.

און ווי אַן ערלעכער מאָלער האָט ער געזאָגט צום מאָדעל: טו זיך אויס נאַקעט, איך וויל דיך זען אינגאַנצן, אין דיין אמתער געשטאַלט. נאַקעט — און נאָך נאַקעטער! קיין פאָרם איז נישט נאַקעט גענוג. אָבער די וועלט איז צניעותדיק. זי וויל זיך נישט אַנטבלויזן ביז צולעצט. זי לאָזט זיך בעטן. און לעאָנאַרדאָ האָט זיך ביי איר געבעטן אַ גאַנץ לעבן, און יעדעס מאָל אַראָפּגעריסן פון איר אַ שטיקל מלבוש — איין שלייער נאָך דעם צווייטן; אָבער דער מאָדעל האָט געהאַט צופיל שלייערס אויף זיך.

ער, לעאָנאַרדאָ, האָט געוווּסט און געפילט, אַז דאָס איז אַן אילוזיע, אַז אין אמתן איז די וועלט גאָרנישט פאַרשלייערט. זי איז גאָר אַ נאַקעטע, אָבער מיר קאָנען עס נישט זען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זען הייסט פאַרשטיין, און אַז פאַרשטיין איז — אויפפאַסן מיט די חושים. „אונדזער גאַנץ וויסן הייבט זיך אָן מיט דעם פילן", פאַרשרייבט ער אין זיין נאָטיצבוך, נישט וויסנדיק אַליין, אַז ער האָט דערביי אַרויסגעזאָגט אַ פילאָזאָפישן געדאַנק, וואָס דער ענגלישער פילאָזאָף לאָק האָט דערנאָך געמאַכט פאַר דעם אויסגאַנגספּונקט פון אַ גאַנצער שיטה; אַ געדאַנק, וואָס האָט דערפירט די גאַנצע פילאָזאָפיע צו נייע מעטאָדן.

אָדער אפשר האָט ער געוווּסט און האָט נישט געמאַכט קיין וועזן דערפון? וואָס איז פאַר אים געווען אַ געדאַנק? זיי האָבן זיך נעראָיעט ביי אים אין קאָפּ, ווי בינען אין אַ בינשטאָק. און יעדע

האָט איבערגעלאָזט איר טראָפּן האָניק. ער האָט דאָך נישט געוואָלט שאַפֿן קיין סיסטעם, פּונקט ווי ער האָט נישט געוואָלט „שאַפֿן" קיין קונסט. ווי קאָן מען דאס בכלל וועלן שאַפֿן? אין די צוויי ווערטער איז שוין דאָ אַ קעגנזאַץ. מען שאַפֿט פריער ווי מען וויל, אָדער מען שאַפֿט גאָרנישט. דער ווילן קומט תמיד שפּעטער און גרויסט זיך מיט פרעמדע פעדערן. דאָס שאַפֿנדיקע אָבער איז שוין אויסגעשעפּט, און שמייכלט בלויז מיד: לאָז ער, דער פּאַראַזיט, לאָז ער זיך באַ-מיען! ער קאָן דאָך סיי ווי סיי גאָרנישט אויפטאָן! און לעאָנאַרדאָ האָט געשמייכלט.

* *
*

מען האָט עס אים קיינמאָל נישט מוחל געווען. נישט אין זיין צייט, און נישט נאָך זיין טויט. ביים לעבן האָט מען אים באַוואונדערט און מורא געהאַט פאַר אים, און אים נישט פאַרשטאַנען. קיינער, אפילו נישט די גרעסטע — נישט מיקעל אַנדזשעלאָ און נישט ראַ-פאַעל — האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער גרויסער מיי-סטער איז אַזוי רויק-אומרויק, אַזוי שעפעריש-אימפּאָטענט, אַזוי פליי-סיק-אומפּראָדוקטיוו. אַ פיגור, ווי נישט פון לעבן אַרויס. אַ מענטש מיט אַלע טאַלאַנטן, אַ וווּנדערבאַרער שפּילער אויף דער האַרפע, אַן אויסגעצייכנטער גראַמען-אימפּראָוויזאַטאָר, אַ שיינער, אַ געזעלשאַפטס-מענטש, אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר, אַ שניצער, אַ מעכאַניקער, אַ געלערנטער — אַלצדינג און אַלצדינג „אָן נוצן".

וואָס האָט ער נישט געוואָלט? צי וואָס האָט ער זיך נישט גענומען? בויען בריקן — די בריק איבער דעם טייך אַרנאָ; גראָבן אַ קאַנאַל, געפינען די מעטאָדע, ווי אַזוי אויפצוהייבן בנינים, אויס-טראַכטן און מאָדעלירן נייע מאַשינען, פּאָרויסזאָגן די פּרינציפּן פון אוויאַטיק, אַנטדעקן די געזעצן פון דער באָטאַניק, ווי עס ווערט אַ בלאַט; דערגיין צו די אידעען פון דער מאָדערנער געאָלאָגיע — און וואָס נישט? אָבער דאָס אַלץ אָנגעוואָרפן אויף פּאַפּיר — אַ פּאָר שטריכן, אַ בליק, אַ ווונק, אַ פאָרמעל — און ווייטער גאָר-נישט.

ער פאָרט אַוועק צו דעם הויף פון דעם פּרינץ לאָדאָוויקאָ מאָ-ראָ קיין מילאַן. נאָך אַ יונגערמאַן, קומט ער אַלס אַ קינסטלער אַר-

בעטן אויף אַ סטאַטוּע פון לאָדאָוויקאָ. אָבער איידער וואָס, ווייזט ער ווי צו בויען אַ פעסטונג אַרום מילאַן, באַשעפטיקט זיך מיט פראָבלעמען פון אינזשענערן-קונסט, פון אַרטילעריע. און אַרבעט דערווייל אויף אַ סטאַטוּע. עס איז אָבער נישט גענוג צו שאַפן אַ גוטע, אַ נאַטור-געטרייע סטאַטוּע. ער וויל האָבן אַ ריזנווערק. אַ מענטש אויף אַ פערד — דאָס איז זיין פראָבלעם. אָבער יעדער טייל ווערט פאַר אים אַ פראָבלעם באַזונדער. אַ פערד — ווי אַזוי שטעלט מען אַוועק אַ פערד — פון בראָנז — אַז עס זאָל זיין נאַטור? לעאָנאַרדאָ שטודירט די באַוועגונגען פון פערד, צייכנט זיי אין אַלע פּאָזיציעס, אין די מינדסטע דעטאַלן, און ווען ער ווערט פאַרטיק, ווען די סטאַטוּע איז שוין כמעט אַ פאַרענדיקטע, קומט אַ צופאַל, אַ שטורעם אויף דער שטאָט — אַ מלחמה, און די גאַנצע אַרבעט ווערט צעשטערט.

ער מאָלט בילדער. דער פויפּסט לעאָן דער 10-ער, דער קונסט-ליבהאָבער און הומאַניסט, רופט אים נאָך רוים, לאָזט אים מאָלן אַ גרויס בילד; אָבער לעאָנאַרדאָ פאַרטראַכט זיך תיכף איבער דעם פאַרב-פראָבלעם, און נאָך איידער ער טרעט צו צו דער אַרבעט, הייבט ער אָן צו מישן פאַרבן, צו שטודירן נייע מעטאָדן, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך האַלטן, און דער פויפּסט רופט אויס: „ביי דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ער טראַכט שוין פון דעם סוף, איידער ער האָט אָנגעהייבן".

און ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז דאָס איז דער סוד פון לעאָנאַרדאָס קונסט און מענטשנטום. ער טראַכט פון דעם סוף — פאַר דעם אָנהייב. ווייל ביי אים איז גאָרנישטאָ קיין אָנהייב. ער האָט שוין אַלצדינג פאַרטיק — ער זעט שוין דאָס שאַפנדיקע; זיין פראָבלעם איז בלויז — ווי אַזוי עס צו האַלטן, צו באַשיצן, צו באַוואָרענען. און ווייל דער אנהייב איז ביי אים געווען בלויז אַ המשך, האָט ער אָפט גאָרנישט אָנגעהייבן אָדער נישט פאַרענדיקט.

אין דער יוגנט האָבן זיינע חברים און נישט-פאַרגינער זיך אָפט געריצט מיט אים: וואָס לויפסטו נאָך נאָך שאָטנס, וואָס גיסטו אַוועק דיין צייט אויף נאַרישקייטן — שטודירן דאָס פליען פון פייגעלעך, די שאַטירונגען, גראָטעסקע פיגורן, א. אז. וו. — ווילסטו אפשר ווערן אַ צווייטער פּאָלאָ אוטשעלאָ, פּאָלאָ דאס פייגעלע? פּאָלאָ איז אויך געווען אַ גוטער און שטאַרקער פלאָרענטינער מאַ-

לער. ער וואָלט געקאָנט ווערן אי רייך, אי באַרימט, האָט ער זיך אָבער אַריינגעלאָזט אין פאַנטאַזיעס — ער האָט שטודירט די פּערספּעקטיווע, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט לופט-ליניעס — די באַוועגונג פון די פייגעלעך אין דער לופט — און איז סוף כּל סוף געוואָרן צום געשפּעט — מען האָט אים אפילו געגעבן א צונעמעניש „דער פייגל".

און מען קאָן זיך אויסמאָלן, אַז דער אַלטער פּיעראָ דאַ ווינטשי, דער שטאָלצער פאָטער, וואָס האָט אַזויפיל געהאָפט אויף זיין געניאַלן זון, האָט נישט איינמאָל געזאָגט מוסר לעאָנאַרדאָן און זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל ווערן אַ קינסטלער, ווי אַלע אַנדערע, אַרבעטן מיט אַ צוועק — און „פּראָדוקטיוו".

און לעאָנאַרדאָ האָט אים געענטפערט מיט די ווערטער, וואָס ער האָט פאַרשריבן אין זיין נאָטיצבוך: „דער, וואָס ריכטעט אַ גאַנג נאָך אַ שטערן, קאָן זיך נישט ענדערן".

„שוועריקייטן, — זאָגט איר, — אוממעגלעך פאַר אַ מענטשן צו דערגרייכן די גרעסטע, די העכסטע פולקאָמענהייט? און איך זאָג: שוועריקייטן שרעקן מיך נישט. מען דאַרף זיך בלויז אָנשטרענגען".

שטאָלצע ווערטער און אַ העראָישער פאַרנעם.

ער האָט זיך „אָנגעשטרענגט". טאָג און נאַכט ביי דער אַרבעט — דענקען, רעכענען, מאָלן, מאָדעלירן. און עס איז פאַר אים געווען גענוג. פאַרענדיקן? פאַרטיק מאַכן? אויסשטעלן? ווייזן פאַר אַנדערע? דערגרייכן? צו וואָס? איז דאָס דער צוועק פון שאַפן?

אָט האָט ער אָנגעהייבן צו מאָלן אַ בילד — זיין באַרימט, זיין עפּאָכע-מאַכנדיק בילד: „דער לעצטער מאָלצייט", פון יעזוס און זיינע צוועלף אַפּאָסטעלס. צוויי צענטראַל-פיגורן: יעזוס און יהודה, דער געליבטער תּלמיד, וואָס גיט אים אַרויס; דער אַפּאָסטעל, וואָס ווערט אַ פאַררעטער צו זיין רבין. אַ פּראָבלעם, וואָס האָט באַשעפטיקט אַלע גרויסע מאָלער פון דער וועלט. די קאָמפּאָזיציע — צוועלף געשטאַלטן אַרום אַ טיש. צוויי צענטערס. צוויי אויסגאַנגספּונקטן. פּראָבלעמען פון ליניע און ליכט, פון ריינער פאָרם און רוים. און דערנאָך דער פּסיכאָלאָגישער פּראָבלעם. נישט נאָר יעדע פיגור מוז האָבן איר אַטמאָספערע און קאָלאָריט, נאָר אויך איר גייסטיקן זין, איר נשמה-אויסשטראַלונג. אַנדערש רעאַגירט אויף דער פאַסירונג —

און וואָס פּאַסירט דען, אַ חוץ שפּאַנונג, דערוואַרטונג, ריינער איבער־לעבונג? — פּעטרוס, אַנדערש יוחנן, אָדער זבדיה. איינער מיט אַ פאַרווונדערונג פון אומפאַרשטענדעניש, דער צווייטער מיט פאַנאַטישן האַס, דער דריטער — ווער קאָן אויפציילן אַלע וואַריאַציעס? און דערנאָך יהודה איש קרית אַליין, די געהיימניספולסטע געשטאַלט, דער מענטש, וואָס טרעט אַרויף אויף דער סצענע אין דעם אויגנבליק, ווען ער דאַרף זי שוין פאַרלאָזן. און איצט — יעזוס. ווי אַזוי אויס־מאָלן דעם פּנים פון דעם, וואָס גייט צו זיין אַ מאַרטירער און וויל זיך נישט ווערן און איז מקבל אויף זיך די יסורים מיט ליבע און מיט טרויער.

לעאָנאַרדאָ דערשרעקט זיך נישט פאַר דעם פּראָבלעם. עס איז פאַר אים גאָרנישט קיין רעליגיעזער סוזשעט. עס איז נישט מער ווי געאָמעטריע און ליכט־ווירקונג. וואָרים וואָס איז דען דער מענטש, די וועלט, אויב נישט ליניע און ליכט, ד. ה. ווידער ליניע פון ענערגיע? ליניע, וואָס רוט אין ליניע, וואָס באַוועגט זיך — דאָס איז דער עצם פון דער וועלט און איר סוד. און לעאָנאַרדאָ לייזט דעם פּראָבלעם אויף אַזאַ אופן, ווי קיינער פאַר אים און קיינער נישט נאָך אים. עס איז נישט מער קיין בילד, עס איז אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט. און ווי יעדע ווירקלעכקייט אויך אַ ביישפּיל, אַ סימבאָל, אַן אויסגאַנג. לעאָנאַרדאָס „לעצטער מאָלצייט" ווערט אַ שולע.

אָבער ער האָט דאָס בילד נישט פאַרענדיקט. אַלצדינג פאַר־טיק געמאַכט, אַ חוץ איינעם און דעם וויכטיקסטן דעטאַל: דעם קאָפּ פון יעזוס. אים האָט ער איבערגעלאָזט נישט דערענדיקט.

פאַרוואָס? „צו הייליק איז געווען פאַר אים די געשטאַלט פון יעזוסן" — זאָל ער זיך האָבן פאַרענטפערט. ער, און די הייליקייט פון דעם קריסטנטום! ער, וואָס האָט אין איינער פון זיינע „נביאות" אָדער „רעטעניש" אָנגעשריבן דעם זאַץ: „קריסטן: דאָס זענען מענטשן אין צפון, וואָס קלאָגן איבער דעם טויט פון איינעם אַ מענטשן ערגעץ ווו אין מזרח"; ער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ איראָנישע באַ־ציונג צו אַלצדינג, וואָס איז גלויבן און מיסטיק און סענטימענטאַ־ליטעט; ער, וואָס האָט געלערנט, אַז „די נאַטור ברעכט נישט אירע אייגענע געזעצן", אַז אַלצדינג איז שכל — ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין קריסטוס־געשטאַלט? האָט זיך אפשר פּערוזשינאָ דערשראָקן.

האָט ראַפּאַעל מורא געהאַט? און זיי זענען דאָך געווען „פּרימער״ פון אים. זיי האָבן זיכער געציטערט פאַר דעם גיהנום און פאַר די געבראָטענע שמיץ אויף יענער וועלט.

נישט דאָס איז געווען דער מאָטיוו פון לעאָנאַרדאָ. ער האָט נישט פאַרענדיקט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט; ער האָט פאַרשטאַנען, אז די גאַנצע קריסטוס־לעגענדע איז נישט מער, ווי אַ שטימונג, אַ בענקעניש, אַ הויך אויף דעם וואַסער פון דעם לעבן. און ווייל אַ שטימונג, ווייל אַ געפיל, האָט ער זי געלאָזט ביי אַ זייט. ווייל דאָס איז שאַפן, און נישט דאָס כמעט, דאָס אָט־אָט, דאָס כלומרשט — דערגרייכן.

צוויי זאַכן האָט ער פאַרלאַנגט פון דער קונסט און פון זיך: פּערעקשנטע שטרענגקייט און דאָס אומבאַשטימט־אָנגעהויכטע. „ריגאָרע״ און „ספּומאַטוראַ״. „ריגאָרע״ — שטרענג. דאָס איז נאַטור, דאָס איז ליניע, דאָס איז גאַנץ. איר האָט ער נאָכגעפאָלגט זיין גאַנץ לעבן. שטודירט אַנאַטאָמיע מיט פּראָפעסאָר לאַ־טאָרע, געשניטן קערפּערס, איבערגעלאָזט וווּנדערבאַרע דעטאַלירטע צייכענונגען פון פערד־סקעלעטן, פון מענטשנקערפּערס. ער האָט זי געזוכט אין בלומען. און קיינער האָט ביז היינט נישט געמאָלט בלומען מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַזאַ גענויקייט, אַזויפיל וויסן, ווי ער. ער האָט זי געזוכט אין שטיינער. און ווען מען זעט דעם הינטערגרונט פון זיינע בילדער — פון דער „מאָנאַ ליזאַ״, פון דעם „הייליקן היעראָנימוס״, א. אז. וו., ווערט מען פאַרכאַפּט פון דעם אומגעהייערן, איבער־מענטשלעכן זין פאַר וועלט־סטרוקטור, וואָס ער האָט דאָרט באַוויזן, ווי ער מאָלט פעלזן, שווארצע, בלוילעכע, גלאַטע און געצאַקטע, זייער אָרדענונג, זייער שטומע שטרענגקייט, און דערנאָך דאָס טייכעלע, וואָס שלענגלט זיך אַזוי רויק; די גרינע לאַנקעס, דעם האָריזאָנט, די פּערספּעקטיווע. דאָס איז נישט מער מאָלעריי, דאָס איז איינס־זיין מיט דער נאַטור, דאָס איז נאַטור אַליין.

אָבער וועלט איז נישט בלויז געזעץ און האַרבע ליניע. זי האָט אויך אַ קאַפּריז, זי איז אויך שטימונג, זי האָט עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט באַשטימען, נישט באַשרייבן, נישט אויסשעפּן און נישט פאַרפיקסירן: „ספּומאַטוראַ״, ד. ה. דאָס, וואָס גייט אַוועק מיט דעם רויך, דאָס גיין פון דעם רויך, דאָס גרוי־צעשווימענדיקע, פאַרשווימענדיקע, פאַרשווומענע. דער סוד פון רעליגיע, פון פּאָעזיע, פון קונסט —

פון קולטור. און אויך דאָ האָט לעאָנאַרדאָ אַ גאַנץ לעבן געזוכט, נישט ווי עס אויסצודריקן, נאָר ווי לאָזן דאָס אומבאַשטימטע קינסט־לעריש־אומבאַשטימט. דאָס האָט ער דערגרייכט אין דעם בילד פון דעם „לעצטן מאָלצייט", און אין אַלץ, וואָס ער האָט נישט פאַרענדיקט.

פאַרענדיקט! אויב קונסט איז עפּעס — קאָן זיין אַ פאַרענדי־קונג אין איר? און איז נישט יעדע פאַרענדיקונג — דער סוף, דער טויט? און איז נישט דאָס לעבעדיקסטע אין דער וועלט — דער מקור פון דעם לעבן — דער „אין סוף"? און אין סוף מיינט נישט דאָס, וואָס האָט נישט קיין ענד, נאָר דאָס, וואָס האָט נישט קיין פאַרענדיקונג, ד. ה. דאָס, וואָס האָט אין זיך גאָרנישט די טענדענץ און נישט די מעגלעכקייט פון אָפּשליסן, פאַרשליסן זיך אין קרייז.

„יאָ, איר האַלט זיך פאַר גרויס, מעסער לעאָנאַרדאָ, איר מיינט, אַז איר זענט העכער פון אונדז אַלע. איר האָט אַ גרויסן טעות. וואָס האָט איר געשאַפן, וואָס האָט איר געמאַכט, וואָס האָט איר פאַר־ענדיקט? קוקט אויף מיר — איר האַלט נישט פון מיר. איר ליובט דזשאָטאָ, מאַזאַטשאָ, איר רימט — מיר אויף צו להכעיס — די אַל־טע און לערנט אייערע תּלמידים, זיי זאָלן נישט נאָכמאַכן די נייע. איך ווייס עס. מען הערט עס. איר רעדט שיין, סער לעאָנאַרדאָ, רעדט זיסער, ווי איר מאָלט, אָבער זעט, וואָס איך האָב אויפגעטאָן. קוקט אויף מיין משה־סטאַטוע און סאַן־פּיעראָ און ווינקאָלי; קוקט אויף מיין „דוד", קוקט אויף מיינע בילדער, סטאַטועס, און זייט נישט אַזוי שטאָלץ! אַלט בין איך געוואָרן פאַר דער צייט, הגם איך בין יינגער פון אייך מיט צוואַנציק יאָר; איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער גאַנצער וועלט; איך לעב, ווי אַ שקלאַף אין אַ מיל, אַרבעט, שאַף, פּיר אויס — און איר, לעאָנאַרדאָ, מיט די גרויע לאָקן און דער לאַנגער באָרד, איר, דער שיינער, דער מושלם, דער זשעני, איר זענט שוין איבער זעכציק יאָר און האָט גאָרנישט אויפגעטאָן. איר הייבט אָן און פאַרענדיקט נישט; נעמט זיך צו אַלצדינג און וואַרפט עס אוועק. אפילו דעם פערד פון בראָנז אין מילאַן האָט איר נישט געקאָנט דערפירן צום סוף. אַ קינסטלער זענט איר? אַ רעד־נער זענט איר, אַ שיינגייסט. ווייסט איר דען, וואָס קונסט איז: ווען די האַנט געהאָרכט דעם גייסט? מיין האַנט, ראַפאַעלס האַנט, פּערודזשינאָס האַנט — זיי אַלע געהאָרכן, זיי אַלע פאָלגן. ביי אייך

זענען האַנט און גייסט צוויי ממשלות פון זיך. דער גייסט זוכט דעם בלויען וואונדער, און די האַנט איז שווער.

מיקעל אַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט לעאָנאַרדאָ אויף דער גאַס אין פלאָרענץ. דיביידע קעגנער, די ביידע קאָנקורענטן האָבן זיך צעקריגט. מיקעל אַנדזשעלאָ האָט אפשר גערעדט שאַרפער, שטורמישער, בייזער, ווי איך האָב אים געלאָזט רעדן; אָבער אין זיין כעס איז געווען קנאה. ער, דער גיגאַנטישער אויספירער, האָט געוווּסט, אַז לעאָנאַרדאָ און נישט ער איז דער גרעסערער, דער אמתער, דער קינסטלער, ער האָט געפילט, אַז „משה" און „דוד" און „פּיעטאַ", און די פרעסקן אין דער סיקסטינישער קאַפּעלע, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אין קאָפּ, וועלן פאַרגיין, אָבער לעאָנאַרדאָס שמייכל אויף דעם פּנים פון דער מאָנאַ ליזאַ וועט בלייבן, ווייל דאָס נישט-פאַרענדיקטע איז גרעסער, שענער, שעפערישער, ווי דאָס פאַרענדיקטע.

ער האט עס געוווּסט. און מיט יאָרן שפעטער, ווען דער ריז האָט זיך שוין דערנענטערט צו זיין לעצטן ציל, האָט ער געזונגען אַ טרויעריק, אַ פאַרצווייפלט ליד:

עס האָט דערשווומען מיין לעבן צום שלוס שוין
אויף דעם שטורמישן ים אין אַ שוואַך שיפעלע —
דערשווומען צום האַפן, ווו מען גיט אָפּ דעם חשבון
פון יעדן ווערק — אויב שלעכט, אָדער פרום.
איך ווייס שוין, וואָס די פאַנטאַזיע, די ליבע
און די קונסט, וואָס איז געווען מיין אָפּגאָט —
איך ווייס, ווי פול זיי זענען פון פעלער:
פעלער אַלצדינג, וואָס יעדער ווינטשט — נישט וועלנדיק.

אויפן טויטנבעט האָט מיקעל אַנדזשעלאָ דערקענט דעם אמת פון לעאָנאַרדאָ. און זייערע ליניעס האָבן זיך באַרירט. בלויז די ליניע פון לעאָנאַרדאָ האָט אין דעם לעצטן אויגנבליק פון זיין לעבן זיך אומגעקערט צו מיקעל אַנדזשעלאָ. און דער גיטער, מיטלמעסיקער צייט־חבר פון די איטאַליענישע רענעסאַנס=גיגאַנטן, דער ביאָגראַף פון די מאַלער אין איטאַליע, דזשאָרזשאָ וואַזאַרי, דערציילט אונדז אין זיין ביאָגראַפיע פון לעאנארדאָ, ווי אַזוי דער אומרויקער גייסט פון דאַ ווינטשי האָט זיך אויסגעלאָשן. נאָכדעם ווי לעאָנארדאָ האָט

זיך צעקריגט מיט מיקעל אַנדזשעלאָ און מיט דעם פּויפּסט, איז ער אַוועק צו זיין אַלטן פריינט, דעם קעניג פראַנסואַ פון פראַנקרייך, און דאָרט איז ער געוואָרן קראַנק — אין דעם שלאָס סט. קלו, ביי דער שטאָט אַמבואַז. דער קעניג איז געקומען צו אים מבקר חולה זיין. און דער אַלטער לעאָנאַרדאָ איז אים געפאַלן אויפן האַלדז און האָט געוויינט. געוויינט אויף דעם, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן און נישט געטאָן; געקלאָגט אויף אַ לעבן, וואָס ער האָט פאַרשווענדט אומזיסט. און ער איז געשטאָרבן אין די אָרעמס פון דעם קעניג.

וואַזאַרי האָט זיך זיכער צוגעטראַכט דעם סוף פון לעאָנאַרדאָן אויף זיין אופן, נאָך זיין קליינער השגה. הייבט ער דאָך אָן די ביאָגראַפיע פון לעאָנאַרדאָן מיט די ווערטער: „באמת ווונדערבאַר און געטלעך איז געווען לעאָנאַרדאָ, דער זון פון פּיעראָ דאַ ווינטשי — אין זיין געלערנטקייט און אין זיין קולטור. ער וואָלט געווען דערגרייכט אַ גרויסן דערפאָלג, ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי פילזייטיק און אומבאַשטענדיק". און ער פאַרענדיקט די ביאָגראַפיע: „און הגם ער האָט מער אויפגעטאָן אין ווערטער, ווי אין טאַטן, וועט זיין נאָמען און זיין רום קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן".

מיר שמייכלען הייגט, ווען מיר לייענען די ווערטער פון זיין צייט-חבר: ווערטער, טאַטן, פילזייטיק, קאָנצענטרירט — גלייך ווי דאָס איז דער עיקר! אַ בילד מער, אַ סטאַטוע ווייניקער, אַ גאַנצער מוזיי, אָדער אַן איינציקע צייכענונג, לייוונט, שטיין, פאַרבן, פאָרם — אַלצדינג פאַרגייט. בלויז איינס פאַרגייט נישט: די „ספּומאַטורא. דאָס, וואָס איז איבער און הינטער יעדער דערשיינונג אין יעדן לעבן.

אָבער לעאָנאַרדאָ איז געווען אַ מענטש; און אין מינוטן פון שוואַכקייט האָט עס אים געצויגן צום מענטשלעך-שוואַכן, צו דעם „איך", וואָס וויל „פּאַראייביקט" ווערן — אין קינדער אָדער אין שאַפונגען. ער האָט געוווסט, אַז דאָס קאָן זיין בלויז אין זיך-באַשרענקען, אין זיך צופּאַסן, אין זיך-קלענער מאַכן. און אין אַזאַ מינוט פון שוואַכ-קייט האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד, שוואַך אין דער פאָרם, טרויעריק-איראָניש אין געדאַנק:

ווער עס קאָן נישט דאָס, וואָס ער וויל,
זאָל ווען דאָס, וואָס ער קאָן . . .

— — — — — — — — — —

און דערפאַר, אָ, לעזער פון די שורות,

אויב דו ווילסט זיין גוט און ליב ביי אנדערע,
תיל תמיר קאָנען דאָס, וואָס דו דאַרפסט.

עס איז אַ ספק, צי לעאָנאַרדאָ האָט אליין אָנגעשריבן דעם סאָנעט; אָבער אפילו ווען אן אַנדערער האָט עס אָנגעשריבן פאַר אים — צו אים, איז דאָס געווען אין זיין גייסט און אין זיין שטימונג: „ווילסטו זיין גוט און ווילֿ, אַ מענטש צווישן מענטשן -- זיי מיטלמעסיק, ווילֿ נישט מער, ווי דו קאָנסט“.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין נישט גוט און נישט ליב און נישט מיטלמעסיק, און האָט געוואָלט מער, ווי ער האָט געקענט; מער ווי אַ מענטש קאָן בכלל קענען. און דאָס אליין מאַכט אים פאַר דער איינציקער, כמעט מיסטישער געשטאַלט פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס, פון דער גאַנצער קולטור.

„דער גרויסער מ כ ש ף פון דעם רענעסאַנס“, רופט אים איינער פון די היסטאָריקער פון דער רענעסאַנס=קונסט. „The greatest crank“ — רופט אים אָפנהערציק — און עס איז גוט אַזוי — דער אַמעריקאַניש־יידישער קונסט=קריטיקער בערענזאָן. יעדער האָט פאַר אים אַ נאָמען, אַ פאָרמולע, יעדער וויל אים ערגעץ אַריינשטעלן.

אָבער לעאָנאַרדאָ שמייכלט.

לודוויק וואַן בעטהאָווען.

1

אַ שפּעטע נאָכמיטאָג שעה. פאַר פרילינג. דער טאָג פאַר־רעגנט, פאַרכמאַרעט, פאַרכמורעט. עס שטורעמט. און פון צייט צו צייט קלאַפּט דער ווינט אין די פענסטער, שאָקלט די לאָדנס, רייסט זיך מיט כּוח אַריין אין דעם צימער, אין דעם האַלב־טונקעלן חדר, ווו עס ליגט אין גסיסה אַ מענטש.

ביים פענסטער זיצט א מידע, אַ טרויעריקע, א פאַרשלאָפּענע געשטאַלט. אַנזעלם היטענברענער, דער פריינט פון דעם יונגן קאָמ־פּאָניסט שוּבערט, דער פאַרגעטערער פון שטאַרבנדיקן מענטשן אויף דעם בעט לעבן דער וואַנט.

דריי טעג איז ער, לודוויק וואַן בעטהאָווען, געלעגן אויף דעם טויטנבעט אין גסיסה. באַוווסטלאָז. די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן יעדע האָפענונג די פּאָר פריינט, וואָס זענען געווען מיט דעם דעם קראַנקן, מיט דעם שטאַרבנדיקן די לעצטע עטלעכע טעג. די ווייניקער געטרייע — זענען אַוועקגעגאַנגען. שינדלער און ברויניג, די נאָענטסטע, אפשר די איינציקע געטרייע, זענען אַוועק ערגעץ אין דער שטאָט, באַזאָרגן די לוויה, זוכן אַ קרקע פאר דעם שטיקל חומר, וואָס איז געווען בעטהאָווען. היטענברענער איז אַליין, קוקט זיך יעדעס מאָל אום, הערט זיך צו — אָטעמט נאָך דער גוף אויף דעם בעט? איז שוין דער סוף געקומען?

פלוצלונג אַ שטילער, קוים־צו־הערנדיקער שאָרך. דער קערפּער טוט זיך אַ ריר. אויף איין רגע עפענען זיך די אויגן, פון אונטער דער דעק שטרעקט זיך אויס אַ האַנט, אַ פויסט הייבט זיך אויף —

אין דעם אויגנבליק דערהערט זיך אַ דונער. אַ בליץ העלט אויף די זיך אָנרוקנדיקע פינסטערקייט, און אין דעם ליכט דערזעט דער איינזאַמער היטער, ווי דער גוסס טוט אַ מאַך מיט דער פויסט; ער דערהערט אַ זיפץ, עפּעס אַ הייזעריקן געוויש, ווי ווערטער, וואָס קומען פון אַ דערשטיקטן. דערשראָקן לויפט ער צו צום בעט — די פויסט פאַלט אַראָפּ, די אויגן שליסן זיך, אַ לעצטער אָטעם — און בעטהאָווען איז נישטאָ.

*   *

*

דער לעצטער זשעסט פון אַ לעבן, פון אַ לעבן, וואָס איז געווען אַזוי אָרעם און אַזוי אומגעהייער רייך; אַזוי פּשוט-מענטשלעך, אָן גרויסאַרטיקע פאַרפּוצונגען, אָן אָרנאַמענטן און טעאַטראַלישקייט, אָבער אויך אַזוי טראַגיש, ווי קיין שום פאַנטאַזיע קאָן עס נישט אויסטראַכטן.

וואָס איז געווען אין דעם זשעסט? וועמען האָט דער גרעסטער מייסטער פון דעם קלאַנג, דער מוזיקער, וואָס איז געווען אַ סוף און אָנהייב, אַ פאַרענדיקער און וועגווייזער, דער העכסטער קינסטלער און דער פאַטעטישסטער נביא פון דער מוזיק — וועמען האָט לודוויג בעטהאָווען אין דעם שטורעם, אין דעם דונער, אין דעם בליץ אַנטקעגנגעשליידערט זיין לעצטע אַרויספאָדערונג? אין דער רגע פאַרן טויט — האָט דער לעצטער מאָמענט, וואָס צעשיידט צוויי וועלטן, דער שמאָלער בריק צווישן די אָפּגרונטן — דעמאָלט, זאָגט מען, לעבט דער מענטש איבער זיין גאַנץ לעבן נאָכאַמאָל, זעט אַלצדינג אויפסניי; דעמאָלט קומט דער לעצטער דין איבער זיך און דער וועלט, וואָס איז געווען זיינע. עס טרעט אַרויס דאָס בילד פון דעם רעמל און זעט צום ערשטן — און צום לעצטן — מאָל זיך און דאָס רעמל. האָט בעטהאָווען אין דער רגע, וואָס איז קורץ, ווי דאָס אויפלייכטן פון אַ בליץ און לאַנג, ווי די אייביקייט, איבערגעלעבט זיין לעבן, זיינע זיבן און פופציק יאָר — נאָכאַמאָל?

בילד נאָך בילד, ווי אין גאַלאָפּ, אָבער אַזוי קלאָר, אַזוי געבוי. זיין יוגנט אין באָן, אין דעם הויז פון זיין פאָטער יאָהאַן, דעם זינגער, דעם פריילעכן, כאַראַקטער-שוואַכן, משקה-גלוסטיקן — אַ שווערע יוגנט, אָן פריינט, אָן קינדערשע שפּילן, אָן אַ קינסטלערישער

אַטמאָספערע. אַ קליין שטעטל, ענגשאַפט, אויך גייסטיק, אויך מוזי־קאַליש. פּראָווינץ־אַטמאָספערע. נישט ווי בײַ מאָצאַרטן — פרײַער דערפאָלג, באַוווּנדערונג, גלאַנץ פון סאַלאָנען, פון קייזערלעכן הויף, ווין, איטאַליע, נסיעות רום. נישט ווי בײַ באַך: געזעטיקטע פרומ־קייט, אַלטפרענקישקייט, גרונט־פאַרוואָרצלטקייט. נישט הויף און נישט קירך, נאָר האַלב־באַלעבאַטישע, האַלב־ציגײַנערישע סביבה. דער זיי־דע אַ האָלענדער, דער פאָטער אַ האַלבער דײַטש. ער אַליין אַן אמת קינד פון דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, אַרויסגעריסן פון די אַלטע צוזאַמענהאַנגען; איינער פון די, וואָס שטייען אויף דער שוועל פון אַ קולטור־עפּאָכע און טראָגן אויף זיך די משא פון זייער צײַט — און פון דעם, וואָס גרייט זיך צו קומען.

ער וואַקסט אויס, רײַסט זיך אין דער גרויסער וועלט אַרײַן. קומט קיין ווין, געפינט דאָרט, וואָס ער האָט געזוכט: די גרויסע שטאָט, די ווײַטע האָריזאָנטן, די רײַכע קולטור, קונסט־אַטמאָספערע. געפינט אָבער אויך די גרענעצן פון דעם מענטשן און פון דער קול־טור. פון יעדער קולטור. מאָצאַרט ווערט פאַרגעטערט אין ווין. ער איז אַזוי שיין, אַזוי גראַציעז, אַזוי מעלאָדיש. מאָצאַרט זינגט, מאָ־צאַרט דערפרייט, דערקוויקט. יאָזעף היידן איז דער אָנערקענטער מייסטער, דער גרויסער מוזיקער. גאַנץ אייראָפּע קוקט צו אים אַרויף. אָבער אויך היידן איז ב ל ו י ז מוזיקער. זײַן מלוכה איז קלאַנג — און נישט מער.

בעטהאָווען אָבער וויל מער, קאָן מער, איז מער. נישט נאָר מוזיקער, נישט בלויז שפּילער, נאָר עפּעס גרעסערס, העכערס, וואָס? ער ווייסט אַ צײַט־לאַנג אַליין נישט, וואָס ער זוכט. ער פילט נאָר, עס איז נישט דאָס, וואָס ער געפינט. ער איז איינער פון די גרע־סטע קלאַוויר־ווירטואָזן — גאַנץ ווין גאַפט, ווערט באַגייסטערט, ווען ער שפּילט. אָבער ער וויל נישט זײַן קיין ווירטואָז. ער וויל נישט דינען אַנדערע, אויסטייטשן פרעמדע, זײַן אַ פאַרמיטלער צווישן דעם שאַפנדיקן און דעם צוהערער. ער ווערט שוין פרײַ אַן אימפּראָוויזאַ־טאָר. אימפּראָוויזירט מיט אַזאַ פאַרכאַפּנדיקער קראַפט, מיט אַזאַ מיי־סטערשאַפט, אַז די מוזיקער, די קאָלעגן, די אַנדערע ווירטואָזן ווערן ממש דערשראָקן — און טרעטן אים אָפּ דאָס פעלד.

אָבער דאָס באַפרידיקט אים אויך נישט. ער וויל נישט גלאַנצן, ער זוכט נישט קיין עפעקטן. מוזיק איז פאַר אים בלויז אַ מיטל,

א וועג. צו וואָס? ער ווייסט אַליין נישט. עס פעלט אים יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַכס נאַיווע גאָטספּאָרכטיקייט. פאַר אים איז קריסטנטום און בכלל רעליגיע נישט קיין ענטפער. „איבער רעליגיע און גע־נעראַל באַס קאָן מען נישט דיסקוטירן. זיי זענען פאַראַן", האָט ער אַמאָל איראָניש געזאָגט צו איינעם פון זיינע פריינט. בעטהאָווען זוכט איינצוזאַפּן אין זיך די גאַנצע קולטור פון דער צייט. ער ליי־ענט, ער שטודירט ליידנשאַפטלעך. ער לייענט דאַנטע און שעק־ספּיר, האָמער און פּלוטאַרך, אָבער אויך קאַנטס טעאָריע פון הימל; ער טראַכט איבער פילאָזאָפיע, לייענט רוסאָ, און פאַרליבט זיך אין שילערס מאָראַליש־פילאָזאָפישער פּאָעזיע.

און דאָס אַלץ איז אים ווייניק. ער זוכט אַליין -- פאַר זיך — דעם שליסל צו דער וועלט, צו דעם סוד פון דעם לעבן. און וואָס ער טראַכט, און וואָס ער געפינט — גיט ער אין דער איינציקער פאָרם, וואָס ער פאַרמאָגט: דעם קלאַנג. דער מוזיקער ווערט אַ פּאָעט — דער פּאָעט ווערט אַ דענקער.

און עס וואַקסן אויס די גרעסטע ווערק, וואָס אַ מוזיקער האָט ווען עס איז געשאַפן: די סימפאָניעס. נאָך די גרויסאַרטיקע, מוזי־קאַליש־טעכניש־פולקאָמענע, שטימונג־געזעטיקטע קאָנצערטן, קוואַרטעטן און סאָנעטן — נאָך זיי און לעבן זיי — מוזיקאַלישע ווערק, וואָס האָבן געשאַפן אַ נייעם סטיל, וואָס האָבן געעפנט דעם וועג פאַר דער קומענדיקער מוזיק פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, שאַפט בעט־האָווען איין סימפאָניע נאָך דער צווייטער. ניין סימפאָניעס אין דריי און צוואַנציק יאָר. די ערשטע אין 1800, די לעצטע אין 1823. און די וועלט דערהערט צום ערשטן מאָל — און אפשר צום איינציקן — ווי איוב ראַנגלט זיך מיט גאָט — אָבער נישט מיט ווערטער, נאָר מיט דעם קלאַנג אַליין, מיט דעם אַבסטראַקטסטן, ריינסטן פון אַלע אויסדרוקס־מיטלען, וואָס איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן. יעדעס שאַפן איז אַ קאַמף און אַ קלאַפּן אין די פאַרשלאָסענע טויערן. עס קעמפט דער פּאָעט מיט דעם וואָרט, דער מאָלער — דורך דער פאַרב; אָבער דאָס וואָרט, אפילו דאָס נאַקעטסטע, דאָס דערהייבנסטע און ריינסטע וואָרט -- עס האָט אין זיך נאָך אַלץ גשמיות. און די פאַרב און די ליניע — זיי זענען אויך פאַרבונדן און פאַרוואַקסן מיט דעם חומר, מיט דער דערשיינונג, און וואָס מיר זאָלן נישט זאָגן, און ווי אַזוי מיר זאָלן נישט באַשרייבן און אויסמאָלן -- עס איז נישט

ד אָ ס, עס איז נישט דאָס לעצטע, עס איז נישט דאָס באַפרייטע. בלויז דער טאָן איז פריי. ווייל ער איז דאָס, וואָס איז דאָ און נישטאָ, וואָס שטייט אויף דער גרענעץ פון זיין און נישט=זיין. ער איז די אייביקע באַגלייטונג פון די דערשיינונגען, די ריינע שטימונג, דער לעצטער עלעמענט. ער איז דער אָטעם און דער פּולס־שלאָג פון דער וועלט. בעטהאָווען האָט אים דערפילט. האָט אים דער־הערט. יעדן טאָן, יעדן קלאַנג פון דער וועלט — איר פּאַטעטישע איינזאַמקייט, איר בענקשאַפט, דעם שטילן געוויין פון יעדער באַשע־פעניש, דעם טרויער פון דער נאַכט, די מיסטישע קלאַנגען פון באַ־גינען, דעם קרעכץ פון גסיסה. אַלצדינג האָט אין אים געקלונגען. די וועלט האָט שירה געזונגען צו אים, פאַר אים — און ער האָט ווידער געזונגען פאַר אונדז.

פון סימפאָניע צו סימפאָניע, פון ווערק צו ווערק — ווערט די שירה אַלץ ברייטער, אַלץ טיפער. ער ווייסט, ער פילט — אויך דאָ זענען מענטשלעכע מיטלען צו אָרעם. עס איז נישט גענוג אויסצו־דריקן דאָס העכסטע מיט די מוזיקאַלישע מעטאָדן, וואָס מיר פאַר־מאָגן. די ראַם איז צו קליין, צו שמאָל. העכער מוז מען קלעטערן, ריינער מוז דער קלאַנג ווערן, באַפרייט פון אַלע ערד־באַשוועריקייטן, אַבסטראַקט — און אַבסטראַקטער, אַזוי ווייט, אַזוי הויך, אַז עס איז שוין כמעט נישטאָ קיין מעגלעכקייט אים אויסצודריקן.

בעטהאָווען ראַנגלט זיך מיט דער מענטשלעכער גרענעץ. „זייט אומשלונגען מיליאָנען", די גאַנצע מענטשהייט איינס. אין אַ העכערן סינטעז אַלצדיגג, וואָס איז באַשאַפן — דאָס לעבן איינאייניקער, טראַגישער, העראָישער פּאַרזון. דער געדאַנק האַמערט אין זיין מוח — פון דער ערשטער סימפאָניע, דורך דער פינפטער, אָט דעם אומגעהייערן קונסטווערק פון דעם מענטשלעכן גורל, פון יאוש און האָפענונג, פון גורל און קאַמף קעגן אים — ביז צו דער לעצטער, דער העכסטער שאַפונג, דער סימפאָניע, וואָס איז מער ווי קונסט, דער קונסט, וואָס האָט דערגרייכט איר לעצטע דערגרייכונג. ער האָט געוואָלט בייקומען דעם לעצטן סוד — מיט דעם טאָן — געקלאַפּט אין דעם טויער פון די טויערן, און האָט דערפאַר שווער און ביטער געליטן. איינגאַם איז ער געווען — אָן ליבע, ער, דער אייביק=בענקענדיקער, דער העראָישער ליבהאָבער; אָן פריינט — ער,

דער זינגער פון דער אידעאַלער, אַלמענטשלעכער, איבערמענטשלע־
כער פאַרבונדנקייט און פאַרשמאָלצנקייט; העסלעך איז ער געווען—
ער, דער דיכטער פון שיינקייט, און טויב — ער, דער אויסהאָרכער
פון דעם וועלט־טאָן.

קאָן מען זיך אויסמאָלן אַ מער טראַגיש לעבן? אַלע טויערן
פון רחמים פאַרשפאַרט. איינער אַליין — אַפילו אין זיין שאַפן.
אַ שעפער, וואָס קאָן נישט געניסן זיין אייגן ווערק. ער דענקט—
ער הערט אין זיך — ער זעט די צייכנס אויף דעם נאָטן־פּאַפּיר;
ער זעט, ווי אַנדערע ווערן דערציטערט, פאַרכאַפּט, ווי זיי פאַלן
אַריין אין התלהבות, און ער אַליין, דער שאַפנדיקער, ער הערט
נישט זיין ווערק. איינער אַליין — און אַ וועלט אין אים.

אָט גייט ער — איבער די גאַסן פון ווין. אַ גראָטעסקע
פיגור. קליין־געוואַקסן, ברייטביינערדיק, ברייטפּלייצעדיק, ווי צוגע־
פּלעטשט, אַ ברייט פּנים, כמעט העסלעך, אַ טראַגיקאָמיש פּנים.
עפּעס קלאָונישעס, לעכערלעכס. בלויז אַ שטערן, וואָס דערהייבט
זיך ווי אַ הויכער קופּאָל; אַ גאָלדענע, געוועלבטע סטעליע אי־
בער אַ ליימענעם הייזל אויף הינערשע פיסלעך. ווייסע זאָקן, אַ
בלויער ראָק מיט געלע, מעשענע קנעפּ. אין ראָק־טאַש אַ נאָטיץ־
בוך. ער מאַכט מיט די הענט, שאָקלט זיך, שטעלט זיך פּלוצלונג
אָפּ, נעמט אַרויס דאָס נאָטיצבוך, פאַרטראַכט זיך, קוקט אַרויף צום
הימל, פאַרצייכנט אין דעם נאָטיצבוך עפּעס צייכנס, נאָטן, מוזיקאַ־
לישע אידעען — און גייט ווייטער, קוקט אַריין יונגע מיידלעך
אונטער דער הוט, מאַכט זיי חנדלעך; זיינע אויגן באַקומען אַן
אומאַנגענעמען, תאַווהדיקן, וווּלגאַר־גלוסטיקן גלאַנץ. און אָט אַזוי
— גראַנדיעז און קאָמיש, דערהייבן און קלאָוניש. דער גאַנצער
ווידערשפּרוך פון דעם לעבן פאַרקערפּערט אין דערדאָזיקער פּיר־
עקיקער פיגור, אַריינגעשטעקט אין די ווייסע זאָקן און דעם
בלויען ראָק.

און ער ווייסט דאָס. ער פילט עס. און ער ווייסט, אַז דאָס
איז נישט נאָר ער אַליין, לודוויק, דער זון פון יאָהאַן וואַן בעט־
האָווען — דאָס איז יעדער מענטש, יעדע באַשעפעניש, דאָס איז
די וועלט — אָט אַזוי צווישן צוויי פּאָליוסן, פול פון ווידערשפּרוך,
קיינמאָל נישט האַרמאָניש און תמיד האַרמאָניע־באַגערנדיק.

און ער ווייסט עס: די וועלט איז אַ קונסטווערק, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרענדיקט. זי איז אַ סימפאָניע, וואָס נעמט אַריין אין זיך אַלע וואַריאַציעס, די פאַסטאָראַלע ווי די העראָישע, אידילישע און פאַטאָס. אַ סימפאָניע מיט אַן אָרקעסטער, וואָס איז אומענדלעך.

און אָט די סימפאָניע האָט אין דעם לעצטן אויגנבליק זיך אַנטפּלעקט דעם אויסהאָרכער פון דעם וועלט־טאָן. אין דונער, אין בליץ? דו שפּילסט מיר ווידער פאָר, דו נאַרסט ווידער, דו אַלטער קאַפּעלמייסטער, דו אייביקער טאָן־באַפּוצער? אין דונער, אין בליץ? מאַיעסטעטיש, „מאַעסטאָזאָ״? אָבער איך בין אויך אַ קינסטלער, איך קען אַלע דריידלעך און אַלע קונצן, איך ווייס — נאָך דעם מאַסטעטאָזאָ קומט אַן אַדאַזשיאָ, און אַמאָל פאַרקערט — און דערנאָך — און דערנאָך — מיר ווייסן דאָס — נאָך אַ סימפאָניע? די צענטע, די עלפטע? וואָס ווילסטו? פאַרוואָס שפּילסטו נישט כאָטש איינמאָל — אָט איצט, דעם לעצטן מאָל, פאַרוואָס שפּילסטו נישט די איינציקע. די ריינע סימפאָניע, דעם שיר־השירים פון דער וועלט, די שירה, וואָס דיינע מלאכי־השרת זינגען דיר?

אָדער זיי אויך — נאָך נאָטן? זיי אויך — אין פאָרם און אין גרענעצן און נאָך רעגלען? דו האָסט מיך טויב געמאַכט, כדי איך זאָל מיין שטימע הערן — דיין שטימע. איך האָב געהאָפט — עס קומט די לעצטע, די גרעסטע אַנטפּלעקונג. אָט קומט דער טאָן פון אַלע טענער — און איך וועל אים הערן. איך אַליין — אויב דו ווילסט נישט, אַז אַנדערע זאָלן אים הערן. איך ווייס — דו האָסט ליב געקליבענע. גוט. מיך האָסטו אויסגעקליבן און געשטראָפט מיך דערפאַר. און אַלצדינג אַוועקגענומען ביי מיר. כדי מיר איינס צו געבן: דיך.

און דערנאָך, ווען דו נעמסט דאָס לעצטע; ווידער אָפּערע, ווידער טעאַטער און — דונער און בליצן, און...

איידער די אַגאָניע האָט זיך אָנגעהייבן, האָט דער מייסטער, געזאָגט זיינע לעצטע ווערטער: „פּלאַודיטע, אַמיצי, קאָמעדיאַ פיניטאַ״ — „די קאָמעדיע איז פאַרענדיקט — אַפּלאָדירט, פריינט״...

די קאָמעדיע — און בעטהאָווען האָט אויפגעהייבן זיין פויסט און אַראָפּגעלאָזט זי אין דער לעצטער באַוועגונג פון זיין לעבן.

דער גרעסטער הערער פון דער מענטשהייט האָט דערהערט דעם טאָן פון דעם לעבן און: „לאַ קאָמעדיאַ".

נישט קיין העראָישע, נישט קיין פּאַטעטישע, נאָר אַן איראָנישע — די סימפאָניע פון דעם לעבן.

II

איך פאַרשטיי נישט קיין מוזיק. אָפט איז זי פאַר מיר נישט מער ווי — אַ מעלאָדישער טומל. ס'גיסן זיך איבער מיר טענער און איך ווייס נישט, וואָס מען טוט מיט זיי, ווייס נישט פונוואַנען קומען זיי, פאַרוואָס זענען זיי אַזוי צונויפגעבונדן און נישט אַנדערש.

און ס'איז אַ מערקווירדיקע זאַך — גראָד ווייל איך פאַרשטיי נישט קיין מוזיק, האָב איך ליב דווקא דאָס, וואָס איז „רזי דרזין", טיף און פאַרוויקלט, דאָס, וואָס מען רופט אָן „הויכע קונסט", העכסטע קונסט.

וואָס הארבער, וואָס ביטערער, וואָס שטאַרקער און סודותדיקער, איז מיר די מוזיק נענטער, און אויך דער מוזיקער.

בלינדע מענטשן, ווען זיי הערן מוזיק — זעען זיי פאַרבן. פאַר זיי זענען קלאַנגען אַ מין פאַרבנשפּיל, אַ וועלט פון קאָלירן.

טויבע מענטשן — טויבע, וואָס הערן, אָבער פאַרשטייען נישט — וואָס פילן זיי? איך האָב אָפט געפּרוווט אַנאַליזירן זיך אַליין, וואָס איך פיל, בשעת איך הער אַ סימפאָניע, אָדער אַ סאָנאַטע, אָדער אַן אָפּערע. נאָך די ערשטע פאָר מינוטן פאַרלירט זיך דער פאָדעם. איך הער אויף צו פאַרשטיין, נאָכצופאָלגן. ס'הייבט זיך צוביסלעכווייז, ווי פון אַ ווייטן נעבל, אַרויסשפּיגלען אַ געשטאַלט, אַ מענטש, אַ מענטשלעכע נשמה. דאָס שפּילן פאַרלירט זיך, דער שפּילער פאַרשווינדט ערגעץ ווייט — און איך זע אַן איינזאַמען מענטשן, וואָס זיצט ביים קלאַוויר און — טראַכט. אַ מענטשן, וואָס לייגט צו דעם אויער צו דער ערד, און הערט. אַ מענטשן, וואָס שטייט אויף די וועלט־וועגן און — האָרכט, וואָס די ערד זאָגט, וואָס די זון זאָגט, וואָס די נאַכט באַהאַלט.

ס׳זענען פאַראַן מוזיקער, וואָס איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, גלייך ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין פיזיאָנאָמיע. און ס׳זענען דאָ קינסטלער, וואָס באַהערשן מיין פאַנטאַזיע פון דער ערשטער נאָטע אָן.

דער פיאַניסט זעצט זיך אַנידער, ער הייבט אָן: די וואַלד־שטיין־סאָנאַטע, אָדער די „אַפּאַסיאָנאַטע״ — און תּיכּף דערשיינט פאַר מיר אַ קאָפּ: שווער און מאַסיוו, מיט אַ מערקווירדיק־גרויסן, ווי אַ באַרגיקן שטערן, טיפע אויגן, אַ ברייט פּנים, און אַ רעטע־נעשדיקן מויל, אָן אַ שמייכל.

ס׳איז די מאַסע פון בעטהאָווען.

מען דערציילט אַ פון פראַנצויזישן גרענאַדיר, איינעם פון די נאַפּאָלעאָנישע „אָדלערס״, אַז ווען ער האָט דערהערט דעם פינאַל פון דער בעטהאָווענישער „עראָיקאַ״, האָט ער זיך פלוצלונג אויפגע־שטעלט און אויסגעשריען: ס׳איז דער אימפּעראַטאָר! עס לעבט דער אימפּעראַטאָר!״ — ער האָט אין דער מוזיק דערקענט נאַפּאָ־לעאָנען!

און יעדעס מאָל, ווען איך הער בעטהאָווען, אַ סאָנאַטע, אָר־קעסטער־מוזיק, אַ קוואַרטעט — וואָס ס׳זאָל נישט זיין — וואָלט איך, ווי דער גרענאַדיר, אויסגערופן: „ס׳איז בעטהאָווען!״ ער און נישט קיין אַנדערער. ער — דער איינזאַמער קינסטלערישער מענטש, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דעם לעבן, וואָס האָט געזוכט אויס־טייטשן עס מיט — מוזיק, מיט די ריינסטע און די שווערסטע מיט־לען, וואָס ס׳איז נאָר דאָ.

יעדע קונסט איז אַ קאַמף. דאָס איז איר ווערט, דאָס איז איר צוועק. אַ קינסטלער שרייבט און דיכטעט נישט פאַר דעם „עולם״, פאַר דעם לעזער, פאַר דעם צושויער, דעם צוהערער, בכלל נישט פאַר עמעצן, בלויז פאַר זיך.

„מיר האָט אַ גאָט געגעבן די מתּנה צו זאָגן, וואָס איך לייד״,— האָט געטע וועגן זיך געזאָגט. און דאָס איז די פאָרמולע פאַר קונסט. מייערבעער האָט געשריבן מוזיק — פאַר דעם עולם, אָפּנ־באַך — פאַר די צוהערער. אפילו וואַגנער, דער גרויסער וואַגנער, וואָס איז געווען פעיק צו אַזאַ התעלות, צו אַזאַ ענטוזיאַזם — ער איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דעם טעאַטראַלישן.

בעטהאָווען האָט נישט קאָמפּאָנירט, אָדער ווי ער אַליין פלעגט

ער אָנגרופן: געדיכטעט, פאַר דער וועלט, נאָר פאַר זיך. זיך האָט ער געוואָלט באַפרייען, זיך האָט ער געוואָלט דערלייזן, זיין וועג האָט ער געזוכט אין דעם שטורעם, אין דעם מדבר פון דער וועלט.

לאַנגע יאָרן איז בעטהאָווען געווען טויב. ער האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט געשפילט. ער האָט זיינע אייגענע ווערק נישט געהערט. צו זיין נאַטירלעכן איינזאַמקייטס-געפיל איז צוגע-קומען די טויבקייט, וואָס האָט אים אָפּגעשיידט פון מענטשן. ער האָט בלויז געטראַכט און געטראַכט איבער מענטשן און זאַכן, אי-בער זיך און איבער גאָט. און יעדער געדאַנק זיינער איז אויס-געגאָסן געוואָרן אין אַ טאָן. וואָס ער האָט נישט געזען, וואָס ער האָט נישט דורכגעלעבט, איז געווען ביי אים אַ „טעמע", אין דעם מוזיקאַלישן זין פון דעם וואָרט.

ער האָט געמאָלט אין טענער. דער גרענאַדיר האָט דערקענט נאַפּאָלעאָן אין דער „עראָיקאַ", און יעדער פון אונדז דערקענט אַלצדינג, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט געמאָלט און געשיל-דערט.

מיר דערקענען דעם וואַלד, מיר דערקענען דעם שטורעם און דעם ווינט און די רו, מיר דערקענען — די נאַקעטע מענטשלעכע נשמה.

אין די בריוו פון בעטהאָווען צו זיין „אומשטערבלעכער גע-ליבטער" איז דאָ אַ מערקווירדיק וואָרט. ער זאָגט: „אָ גאָט, קוק זיך איין אין דער שיינער נאַטור און באַרויק זיך איבער דעם, וואָס וואָלט געמוזט זיין".

זיין און מוזן, לעבן און דאָס, וואָס איז איבער דעם לעבן, פון יענער זייט, דער אַנטפּלעקטער סוד און דער פאַרבאָרגענער — דאָס איז די אייביקע טעמע פון בעטהאָווען. און דער טויבער בעט-האָווען גייט אין וואַלד אַריין, אין דעם שיינעם וואַלד, אויף די בערג אַרום ווין, און אָט איז זיין שטימונג: „מיין אומגליקלעך געהער פּלאָגט מיך נישט מער. עס דאַכט זיך מיר, אַז יעדער בוים רעדט צו מיר: הייליק, הייליק! דער כּישוף פון וואַלד — ווער קאָן אים אויסדריקן, — די זיסע שטילקייט פון דעם וואַלד!"

איך פיל בלויז דעם מענטשן, איך זע בלויז די מאַסקע.

„הייליק!" — דאָס איז נישט קיין רעליגיעזע שטימונג, ווי-

ביי באַך, ווי ביי הענדל, ס׳איז נישט קיין רעליגיאָנס־שטי־מונג, וואָלט איך בעסער געזאָגט.

פריי איז בעטהאָווען. נישט געבונדן דורך קיין שום גלובין. פריי — ווי דער מענטש פון דעם אָנהייב פון דעם ניינצעטן יאָר־הונדערט, דער ענטוזיאַסטישער, דער גייסטיק אומבאַשרענקטער. נאָר וואָס האָט אויסגעקלונגען דער פינאַל פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, דער שטאַרקער מענטש, דער ערשטער באַפרייער פון דער פאָלקס־ענערגיע, דער ערשטער העראָס פון דער דעמאָקראַטיע — נאַפּאָלעאָן. דער קייזער פונם פאָלקס־ווילן און דעם פאָלקס־גענאָד, האָט נאָר וואָס באַבליצט און באַטומלט די וועלט. און ס׳איז גע־וואָרן שטיל און אומעטיק. אַ וועלט פון קאָנטראַסטן, פון ווידער־שפּרוכן, אַ נייע וועלט.

דער דיכטער — און דער מוזיקער איז אַ דיכטער אין זיין לעצטן עצם — דריקט צוזאַמען אין איין וואָרט, אין איין שטריך, אין איין טאָן, אַ צייט. ער שפּיגלט אָפּ אין זיך די וועלט. דאָס פאַרגאַנגענע, געגירשנטע, דאָס זייענדיקע, דאָס פאַראַנענע און דאָס, וואָס דאַרף קומען, וואָס זאָל קומען.

בעטהאָוועניש גערעדט: ער געדענקט אין דעם מוזנדיקן און זוכט זיך צו טרייסטן מיט דער שיינקייט, וואָס איז.

אזא דיכטער איז נישט בלויז פּאַטעטיש, ער איז אויך איראָ־ניש. און בעטהאָווען האָט עס. נאָך רייסט זיך אַריין דער פּאַטאָס, די קראַפט, אויפן שטאַרקסטן אופן אויסגעדריקט אין זיין מוזיק. די „סקערצאָ״ איז ביי אים געוויינלעך אַן איינלייטונג צו דער „אַדאַזשיאָ״, און דער יאוש אָדער גלויבן, האָפן אָדער צוזאַמענברוך — און ווידער בייט זיך די שטימונג, ווי אַ ים — אַ הויכער כוואַ־ליען־קאַם ווייסער שוים, באַרג אויסגעטורעמט איינער אויף דעם צווייטן — און דערנאָך גלאַט, בלוי, אידיליש.

דאָס איז נישט בלויז קיין מוזיק, ס׳איז ריינע נשמה־קונסט.

נשמה־קונסט, ד. ה. אַ קונסט, וווּ אַלצדינג ווערט פאַרשמאָלצן, וווּ איר פילט און זעט און טראַכט, וווּ דאָס הערן איז בלויז אַ מיטל און אַ קאַנאַל, אַ וועג צו אַן אומדערשעפּלעכער וועלט. ס׳איז דער ת ו ך פון דעם לעבן, וואָס לאָזט זיך נישט איינפּאַסן, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ, דאָס קאַפּריציעזע, גראַציעזע, נאַיִענדיקע, ווילדע, ליידנשאַפטלעכע און מלאָכדיק אומשולדיקע.

ווען איך וואָלט געווען אַ מוזיקער און פאַרשטאַנען מוזיק, — וואָלט איך געשריבן איבער דער „ניינטער סימפאָניע" איבער דער „פידעליאָ אָוווערטורע", איבער די באַרימטע סימפאָניעס, סאָנאַטעס און קוואַרטעטן פון בעטהאָווען. אָבער איך קען דאָס נישט.

איך פיל בלויז דעם מענטשן, איך זע בלויז די מאַסקע.

און איך זע דעם אייביק-לעבעדיקן בעטהאָווען.

ס'קומט מיר אויס אַזוי מערקווירדיק, ווען איך לייען אַ ביאָגראַפיע פון בעטהאָווען: געבוירן אין 1870, געשטאָרבן אין 1827. געשטאָרבן? געלעבט אַ פּאָר יאָר און נישטאָ? אַ טויטער? קאָן אַ מאַסקע שטאַרבן? קאָן דאָס, וואָס איז אין זיין מהות לעבעדיק — פאַרשווינדן? בעטהאָווען איז געווען — ווי יעדער קינסטלער פון די גרעסטע — מער ווי בלויז אַ שטיקל לעבן, אַ קליין ליכטל, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אויף אַ ווײלע און אויסגעגאַנגען. בעטהאָווען איז געווען די מוזיקאַלישע מאַסקע פון דעם מענטשן.

יעדער האָט זי געטראָגן, פון זינט מוזיק לעבט. יעדער וועט זי טראָגן, כּל זמן דאָס מענטשלעכע אויער וועט שאַפן קלאַנגען, די מאַסקע פון מוזיק.

האָט איר אַמאָל באַמערקט, אַז דאָס שענסטע איז אָפט — העסלעך? וואָס די פאַנטאַזיע דערהייבט ביז צו דער העכסטע ספערן פון פולקאָמענסטער שיינקייט — איז אין דער ווירקלעכקייט נישט שיין? אַז דער טראָגער פון דעם שיינקייטס-שאַפנדיקן געדאַנק איז אַליין אָפט אַ שברי-כּלי?

מיקעל אַנדזשעלאָ איז געווען העסלעך — און דער גרעסטער שאַפער פון שיינקייט. נאַפּאָלעאָן דער גרויסער! — איז געווען אַ קליינינקער, אַ קורצינקער, די אומהעראָישסטע געשטאַלט, וואָס מען קאָן זיך דענקען. און בעטהאָווען —

און דאָס איז דער סוד. דער שאַפנדיקער מענטש טראָגט אַ מאַסקע, אַ מאַסקע פון אַרבעט, פון נויט, פון וואָכעדיקייט, פונקט ווי אַ סקולפּטאָר טראָגט אַ פאַרטוך, באַדעקט מיט שטויב און ליים. דער שאַפנדיקער קינסטלער איז דער אַרבעטס-פאַרטוך פאַר דער ק ו נ ס ט, פאַר דעם שאַפן. אונטער דער מאַסקע איז אַ פּנים. קיינער האָט אים נישט געזען, ווייל קיינער ק אָ ן אים נישט זען. אַפילו דער דיכטער אַליין אויך נישט. ווייל דאָס איז דאָך זיין לעבנסקאַמף צו זען, וואָס עס טוט זיך אונטער דער מאַסקע, אָבער

ווער ס׳האָט דאָס דערזען — האָט דאָס לעצטע געזען, האָט די שכינה אָנגעקוקט.

מיר, געוויינלעכע מענטשן, זעען די מאַסקע. מיר טראָגן זי דאָך אויך. יעדער פון אונדז. מיר ווייסן עס צום רוב נישט. ביז עס קומט דער גרויסער קינסטלער און דערוועקט אין אונדז דאָס פאַרבאָרגענע, און מיר דערמאָנען זיך אין אונדזער אמת פנים. און קונסט איז דערפאַר נישט בלויז פרייד, זי איז לייד, זי איז אַ שווערער וועג צו זיך אַליין.

און הערנדיק בעטהאָווענס מוזיק — זע איך ז יי ן מאַסקע, זע איך מ יי ן מאַסקע, זע איך די מאַסקע פון דער וועלט. און איך פיל און איך ווייס: קדוש, קדוש! די וועלט איז אייביק. בעטהאָווען לעבט. איך וועל לעבן. ס׳איז נישטאָ קיין טויט! ס׳איז אַ טאָן, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט. הערן מיר אים נישט איצט — אָט דעם ווייטן קלאַנג — עמעצער הערט אים...

פראַנסואַ וואָלטער.

לעבן זשענעווע, אַן ערך אַ האַלבע שעה רייזע מיט דער עלעקטרישער באַן, איז פאַראַן אַ קליין שטעטל — פערנעי. עס איז שוין פראַנקרייך. פּאָליטיש, אַדמיניסטראַטיוו. אָבער לאַנדשאַפטלעך איז עס נאָך אַלץ שווייץ. אָדער אפשר דאָס אויך נישט. עס איז אַ שטעטל פאַר זיך, אַ דענקמאָל, אַ מאַוזאָליי, אַן אָנדענק אָן איי־נעם פון די מערקווירדיקסטע מענטשן, וואָס האָט געלעבט אויף אונדזער ליאַרעמדיקער ערד.

איך בין געקומען אַהין אין אַ שיינעם זומערטאָג. רויק, שטיל, געמיטלעך, אידיליש, — ווי אַ סך שטעטלעך אין איראָפּע, ווײמאַר אין דייטשלאַנד, פּיזאַ אָדער סיענאַ אין איטאַליע, — מער אַ מוזיי, ווי אַן אָרט פון און פאַר לעבעדיקע מענטשן. מען ווינט דאָרט, אַזוי צו זאָגן, „אין דעם שאָטן פון גרויסעביימער”. עס איז אַ בלאַט געשיכטע אין שטיין און ציגל.

בלויז אין ווײמאַר איז עס — אַ פּאַנטעאָן. געטע, שילער, ווילאַנד, הערדער, אַ גאַנצער שטערן־הימל. אין פערנעי איז דאָס בלויז אַ מאַוזאָליי. איין נאָמען, איין מאָנומענט, איינאייציקער שטערן אויף דעם דאָרטיקן הימל, און דער שטערן הייסט — וואָלטער.

אויף דעם פּלאַץ פון פערנעי שטייט אַ מאָנומענט: אַן אַל־טינקער מאַן מיט אַ מאָגערן, צעקנייטשטן פּנים, אויפן קאָפּ אַ פּאַ־רוק — אויף די ליפּן אַ שמייכל — אַכצעטער יאָרהונדערט. דער געפּוצטער, וויציקסטער, גאַלאַנטסטער און הנעוודיקסטער יאָרהונ־דערט פון דער קורצער איראָפּעישער געשיכטע.

אָט אַזוי — מיט אַ פּאַרוק, מיט שפּיצן־מאַנזשעטן און קורצע זײַדענע הויזן, אָט אַזוי — אַ ביסל פּרוויִנצאַפּט, מאַנירלעך, זיס־סענטימענטאַל, און — פראַנצויזיש, און פּאַריזעריש.

אַנטקעגן דער סטאַטוע — אַ קליינע, אַ ווייסע קירך. און אויף איר אַן אויפשריפט — אויף לאַטײַן: „דעאָ ערעקסיט וואָלטער" — דאָס הייסט: וואָלטער געבויט פאַר גאָט.

אַנטקעגן דער קירך אַ גרויסער פּאַלאַץ — וואָלטערס הויז, אַ מוזיי. אַ מאַסע חדרים, אומעטום טעפּיכער, מאַלערייען, וואַזעס, טייערע מעבל. אויף יעדן טריט: אַכצעטער יאָרהונדערט, ראָקאָקאָ־סטיל, צאַצקעס, חן־גריבלעך פון פּאָרצעליי און שמײַכלען פון לאַקיר און זילבער.

און דאָ, אינמיטן פון דער מער ווייבערישער, ווי מענערישער פּראַכט און געציר־טקייט, האָט געוווינט, געשריבן, געאַרבעט, דער ליידנשאַפטלעכסטער, שטאַרקסטער, גלעזנסטער שריפטשטעלער פון דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, פראַנסואַ דע וואָלטער. דאָרט, אין פּער־נעי, האָט ער געהאַט מער נעמען. דאָרט האָט ער געהייסן — הער פון וואָלטער, גראַף פון טורנע און פערנעי. אָבער דער ווייט־פאַרצווייגטער לעזער־קרייז האָט נישט געוווּסט פון דער גראַפ־שאַפט און נישט אפילו פון דעם אַדל־טיטל „פון". די קייזערין קאַטערינע פון רוסלאַנד, דער קעניג פון פּרייסן (פרידריך דער גרוי־סער), די „פילאָזאָפן" אין פּאַריז און די אינטעליגענץ פון גאַנץ אייראָפּע האָט געקענט בלויז איין נאָמען: וואָלטער.

און אַזוי איז אויך פאַרבליבן. זעלטן ווייסט עמעצער דעם ריכטיקן נאָמען פון דעם שריפטשטעלער וואָלטער; זעלטן וועמען איז עס באַקאַנט, אַז ער האָט גאָרנישט געהייסן וואָלטער, און שוין זיכער נישט דע וואָלטער, נאָר גאָר פראַנסואַ מאַריע אַרוע, און אַז וואָלטער איז געווען נישט מער, ווי אַ פּסעוודאָנים. וועמען גייט עס אָן? דער נאָמען וואָלטער איז געוואָרן אַ סימבאָל, פּונקט ווי דער מענטש, וואָס האָט אים געטראָגן, וואָס האָט אים באַשאַפן, איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע. און ווי פון יעדער אינסטיטוציע איז פון אים געבליבן נישט מער ווי דער נאָמען און דער רייכער קאָמפּלעקס פון באַגריפן, וואָס איז פאַרבונדן מיט אים. נישט יעדער רעליגיעזער מענטש האָט איבערגעלייענט אַלע „הייליקע ביכער" פון זײַן אמונה, אָבער ער פילט זייער גייסט. און זייער ווייניקע פון די

פריידענקער האָבן געלייענט די שריפטן — אַלע פּופּציק בענדער פון וואָלטער. פרעגט זיי, וואָס האָט וואָלטער געשריבן, זיי וועלן אייך — אפילו די געבילדעטע צווישן זיי — קוים קאָנען אָנרופן אַ נאָמען אָדער צוויי פון זיינע ביכער; אָבער יעדער קולטורמענטש ווייסט, וואָס דער „וואָלטעריאַניזם” איז. דער גייסט איז אַרויס פון די טויטע אותיות און איז אַריין אין דעם לעבן. ער איז געוואָרן געשיכטע.

* *

*

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע אויסטייטשונגען פון דער געשיכטע. איינער זעט זי אין איין געשטאַלט, דער צווייטער — אין אַן אַנדערער. איינער — אין אַ שטענדיקן וואַקסן, אַ צווייטער — אין אַ מין אומרו־באַוועגונג, אַהער און אַהין: רעכטס, לינקס, רעכטס לינקס,

מען קאָן זי באַטראַכטן פון אַזאַ שטאַנדפּונקט: שטימונג, שכל און אויפסניי שטימונג. אָדער: מיסטיק, ראַציאָנאַל און דערנאָך אַ נייע מיסטיק.

אָט האָבן מיר פאַר אונדז דריי יאָרהונדערטער, וואָס מיר קאָנען אַנאַליזירן: דעם זיבעצעטן, דעם אַכצעטן, דעם ניינצעטן. און מיר נעמען פאַר אַ באַאָבאַכטונגס־פּונקט פראַנקרייך. דער זיבעצעטער יאָרהונדערט: שווערע שטימונג, טיפקייט, נשמה־פייער, מיסטיק. דער אויסדרוק פון דער צייט — דער געניאַלער פּאַסקאַל, דער גרעסטער מייסטער פון פראַנצויזישן סטיל, דער מענטש מיט אַן אָפּגרונטיקער נשמה. דערנאָך די „פּיעטיסטן”, די „פרומע”, די געלערנטע פון דעם „פּאָראָיאַל”, וואָס האָבן אין זייער שטילער צוריקגעצויגנקייט געשאַרפט און פאַרטיפט די קולטור פון פראַנקרייך. און פון איירָאָפּע.

נאָך אים דער אַכצעטער יאָרהונדערט: קלאָר, ווי קרישטאָל. שפּילנדיק, גרינג, שיין, גראַציעז און — טרוקן און אומשעפּעריש. ביז עס קומט דער ניינצעטער יאָרהונדערט אין ווידער אַ מיסטישן שטורעם. נישט מער אין רעליגיעזער געשטאַלט, נאָר אין אַנדערע פאַרקליידונגען: סאָציאַל, נאַציאָנאַל, פילאָזאָפיש־וויסנשאַפטלעך.

דער צוואַנציקסטער באַרירט זיך שוין ווידער מיט דעם אַכצעטן

מיר זעען שוין די שפורן. מיר קערן זיך אום ווידעראַמאָל צו וואָלטערן.

ווייל וואָלטער איז — דער אַכצעטער יאָרהונדערט.

געבוירן צום סוף פון דעם זיבעצעטן יאָרהונדערט — 1693 — אין פּאַריז; איז געשטאָרבן — אין 1778 — אין פּאַריז. אָפּגעלעבט פיר און אַכציק יאָר און באַגלייט זיין יאָרהונדערט כמעט ביז צום קבר, ביז צום שטורץ פון דער גאַנצער אַלטער געזעלשאַפטס־אָרדע־נונג, ביז צום טויט פון אַ קולטור־סיסטעם.

און דערציילן דאָס לעבן פון וואָלטער, איז — דערציילן די געשיכטע פון דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, דערציילן וועגן די אומגע־הייערע קאָנטראַסטן אין דעם אייראָפּעישן לעבן, וועגן די קאַמפן פון דער בורזשואַזיע מיט דעם פעאָדאַלן אַדל, פון די נייע סאָציאַלע עלעמענטן קעגן דער אַלטער מאָנאַרכיע; דערציילן וועגן באַרבאַ־רישע אומגערעכטיקייטן און ראַפינירטע סאַלאָנען, וועגן צביעות, וועגן אַ מאַסקע־קולטור, שיין און שטראַלנדיק אויף דער אויבער־פלאַך, צעפוילט אין דעם קערן. דאָס הייסט: דערציילן וועגן דעם ווערסאַילער הויף און די פּאַריזער סאַלאָנען, פון קאָקעטקעס, ווי ניגאָן דע לאַנקלאָ, ווי די מאַדאַם דע פּאָמפּאַדור, ווי אַנדערע באַ־רימטע דאַמען פון דער כמעט „האַלבער" וועלט, און אין דער איי־גענער צייט דערציילן פון די שרעקלעכע קאַזעמאַטן אין דער באַ־סטיל, פון רדיפות אויף יעדן פרייען געדאַנק, פון פּאָליציי־גרוי־זאַמקייט, פון געזעצלאָזיקייט, פון אַן אַנאַרכיע, וואָס האָט זיך אָנגע־רופן „פעאָדאַלער" שטאַט.

וואָרים אָן דעם איז גאָר נישטאָ וואָס צו זאָגן — וועגן דעם לעבן פון וואָלטער. עס זענען דאָ לעבנס, וואָס זענען אינטערעסאַנט אָן שום באַציונג צו דער סביבה — דראַמאַטיש, טראַגיש, דורכגע־שטראַלט.

עס איז דאָס לעבן פון אַ „הייליקן" — אויף אַ וואָסער גע־ביט עס זאָל נישט זיין, פון אַן אָריגינעלן, שעפערישן גייסט.

דאָס לעבן פון סעבאַסטיאַן באַך, דעם מוזיקער, איז ביי זיין גאַנצער פשטות דאָך אַ רייכע טעמע. עס לאָזט זיך „אויס־טייטשן".

דאָס לעבן פון וואָלטער אָבער איז אַזוי רייך אין אַנעקדאָטן און פּאַסירונגען, אַז עס ווערט אָרעם אין אינהאַלט. און נישט קוקנ־

דיק אויף די פּילע באַגעגנונגען און פאַרליבונגען און אויף דער גרויסער אויסערער פּראַכט — איז כמעט גאָר נישטאָ וואָס צו דער־ציילן.

אחוץ — ווי דער יונגער פראַנסוא מאַריע אַרוע, דער זון פון אַ פּראַנצויזישן געריכטס־באַאַמטן, אַ זייער פאַרמעגלעכן און בכבודיקן גרויס־בורזשוי, באַקומט פון דער יוגנט אָן די אַמביציע צו ווערן אַן „אַדלמאַן", אַריינצושטופן זיך מיט אַלע מיטלען אין דער „געזעלשאַפט". און ווייל עס פעלן אים אַלע אַנדערע מיטלען, באַנוצט ער זיך מיט דעם איינציקן, וואָס ער פאַרמאָגט: זיין גייסט. און ער קעמפט יאָרן נאָכאַנאַנד ביז ער דערגרייכט זיין ציל. און אפילו ווען ער האָט אים שוין דערגרייכט, איז עס געווען נישט דער ציל, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געחלומט צו ווערן אַ „הויפמענטש", אַ חשוב ביים קעניג פון פראַנקרייך, און ער איז געוואָרן אַ קעניג פאַר זיך אַליין, געוואָרן דער גייסטיקער באַהערשער פון פראַנקרייך און אייראָפּע, אַ פּירער, אַ פאָלקסהעלד, אָבער צום הויף האָט מען אים פאָרט נישט צוגעלאָזט. און ער האָט ביז צום טויט נישט דערגרייכט זיין חלום. אפילו נישט, ווען די סטודענטן פון פאַריז האָבן אויסגעשפּאַנט אים די פערד און געשלעפּט זיין קאַרעטע אין טריומף איבער פאַריז, אַ חודש פאַר זיין טויט, אין אַפּריל 1787. אפילו נישט, ווען דאָס פאַריזער פאָלק האָט געשריען: „הוראַ וואָלטער, דער מאַן פון גע־רעכטיקייט! דער מאַן, וואָס האָט גערעטעוועט דעם אומשולדיקן קאַלאַס!" אפילו נישט, ווען דער פאַריזער טעאַטער האָט אים געקרוינט מיט אַ לאָרבערקראַנץ, און די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע האָט אים אויסגעקליבן פאַר איר ערן־דירעקטאָר. איינס האָט אים געפעלט צו זיין לעצטן און העכסטן טריומף: דער הויף. אָבער קעניג לודוויק דער זעכצעטער האָט נישט געוואָלט לאָזן וואָלטערן קיין ווערסאַיל, צום קעניגלעכן הויף. דער קעניג, וואָס האָט מיט זיין בלוט באַ־שפּריצט דעם טויער פון דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, איידער ער האָט זיך פאַרמאַכט, דער קעניג לואי דער זעכצעטער האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ פאַר וואָלטערן. ער האָט אים אָפּגעהיט פאַר דער גיליאָטינע. און וואָלטער איז געבליבן — מיט דעם פאָלק.

פון אונדזער היינטיקן שטאַנדפּונקט — אַן „אַריסטאָקראַט", אַ חונף צו די גרויסע; אַ בורזשוי, וואָס וויל שפּילן די ראָלע פון אַ פּרינץ; אַ שריפטשטעלער, וואָס רייסט זיך אין די הויכע פענסטער

און פאַרגעסט זייער אָפּט אַריינצוקוקן אין זיין אייגענעם פענסטערל, אין דעם איינציקן, ווו מען קאָן עפּעס זען: אין דעם כּישופֿ-דיקסטן.

פֿאַר דעם מאָדערנעם מענטשן איז וואָלטער אַ גאַנץ אומפּאַר-שטענדלעכע פיגור. וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס איז ער תּמיד אַרומגעלאָפֿן פֿון אָרט צו אָרט, פֿון שלאָס צו שלאָס, זיך תּמיד אויסבאַהאַלטן, געזוכט ערי מקלטס ביי זיינע אַריסטאָקראַטישע פריינט, ביי די מאַרקיזן און הערצאָגן, אפילו ביי קעניגן, ווי פרידריך דעם גרויסן? באַהאַלטן זיך — נישט תּמיד מיט אַ גרונט, אָפּט אָבער אַלס פּאָזע, אַלס אַן אָנשטעל. אַ שריפטשטעלער, וואָס שרייבט אָן אַ שיער, שרייבט אַלצדינג און איבער אַלצדינג; דרייסיק טראַגעדיעס, פופצן קאָמעדיעס, פינף אָפּערעס, דריי הונדערט און פופציק חבורים אין פּראָזע, צוויי עפּאָסן, די „האַנריאַדע" — אַ העראָישע, און די „מויד פון אָרלעאַן" — אַ ציניש-פּאַראָדיסטישע; ער האָט געשריבן לידער, און איז נישט געווען קיין פּאָעט; דראַמען — און נישט געווען קיין דראַמאטורג; ער האָט געשריבן פילאָזאָפישע און נאַטורוויסנשאַפט-לעכע ווערק — און האָט ווייניק פארשטאַנען אי פון פילאָזאָפיע, אי פון נאַטורוויסנשאַפט. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע באַרימטע היסטאָ-רישע ווערק — און איז פּאָרט נישט געווען קיין אמתער היסטאָ-ריקער.

זיינע לידער? זיי זענען טרוקן, ווי די גאַנצע פּאָעזיע פון דעם אַכצעטן יאָרהונדערט, און נאָך טרוקענער. האָט ביי די פּאָעטן פון יענער צייט אין פראַנקרייך, ווי, למשל, זשאַן באַטיסט רוסאָ געפעלט פּאַטאָס, שטימונג, נאַיוויטעט, האָט ביי אים געפעלט אפילו דער פּאַ-עטישער מאָטיוו. ער האָט, אייגנטלעך, געשריבן פּראָזע און גראַמען, שיינע איינפאַלן, וויצן, אַנעקדאָטן, אַלגעמיינע און אָפּט זייער פלאַכע באַטראַכטונגען — און דאָס אַלץ אין אַ גלאַטער, גרינגער, צו גרינ-גער שפּראַך.

„וואָלטער טאָקט ליגנס — ווי עס רינט וואַסער", זאָגט וועגן אים איינער פון זיינע שאַרפסטע מאָדערנע קריטיקער. אָבער אויך די צייט-חברים האָבן געהאַט דעם אייגענעם קוק אויף זיין פּאָעזיע.

דער באַרימטער פראַנצויזישער וויצלינג און דילעטאַנט פון דעם סוף פון אַכצעטן יאָרהונדערט, ריוואַראָל, האָט געלייקנט, אַז וואָלטער

האָט בכלל טאַלאַנט פאַר פּאָעזיע, אָדער פאַר דער דראַמאַטישער קונסט. „אין דעם סטיל פון וואָלטערן זענען תּמיד פאַראַן טויטע ווערטער״, האָט ריוואַראָל געזאָגט. „טויטע״, דאָס מיינט געקינסטלטע, אַריינגעשטעלטע צוליב אַ גראַם, צוליב אויספילן דעם פּלאַץ, כּדי צו פאַרדעקן די אָרעמקייט פון דער שטימונג.

און לעסינג האָט נאָך דעם טויט פון וואָלטערן אָנגעשריבן אויף אים אַ קריטיק אין דער פאָרם פון אַן אויפשריפט אויף דער מצבה:

> דער ליבער גאָט, פאַרצייַ אים אין זיין חסד—
> דעם עפּאָס האַנריאַדע און די טראַגעדיעס
> און אַ סך פון זיינע לידער,
> ווייל וואָס ער האָט אַ חוץ דעם ארויסגעגעבן,
> האָט ער געמאַכט גאַנץ גוט.

נישט קיין גרויסער קאָמפּלימענט פאַר אַ דיכטער, פאַר דעם באַרימטסטן פּאָעט פון זיין צייט. נישט קיין גרויסער קאָמפּלימענט אויך פאַר דער פראַנצויזישער פּאָעזיע בכלל. און עס איז באמת אַ וווּנדער, ווי אַזוי וואָלטער איז געוואָרן באַרימט אַלס פּאָעט. ווען מען לייענט היינט די פּאָעזיע פון וואָלטערן, זיין עפּאָס די האַנריאַדע, דעם עפּאָס פון היינריך דעם פערטן, וואָס האָט געוואָלט איינפירן אין פראַנקרייך די עפּאָכע פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ; דער עפּאָס, וואָס האָט אַזוי באַגייסטערט גאַנץ אייראָפּע, קאָן מען פשוט נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ ווערק האָט געקאָנט גילטן פאַר פּאָעזיע. גלאַטע שורות, אַ פּליסנדיקע שפראַך, אָפט גאַנץ גוטע גראַמען, אָבער אַלצדינג אַזוי פּלאַטשיק, אַזוי פּראָזאַיש, אַזוי אָרעם אין פאַנטאַזיע און אומקינסטלעריש. נישט וואָס עס איז געווען אַן אומגעלונגענער פאַרזוך. דאָס טרעפט זיך ביי אַלע, אַפילו די גרעסטע פּאָעטן. דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״ איז אויך נישט דורכאויס פּאָעזיע און אויך מילטאָנס אָדער טאַסאָס עפּאָסן זענען נישט שטענדיק אויף דער הויך. און ווי זאָגט דאָס אַלטע ווערטל: אַפילו האָמער כאַפּט אויך אַמאָל אַ דרעמל.

דער פעלער פון וואָלטערס עפּאָס איז גראָד דער, וואָס ער האָט נישט קיין פעלער. פאַרקערט, ער איז תּמיד גלאַט. ער איז שטענדיק גרינג. ער איז קיינמאָל נישט, אויף קיין איין מינוט נישט,

קיין כבד־פה. און דאָס אַליין, אָט די גרינגקייט, די גלאַטקייט, די פּעלערלאָזיקייט, איז זיין גרעסטער אָרעמקייט־באַווייז. עס איז גאָר־נישט קיין פּאָעזיע. עס זענען בלויז ווערטלעך און גראַמען. וואָלטער האָט גאָרנישט אין זיך דעם שטאָף פאַר אַ קינסטלער. ער איז קיינמאָל נישט געווען, ווי געטע האָט פון זיך געזאָגט, „אָט פול פון הימלישער פרייד — אָט דערדריקט פון מרה־שחורה". ער איז קיינ־מאָל נישט געווען אַ נביא ביים שרייבטיש און אַ געוויינלעכער בשר־ודם אויף דער גאַס, ווי למשל, מילטאָן.

דער בלינדער ענגלישער פּאָעט האָט, ווי עס איז באַוווּסט, גע־האַט אַ חוץ זיין פּאָעזיע, אַ חוץ זיין געוואַלטיק־שטאַרקער פּובליציס־טיק, נאָך אַ באַרוף: ער האָט געהאַנדלט מיט הייזער. קויפן און פאַרקויפן ערד, בויען און פאַרדינגען הייזער איז נישט קיין זייער פּאָעטישע באַשעפטיקונג. אָבער קוים האָט זיך דער פּאָעט באַפרייט פון זיינע געשעפטן, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, איז ער אַריין אין אַן אַנדער אַטמאָספערע. וואָלטער האָט אויך ליב געהאַט געלט און געשעפטן, געקויפט אַקציעס, פאַרדינט ביי זיי, ווען אַנדע־רע האָבן געבראָכן דעם קאָפּ; געליען געלט אויף פּראָצענט, און דווקא צו די אַריסטאָקראַטן פון פראַנקרייך, און אפילו צו קעניגן און פירשטן — פאַרשטייט זיך, צו די קלענערע. אָבער צווישן וואָלטערן, דעם סוחר און וואָלטערן, דעם פּאָעט איז נישט געווען קיין שטרענגע מחיצה. דער איבערגאַנג פון בוך צום באַנקבוך איז געווען צו נאַ־טירלעך. און צי האָט ער געמאָנט געלט ביי די בעלי־חובות, צי האָט ער געמאָנט גערעכטיקייט און טאָלעראַנץ ביי די מעכטיקע פון דער ערד — עס איז תּמיד געווען דער אייגענער גלאַטער, וויציקער, שאַרפער, פעפערדיקער סטיל. דער אייגענער קאַלטער אימפּעט.

דער פּאָעט וואָלטער וואָלט זיכער פון לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, אפילו אין פראַנקרייך, ווו מען האָט אַן אייגנטימלעכן באַגריף פון פּאָעזיע. דער מאָדערנער פראַנצויזישער פּאָעט, פּאָל קלאָדעל, האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָנגעהייבן אַ קאַמף קעגן דער גאַנצער קלאַ־סישער פּאָעזיע אין פראַנקרייך. ער האָט באַוויזן, אַז אפילו די גרעסטע פון די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע פּאָעטן, אפילו וויקטאָר הוגאָ, זענען גאָרנישט קיין דיכטער, נאָר פּראָזאַיקער, פּובליציסטן, רעדנער און גראַמען. דער פראַנצויזישער סטיל, דער פראַנצויזישער גייסט— זענען פּראָזאַיש, אָבער די פּראָזע איז אַן איינציקע. אויף דעם גע־

ביז קען, זיך קיין פֿאָלק מיט זיי נישט פֿאַרגלייכן.

און דאָס איז אויך געווען דער גאַנצער סוד פֿון וואָלטערס ווירקונג: די מייסטערשאַפֿט פֿון זיין פּראָזע. קיינער האָט פֿאַר אים נישט געשריבן אַזאַ פּראָזע. געוויס, מאָנטען און פּאַסקאַל זענען געווען גרויסע סטיליסטן, אפשר גרעסערע, ווי וואָלטער, זיי האָבן געהאַט פֿייער און גראַציע און שיינקייט. אָבער וואָלטער האָט געהאַט — גרינגקייט. זיין פּראָזע איז ווי אַ פֿינקלענדיקער ווייַן אין אַ געשליפֿענעם קרישטאָל־בעכער. יעדעס מאָל אַ נייער קאָליר. ביי יעדער באַלייכטונג אַנדערש. אָבער תּמיד — ווייַן, וואָס מאַכט פֿריי־לעך, תּמיד קרישטאָל.

„מיין בעכער איז אַ קליינער, אָבער איך טרינק פֿון מיין בע־כער" — האָט אַמאָל וואָלטער פֿון זיך אַליין געזאָגט. און דאָס איז געווען די בעסטע, די קלאָרסטע קריטיק פֿון זיין שאַפֿן. אַ קליינער בעכער, אָבער אַן אייגענער.

וואָס האָט ער אָבער אַריינגעגאָסן אין זיין בעכער? וואָס האָט ער געפֿאָדערט אין די עטלעכע און זעכציק יאָר פֿון זיין שאַפֿן? וואָס פֿאַר אידעען האָט ער פֿאַרשפּרייט? ווידעראַמאָל אַ קליינער בעכער און אַן אייגענער. עס איז נישט אַריין קיין צופֿיל ווייַן אין אים — אפשר נישט מער ווי אַ פֿינגערהויט; אָבער דער ווייַן איז געווען געווירצט.

וואָלטער האָט נישט געהאַט קיין „אידעען". ער האָט געהאַט איין אידעע. און דאָס איז געווען: טאָלעראַנץ. נישט מער. רעליגי־יעזע טאָלעראַנץ, פֿרייהייט פֿון געוויסן, ווייטער גאָרנישט, מער נישט. אונדז ווייזט עס זיך היינט — אַביסל קאָמיש און אויבערפֿלעכלעך, ווען מען הערט היינט די באַרימט־געוואָרענע ווערטלעך פֿון וואָלטער, ווי „דערקוועטשט די שענדלעכע" — דאָס הייסט, די קירך, אָדער דעם פֿערז: „זיי זענען הייליק, ווייל קיינער רירט זיי אָן", „זיי", מיינענדיק ווידעראַמאָל דאָס גאַנצע קלאַפּערצייג, וואָס באַלאַנגט צו דער רעליגיע; ווען מען לייענט זיינע „דרשות פֿון די פּופּ־ציק", זיינע פֿאַרשידענע סאַטירעס און פֿאַמפֿלעטן קעגן דער רעליגיע— יעדער רעליגיע בכלל און דער קריסטלעכער בפֿרט — מוז מען אָפּט שמייכלען. און ווען מ׳לייענט זיינע היסטאָריש־פֿילאָזאָפֿישע אָפּהאַנד־לונגען, אַזוי פֿלאַטערדיק, אַזוי אויבערפֿלעכלעך, אַזוי חנעוודיק ניש־טיק — פֿאַרשטייט מען, פֿאַרוואָס ער אַליין האָט געזאָגט אין זיין

אַזויגערופֿענעם ראָמאַן „קאַנדיר" — וועגן זיך: „אַלס היסטאָריקער האָב איך אַ פֿאַרגעניגן אַריינצוקוקן אין אַלע משוגעים־הייזער פֿון דער וועלט". ווייל עס איז גאָרנישט געווען קיין אמתע היסטאָריע. עס איז געווען פּובליציסטיק, פֿאַרקליידט פֿאַר געשיכטע, פּונקט ווי זיין פּאָעזיע איז געווען פּובליציסטיק אין גראַמען.

און פֿונדעסטוועגן — און דווקא דערפֿאַר איז עס קלאָר, פֿאַרוואָס אָט אַזאַ פּראָזע האָט געהאַט אַזאַ מעכטיקע ווירקונג אויף אייראָפּע. עס זענען דאָ צייטן פֿון זייען און צייטן פֿון שניידן. ווען מען זייעט, גראָבט מען טיף און מען אַרבעט שטיל. ווען מען שניידט, אַרבעט מען הויך און ברייט. ברייט און שימערירנדיק, פֿליט די קאָסע איבער די זאַנגען, עס זינגט דאָס אייזן, עס זינגט דער מענטש, און אין די לידער איז פֿרייד און גאווה און שקצעקייט, נישט די טיפֿע און טרויעריקע ליריק פֿון דעם אַקערער. דאָס אַכצנטע יאָרהונדערט איז געווען אַ צייט פֿון שניט. אַלצדינג, וואָס איז פֿאַרזייעט און פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן אין אייראָפּע פֿון רענעסאַנס אָן, האָט אויפֿגעשפּראָצט, איז אויסגעוואַקסן. די רייפֿע זאַנגען האָבן זיך געבעטן נאָך דער קאָסע און נאָך דעם סערפּ. און די שניטער זענען געקומען. איינער נאָך דעם צווייטן. מאָנטעסקיע מיט זיינע „פּערסישע בריוו" און דעם „גייסט פֿון די געזעצן", דער פֿאַרזוך אַריינצוטראָגן דעם גייסט פֿון „אויפֿקלערונג", ד. ה. פֿון פֿאַרשטאַנד, פֿון פֿרייהייט, אָפּגעזונדערט פֿון די דאָגמען און די אַלטע לעבנספֿאָרמען — אין דעם רעכט, אין די סאָציאַלע אינסטיטוציעס פֿון פֿראַנקרייך. אָבער מאָנטעסקיע איז געווען צו פֿאָרזיכטיק, צו שווער, צו ווייניק קעמפֿער.

„מען קאָן נישט פֿאָרן רייטנדיק אויפֿן פּעגאַז — און דעררייטן צו די שפּעטערע דורות, ווען מען איז צו שווער באַלאָדן", — האָט וואָלטער צמאָל געזאָגט וועגן אַ פּאָעט. און עס מוז נישט זיין דווקא דאָס פּאָעטישע פֿערד־פּעגאַז. יעדע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פֿאַרלאַנגט גרינגע אַמוניציע. מאָנטעסקיע איז נאָך געווען צו שווער באַלאָדן. אָבער וואָלטער איז געווען פֿריי. אַ געבוירענער קאַוואַלעריסט. אַ געבוירענער אָנפֿירער פֿון אַ דראַגונער־עסקאַדראָן. פֿלינק און גראַציעז און אַזוי שיין אויפֿן זאָטל. זי איז באַלד געקומען נאָך אים — די שווערערע אַרטילעריע: רוסאָ, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער אייראָפּעישער געזעלשאַפֿט אַ נייעם אידעאַל, אַ נייע שטימונג, — די זויציקע, שאַרפֿע, צעשטערנדיקע און מוטיקע ענציקלאָפּעדיסטן, דידראָ,

דאלאמבער, די מאטעריאליסטן האָלבאַך און העלוועציוס און לאַמעטרי. זיי האָבן באַשאָסן די פעאָדאַלע געזעלשאַפט פון שווערע האַרמאַטן און האָבן זי דערשטורעמט; די רעוואָלוציע פון 1789 איז געווען זייער אַרבעט.

וואָלטער האָט נישט גענומען קיין חלק אין דעם שווערן אַרטילעריע-קאַמף. ער האָט נישט געמיינט צוזשטערן די סאָציאַלע גרונטלאַגן פון דער אַלטער געזעלשאַפט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון רוסאָ, „די עלנטע מאַלפּע פון דיאָגען", ווי ער האָט אים אָנגערופן. און ווען ער וואָלט געווען דערלעבט די גרויסע רעוואָלוציע, וואָלט ער אפשר געווען אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַריקאַדע, אין דעם טאָל, נישט אויף דעם „באַרג", און ראָבעספּיער וואָלט אים אפשר אויך געשיקט אויף דער גיליאָטינע.

אָבער ער האָט, ווי אַ געטרייער סאָלדאַט, זעכציק יאָר נאָכאַנאַנד אויסגעפאָרשט דעם שלאַכט-טערען, אויסגעפאָכטן די ערשטע שלאַכטן, אויסגעקעמפט דעם רעכט פון דעם מענטשן אויף אַ פרייער מיינונג, אויף דעם פרייען וואָרט, אויף דעם רעכט צו גלויבן. ער האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער טראַדיציע, קעגן דער געשיכטע און דעם פאַנאַטיזם.

עס איז געווען דער קאַמף פון שכל קעגן דעם אינסטינקט און דער געוויינהייט, פון דער קלאָרקייט קעגן די פינסטערע, באַהאַלטענע כּוחות. און וואָס איז דען רעליגיע, אויב נישט דער פאַרקליידטער אינסטינקט? זי איז — פאַרגליווערטע לײַדנשאַפט, זי איז — קריסטאַליזירטע פאַרגאַנגענהייט. און וואָס עלטער — אַלץ פאַרגליווערטער. וואָלטער האָט געוואָלט און געמוזט צעברעכן איר מאַכט. ער האָט אַטאַקירט די קירך — די קריסטלעכע, און יעדע רעליגיע בכלל. נישט פון אַ רעליגיעזן פאַרלאַנג, נישט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון. די גרויסע לייקענער פון רעליגיע זענען דאָך אויך רעליגיעזע נאַטורן. סקעפּטיק און מיסטיק קומען פון איין שורש. וואָלטער איז נישט געווען קיין רעליגיעזע נאַטור — דערפאַר אויך נישט קיין „אַטעיסט". פאַרקערט, ער האָט זיך געהאַלטן אָן „גאָט". „מען דאַרף אים אויסטראַכטן, אויב ער איז נישטאָ". ווער איז עס, וואָס דאַרף אים האָבן? די געזעלשאַפט, די אָרדענונג, די מאַסן. און דעריבער האָט ער געפּרעדיקט אַ ווייטערדיקן, איבערפּלעכלעכן „דעיזם",

אַ מין גלויבן אין גאָט, וואָס איז נישט קיין גאָט, נאָר אַ סימבאָל פון אָרדענונג און גערעכטיקייט.

אמת, ער האָט אַזויפיל געשריבן וועגן גאָט און וועלט, וועגן מענטשן און זייער גלויבן, אַז מען קאָן ביי אים געפינען פאַרשידענע שטעלונגען. אָט איז ער אינגאַנצן סקעפּטיש, ווי אין זיינע קליינע און קלוגע „פילאָזאָפישע דערציילונגען", אָדער אין זיין „פילאָזאָפישן ווערטערבוך", אָט איז ער ווידער אַ גאָט־גלויביקער, ווי אין זיין באַרימטער שריפט וועגן טאָלעראַנץ. אָבער סיי אין דער סקעפּטישער, סיי אין דער גלויביקער באַציונג איז נישטאָ קיין באַציונג צו די גרונטפּראָבלעמען פון דער רעליגיע.

עס איז דאָ בלויז איין שטאַנדפּונקט: לאָמיר לעבן און הנאה האָבן. לאָמיר, מענטשעלעך, נישט מאַכן זיך דאָס לעבן צו שווער, נישט צו טיף, נישט צו טרויעריק. לאָז יעדער „פלאַנצן זיין קרויט", ווי ער ענדיקט זיין גרעסטע פילאָזאָפישע דערציילונג — די סאַטירע אַנטקעגן דעם גאָט־גלויביקן אָפּטימיזם „קאַנדיד".

אויבערפלעכלעך! געוויס. אָבער טאַקע דערפאַר אַזוי ווירקונגספול, ווייל פאַרשטענדלעך. אַ מין פאָרשפּייז פאַר דעם שווערן, גייסטיקן מאָלצייט, וואָס די צייט האָט אָנגעגרייט פאַר די שפּעטערדיקע דורות.

ערנעסט רענאַן.

„עס זענען דאָ צוויי פראַנקרייכס — איין פראַנקרייך פול מיט רום, פראַנקרייך די מוטער פון דער רעוואָלוציע, פראַנקרייך די באַפרייערין פון דער מענטשהייט, פראַנקרייך געגערט פון די גרויסע פרינציפּן פון דער וועלט; און עס איז פאַראַן אַן אַנדער פראַנקרייך: די באַזיגטע, די דערנידעריקטע, וואָס שלעפּט איר קייט שוין פון פערצן הונדערט יאָר, וואָס בענקט נאָך יושר און נאָך פרייהייט און ווערט געטריבן פון דעספּאָטן אויף די שלאַכטפעלדער, כדי צו פאַרגיסן איר בלוט כלומרשט פאַר פרייהייט — און אָט די פראַנקרייך האָב איך ליב".

לעאָן גאַמבעטאַ, דער גרויסער פראַנצויזישער פאָלקס-טריבון האָט געזאָגט די ווערטער מיט פופציק יאָר צוריק. און פופציק יאָר שפּעטער האָבן זיי נאָך אַלץ דעם אייגענעם מעטאַלישן קלאַנג, דעם אייגענעם זין.

די וועלט איז תמיד געווען געשפּאָלטן אין אירע געפילן און איר באַציונג צו פראַנקרייך. פון איין זייט פראַנקרייך פון די גרויסע געדאַנקען, פון אַן אַלטער און אייביק יונגער קולטור, אַ דערציערין, אַ פירערין, פול מיט חן און מיט גראַציע, שיין אפילו ווען זי קנייטשט דעם שטערן.

פון איין זייט פראַנקרייך פון אַנאַטאָל פראַנס און ערנעסט רענאַן און הענרי פּואַנקאַרע, און פון דער צווייטער — פראַנקרייך פון נאַפּאָלעאָן, ריימאָן פּואַנקאַרע, דעם פאַרביסענעם האַסער.

און מיר, — וואָס קאָנען נישט האָבן די שטימונג פון גאַמבעטאַ — ווערן מבולבל און ווייסן נישט, וואָס איז פראַנקרייך פאַר אונדז און וואָס זאָל זיין אונדזער באַציונג צו איר.

אָבער אָט קומט פראַנקרייך און דערמאָנט: ערנעסט רענאַן, איינעם פון די זעלטנסטע גייסטיקע פירער, וואָס אייראָפּע האָט אַרויס־געגעבן, דעם היסטאָריקער, דענקער און שרייבער.

מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק איז רענאַנס נאָמען געווען אַ פאָן און אַ סימבאָל. מען האָט אים שטודירט, געלעזן, ציטירט. זיינע ווערטער און פיין־געשניצטע אויסגעטאָקטע פראַזן זענען געווען ווי מינצן, וואָס גייען פון האַנט צו האַנט. און מען האָט אים אויך הייס און ליידנשאַפטלעך באַקעמפט. ער איז געווען אַ מין שיידונגס־ליניע צווישן דעם מאָדערנעם מענטשן און דעם אַלטן; דעם פרייען און דעם אין דאָגמעס געפּענטעטן.

עס קומט זעלטן פאָר, אַז אַ וויסנשאַפטס־פאָרשער, אַ היסטאָרי־קער, בפרט נאָך אַ היסטאָריקער פון אַלט־יידישער געשיכטע, זאָל ווערן נישט בלויז דער פּאָפּולערסטער שרייבער פון אַ לאַנד, נאָר אויך אַ גייסטיקער פירער און אַ פאַקל־טרעגער.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער מאָדערנער מענטש, דער פראַנ־צויז, דער דייטש, דער איטאַליענער, צו דער געשיכטע פון דעם „פאָלק ישראל", אָדער אפילו צו דער געשיכטע פון דער עוואַנגע־לישער טראַדיציע? עס איז דאָך פאַר זיי נישט מער ווי אַלטערטום, אַרכעאָלאָגיע. האָט זיך די וועלט שטאַרק געדעשט וועגן פאָרשונגען אי־בער אַלטגריכנלאַנד, אָדער רוים, אָדער דער געשיכטע פון דעם איסלאַם? פאַכמענער האָבן זיך אינטערעסירט, האָבן דיסקוטירט, האָבן זיך גע־היצט — אָבער דער ברייטער עולם, אפילו די אינטעליגענץ, איז גע־בליבן גלייכגילטיק: וואָס איז זיי העקובאַ? ווער באַרירט עס, צי סאָקראַטעס האָט געלעבט אָדער נישט, צי צעזאַר האָט געהאַט אַזאַ כאַראַקטער, אָדער אַן אַנדערן?

אָבער דאָס איז, ווייזט אויס, דער גורל פון דעם יידישן פאָלק. אַליין אַ פּראָדוקט פון אַן אומגעהייערער גייסטיקער ליידנשאַפט — רופט עס אַרויס ליידנשאַפט.

דאָס יידישע פאָלק קאָן זאָגן פון זיך מיט די ווערטער פון ניצשע:

„יאָ, איך ווייס פונוואַנען איך שטאַם.
נישט דערזעטיקט, ווי דער פלאַם,
גלי איך און ברען זיך אויס,
פונק ווערט אַלצדינג אין מיינע הענט,
און אויף אַש ווערט אַלץ פאַרברי

יידנטום איז פייער, עס איז דער „אש־דת״ — און ווער עס רירט זיך צו — ווערט אַליין אָנגעצונדן און צינדט אָן אַנדערע.

ערנעסט רענאַן, דער זון פון ברעטאַן, דער פאַרחלומטער, מיסטישער, פינסטער־גלויביקער פּראָווינץ אין פראַנקרייך, איז צום ערשטן מאָל געקומען אין נאָנטער באַרירונג מיט דעם יידישן „פלאַם״, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין דעם גלחים־סעמינאַר פון סאַן־סולפּיס. דער געוויינלעכער קריסט, קאַטאָליק אָדער פּראָטעסטאַנט טראַכט נישט פיל איבער זיין גלויבן. ער נעמט אים אָן — ווי אַ ירושה, ווי אַ באַקוועמען מיטל נישט צו טראַכטן, ווי אַ וועג, ווי אַן אָריענטירונג אין דער וועלט; אָדער ער זאָגט זיך אָפּ פון אים, אויך נישט טראַכטנדיק, שאָקלט זיך פּשוט אָפּ פון אים און לעבט זיך זיין לעבן ווייטער. מען דאַרף זיין אַ שטאַרקע רעליגיעזע נאַטור, כדי צו קומען אין קאַמף מיט דער רעליגיע. מען דאַרף האָבן אַ באַציונג צום גלויבן, כדי אויפצוהערן צו גלויבן. און ווער קען האָבן אַ נעענטערע שייכות צום גלויבן, ווי אַ גלח, אָדער דער, וואָס גרייט זיך צו זיין אַ גלח? בפרט נאָך, ווען דאָס איז אַ מענטש, ווי רענאַן, אַ מענטש, וואָס איז פול מיט ספקות און האָט אַ געוואַלטיקן אָפּשיי פאַר וויסנשאַפט, פאַר דעם שכל, פאַר דעם פאַקט.

געוויס, עס זענען געווען אַ סך גרויסע געלערנטע, וואָס האָבן געקאָנט פאַרבינדן רעליגיע, אין איר עקסטרעמסטער פאָרם, מיט גענויסטער וויסנשאַפט פון פאַקטן. מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם באַרימטן אַסטראָנאָם סעקי, וואָס איז געווען אין דער אייגענער צייט אויך אַ קאַטוילישער גלח אין רוים — ווי אַזוי ער קאָן פאַרבינדן די צוויי טעטיקייטן: אַסטראָנאָמיע און טעאָלאָגיע. און סעקי האָט געענטפערט: „בשעת איך קוק דורך דעם טעלעסקאָפּ, פאַרגעס איך אָן דעם קריסטנטום, און ווען איך שטיי ביים אַלטאַר — פאַרגעס איך אָן דער זון״.

אָבער דאָס קאָן בלויז דער, וואָס איז נישט קיין גאַנצער מענטש, קיין שעפערישער, לעבעדיקער גייסט. רענאַן האָט נישט געקאָנט שפּאַלטן זיין פערזענלעכקייט. פאַר אים איז די וועלט געווען אָ גאַנצקייט — איינאיינציקער פּראָצעס. נעמט מען אָן די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדע, מוז מען אָפּוואַרפן די טעאָלאָגישע. אָדער פאַקטן און געזעצן — אָדער מופתים.

וואָלט רענאַן געווען אַ ריינער דענקער, אַ מענטש פון דעם שאַרפן שכל — וואָלט דער קאַמף פאַר אים געווען זייער גרינג. ער וואָלט זיך פשוט אָפּגעזאָגט פון זיין אמונה און נישט מער געטראַכט פון איר, אָדער ער וואָלט געשאַפן אַ נייעם סיסטעם און איר אַנטקעגנגעשטעלט דער אַלטער שיטה. אָבער רענאַן איז נישט געווען קיין מענטש פון ריינעם, פאַרעקשנטן דענקען, אַ מענטש, וואָס איז איינגעגלויבט אין זיינע אייגענע געדאַנקען, אָדער, ווי דאָס איז מייסטנס דער פאַל, אין זיינע אייגענע ווערטער. ער האָט געצווייפלט אין אַלצדינג — אפילו אין זיין אייגענעם צווייפל. און דעריבער האָט ער אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג — דעם וועג פון געשיכטע.

ער איז נישט געווען קיין אָריגינעלער פאָרשער. און דערפאַר זענען זיינע באַרימטע ביכער איבער „דעם לעבן פון יעזוס", די „געשיכטע פון קריסטנטום", פון „דעם יידישן פאָלק" נישט קיין דויערנדיקע שאַפונגען. ער האָט נישט געהאַט די נייטיקע געדולט פון אַ פאָרשער, וואָס גיט אָפּ יאָרן אויף קלייניקייטן, וואָס זאַמלט אַ גאַנץ לעבן מאַטעריאַל אויף אַ בנין, וואָס אַן אַנדערער וועט אפשר אַמאָל בויען — ער איז געווען אַ פּאָעט אין דער פאַרקליידונג פון אַ פאָרשער. פאַר אים איז די אויסערע געשטאַלט, דאָס בילד, די „התגשמות", געווען פיל וויכטיקער, ווי דער ווירקלעכער אמת. און ווען מען לייענט היינט זיינע ביכער, זעט מען, ווי ער האָט געמאַכט פעלערן אויף שריט און טריט.

אָבער איינס האָט ער געטאָן — און דאָס איז זיין אומגעהייערער פאַרדינסט: ער האָט גענומען דאָס קריסטנטום, וואָס איז פריער געווען אַ רעליגיע, און געמאַכט פון אים — ליטעראַטור. עס איז געווען דער פאַרקערטער פרינציפּ פון די גרינדער פון דעם קריסטנטום. זיי — די מחברים פון די אַפּאָסטעל-אַקטן, פון די עוואַנגעליען — האָבן גענומען ליטעראַטור, ד. ה. לעגענדעס, מעשיות, ספּורים, הימנען, און האָבן פון זיי געמאַכט — הייליקע ביכער, רעליגיע. פונקט ווי דאָס יידנטום האָט געמאַכט פון די שענסטע ראָמאַנען, ווי די מעשה וועגן מרדכי און אסתר, פון רות, פון יהודית א. אז. וו. נאַציאָנאַלע הייליקטימער.

רענאַן האָט אַוועקגענומען ביי די עוואַנגעליען בלויז זייער הייליקייט. ער האָט נישט געלייקנט די היסטאָרישע עקזיסטענץ פון

קריסטוס, ער האָט נישט געוואָלט אים מבטל זיין — ער האָט אים בלויז געמאַכט פאַר אַ פיגור פון אַן אַלטן אָריענטאַלישן ראָמאַן. ער האָט אים אויסגעמאָלט שיין, אַזוי שיין, ווי ער איז קיינמאָל נישט געווען אין די וואַנגעליען, און ער האָט אַמאָל אַליין געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט זיין — רענאַנס — „יעזוסעס לעבן" לערנען אין די שולן אַלס אַ מוסטער פון אַ רעלי־גיעזער ליטעראַטור. אָבער אין דעם וואָרט איז געווען אַן אומגע־הייערע איראָניע, אַ פולשטענדיקער ביטול פון דעם קריסטנטום. ער האָט געוווסט, וואָס ער האָט געטאָן: ער האָט צוגענומען ביים קריסטנ־טום זיין רעליגיעזן ווערט.

נאָר ביים קריסטנטום? זיין קריטיק איז געגאַנגען ווייטער — ביז צו די וואָרצלען. ער האָט אויך דאָס יידנטום נישט געשאַנעוועט. און ווידעראַמאָל — נישט דורך אַ שטרענגער און פעסטער לייקע־נונג, נאָר דורך באַשרייבונג. ער האָט בלויז אַרויסגענומען דאָס יידנטום פון זיין סיני־אַטמאָספער. ער האָט געשריבן פון דעם יידישן פאָלק — אַ פאָלק צווישן פעלקער, וואָס האָט אין אַן אָריענטאַלי־שער אַטמאָספערע, געטריבן דורך היסטאָרישע נויטווענדיקייטן — גע־שאַפן אַן אייגנאַרטיקע וועלט־פאַרשטעלונג. איין צייט און איין סביבה האָבן זי געשאַפן — אַן אַנדערע קאָן זי צעשטערן און דאַרף זי צעשטערן. דאָס איז געווען דער לעצטער, דער אייגנט־לעכער געדאַנק פון רענאַן. אי דאָס יידנטום, אי דאָס קריסטנטום זענען היסטאָרישע דערשיינונגען — און דערשיינונגען הייבן זיך אָן און ענדיקן זיך. זייער סוף איז געקומען.

אָבער, מערקווירדיק, ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דערדאָזיקער דערשיינונג. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז עס טוט אים באַנג, אַז ער האָט חרטה, וואָס ער האָט אַ גאַנץ לעבן אַוועק־געגעבן אויף דער אויספאָרשונג פון דעם יידנטום און קריסטנטום. און אין זיין באַרימטער „תפילה" אויף דעם אַקראָפּאָליס אין אַטען איז ער מתפלל צום „גריכישן גייסט", צו דעם גייסט פון שיינקייט, פון פאָרם און פון שכל.

דאָס זענען אָבער געווען בלויז פאַרבייגייענדיקע שטימונגען. דער אמתער רענאַן האָט קיינמאָל נישט געקענט אַוועקגיין פון דעם יידישן גייסט. עס האָט אים געצויגן צו אים, אפילו ווען ער האָט אים באַקעמפט — פונקט ווי ער האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין פון

גאָט, אפילו ווען ער האָט איראָניזירט איבער אים. „אַלצדינג איז מעגלעך", — זאָגט רענאַן אין איינעם פון זיינע ביכער, — „אַפילו גאָט אויך. און ווען גאָט עקזיסטירט, מוז ער זיין גוט און מוז ער זיין גערעכט". זיין גאַנצע אויפפאַסונג איז געווען מער יידיש, ווי קריסטלעך, און נאָכמער, ווי „גריכיש". אפילו אין זיין איראָניע, אין זיין סקעפּטיציזם, אפילו אין זיין שכל־פאַרערונג און אין דערזעלבער צייט אין זיין ספק בנוגע צום שכל.

עס איז די „קהלת־פילאָזאָפיע", וואָס ער האָט אָנגענומען, און ווייסנדיק, נישט־ווייסנדיק, געוואָלט אַרויפצווינגע אויף דער מאָדערנער וועלט.

און אויך זיין טיפער פעסימיזם איז נישט גריכיש־איראָפּעיש און נישט קריסטלעך. און ווייניקער פון אַלעמען — זיין באַציונג צו דער דעמאָקראַטיע. אויב עס איז דאָ אַ דערשיינונג, וואָס איז באמת פרעמד דעם יידישן דענקען — איז דאָס די דעמאָקראַטיע אין איר פּראָטעסטאַנטיש־קריסטלעכער אויפפאַסונג: די דאָגמע פון גלייכקייט. דאָס יידנטום איז אַן אַריסטאָקראַטישע וועלטאָנשויונג. די ווייניקע, די אויסגעקליבענע פירער — זיי באַשטימען דעם גורל פון דער וועלט, זיי שאַפן די קולטור. די „מאַסע" פאָלגט, זי ווערט געפירט. זי איז בלויז „מקבל די השפעה". איר לעבנספרייד איז: „נעשה ונשמע" — טאָן, כדי דערנאָך רייף ווערן פאַרשטיין. דאָס איז נישט די אַריסטאָקראַטיע פון כוח — ווי ביי די איראָ־פּעישע פעלקער, נאָר די אַריסטאָקראַטיע פון גייסט. און וואָס איז דען די נייע „דעמאָקראַטיע" מער ווי אַ פאַרקליידטע „אַריסטאָקראַ־טיע פון כוח" — דעם כוח פון צאָל, דעם כוח פון געלט? דער אייגענער אַנטי־יידישער פּרינציפּ — נאָר אין אַן אַנדער פאָרם.

רענאַן האָט עס דערפילט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער „שלטון השכל", די הערשאַפט פון דער שאַפנדיקער אידעע קאָן נישט צוזאַמענגיין מיט דער „הערשאַפט פון דער צאָל" — און זיין גאַנצע סאָציאַל־פילאָזאָפישע אַרבעט איז געווען אַ שטענדיקער קאַמף אַקעגן דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע. עס איז געווען דער אייגענער קאַמף, וואָס קאַרלייל האָט כמעט אין דער אייגענער צייט געפירט אין ענגלאַנד. אָבער די מעטאָדן זענען געווען פאַרשידן, און אויך די צילן. קאַרלייל האָט געדונערט — רענאַן האָט געשמייכלט: קאַר־לייל האָט געוואָלט אַ מין „ממלכת כהנים" — רענאַן אַ געמיינדע

פון פרייע, פון דענקענדיקע מענטשן, געפירט פון חכמים, פון געלערנטע, פון קינסטלער און פילאָזאָפן. קאַרלייל האָט געקוקט צוריק — האָט אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט — רענאַן האָט געהאַט אין אויג די צוקונפט. די פאַרגאַנגענהייט איז טויט, זי איז אַ פּאַסיווע ירושה, מען מוז זי אויסנוצן — אָבער דאָס שענסטע און דאָס בעסטע מוז ערשט דערגרייכט ווערן — די וועלט איז אייביקע באַוועגונג.

עס וועט קומען אַ צייט — זאָגט רענאַן — און „גאָט וועט זיך סוף כּל סוף באַווייזן". מען מוז נאָר וואַרטן, מען מוז האָבן געדולט, האָפן און גלויבן. פריער אָדער שפּעטער און די מענטשן וועלן פאַרשטיין, אַז „גוטסקייט איז דער בעסטער חלק".

דאָס איז געווען זיין חלום, זיין אוטאָפּיע. און דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט — איז זיין דרשה, זיין אוטאָפּיע געוואָרן פאַר אונדז, היינטיקע, נאָכמער בויטוועגדיקייט, ווי פאַר זיין אייגענער צייט. רענאַן דער היסטאָריקער, רענאַן דער שפּראַכפאָרשער, רענאַן דער טעאָלאָגישער קריטיקער האָט פאַרלוירן זיין ווערט — אָבער רענאַן דער וווּנדערבאַרער איראָניקער, דער מוטגעבער, דער שמייכלענדיקער טרייסטער און רופער צו האָפענונג — דער רענאַן — איז אַ לעבעדיקע, באַוועגנדיקע, ווירקנדיקע קראַפט פאַר פראַנקרייך, פאַר אייראָפּע, פאַר דער גאַנצער מאָדערנער וועלט.

אַנאַטאָל פראַנס.

אַנאַטאָל פראַנס איז טויט. אַ לעצטער, אַ פאַרענדיקער. פאַרענדיקט אַ צייט, אַ סטיל, אַ גאַנצע וועלט פון אידעען און באַציונגען, אַזוי פאַרענדיקט, אַזוי קונסטפול פאַרמאַכט דעם טויער, און מיטגענומען מיט זיך דעם שליסל. אַ גאָלדענער שליסל — אָבער פאָרט אַ שליסל.

מען שרייבט איבער אַנאַטאָל פראַנס. מען רופט אים „מייסטער", מען רימט זיין אייניציקן, זיין אומפאַרגלייכלעכן סטיל, מען גיט אָפּ כבוד צו זיי נאָמען. אָבער זעלטן האָט עמעצער פון דער היינטיקער צייט אַ באַציונג צו אים, פונקט ווי מ'האָט נישט קיין באַציונג צו די וואונדערשיינע גריכישע וואַזעס, וואָס שטייען אין די מוזייען פון דעם וואַטיקאַן, אָדער פון נעאַפּאָל: פאַר דעם קונסט-היסטאָריקער אַן אָביעקט פון רירנדיקער ליבע — אָבער פאַר דעם געוויינלעכן באַאָבאַכטער בלויז אַ קוריאָזיטעט, און דערצו נאָך אַ באַאומרויִקנדיקע: צו שיין איז די וואַזע, צו גוט געמאַכט, צו איידל.

מען דאַרף זיין אַזאַ פיינער, אַזאַ נערוועזער, אַזאַ טיף-גראָבנדיקער דענקער, ווי געאָרג זימעל — דער באַציונגס-זוכער — כדי אַריינצוטראַכטן זיך אין דער מעטאַפיזיק פון אַ וואַזע, פון אַ הענטל פון אַ קריגל, ווי ער האָט עס געטאָן אין זיין מייסטערהאַפטן עסיי איבער דעם „הענטל", אַט דעם הענטל, וואָס פאַרבינדט ריינע פאָרם מיט אינהאַלט, קונסט מיט לעבן, פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט; אָדער מען מוז זיין אַ קינסטלער, וואָס וועבט אַרום די וועלט פון אונדזער דערפאַרונג מיט אַ געוועב פון ווייטע, קוים באַמערקבאַרע באַציונגען און שטימונגען — וואָס זענען דאָך אויך בריקן פון זיך צו דעם גרויסן, אייביקן און סודותדיקן אויסער אונדז.

נאָר אַזוי קאָן מען האָבן אַ צוטריט צו דעם, וואָס אַנאַטאָל פראַנס האָט געשאַפן. נישט פאַרשטיין — פאַרשטיין איז קיין וואָרט נישט. וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין אין יעדן קינסטלער? און בפרט נאָך אין אַ קינסטלער, וואָס האָט נישט געפונען קיין נייע וועגן, קיין נייע וועלטן, וואָס האָט נישט געזאָגט גאָרנישט, וואָס מען האָט פריער נישט געזאָגט פאַר אים?

אַנאַטאָל פראַנס האָט גאָרנישט מחדש געווען. נישט אַלס קינסט־לער, נישט אַלס דענקער, אפילו נישט אַלס סטיליסט. אַלצדינג, וואָס איז זיינס — איז נאָר האַלב זיינס. ער האָט געשעפּט מיט אַ ברייטער האַנט אין די אוצרות פון דער וועלט־קולטור. ער האָט אַרויס־גענומען נישט בלויז רוי־מאַטעריאַלן, וואָס מען דאַרף שלייפן און באַאַרבעטן, נאָר אויך פאַרטיקע קונסטווערק — וואָס מען דאַרף בלויז איינאָרדענען. אָפט דערמאָנט זיין שרייבן אָן דעם שפּיל פון אַ קינד. שטיינדלעך פון אַלערליי קאָלירן ליגן פאַר אים און ער שפּילט זיך מיט זיי, מאַכט מיט און פון זיי פאַנטאַסטישע בילדער, קעסטלעך, פיגורן. די שטיינדלעך זענען געגעבענע — בלויז די פאָרם איז זיינע.

מען האָט אין פראַנקרייך אמאָל געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן דעם באַרימטן פּאַבלען־דיכטער לאַפאָנטען: „ער שאַפט נישט, ער פאַרענדיקט“. לאַפאָנטען האָט כמעט קיינמאָל נישט אויסגעטראַכט קיין „מעשהלעך, קיין פאַבלען. ער האָט זיי גענומען פאַרטיקע ביי עזאָפּ, ביי לאָקמאַן, אומעטום, ווו ער האָט נאָר געפונען. אָבער ער האָט זיי דערציילט אַנדערש. ער האָט אין זיי אַריינגעלייגט אַן אַנדער זין, אַריינגעפירט זיי אין אַ נייער אַטמאָספערע און ער האָט זיי פאַרענ־דיקט — דערפירט זיי צו אַזאַ פולקאָמענהייט, אַז ווייטער קאָן מען גאָרנישט גיין.

אַנאַטאָל פראַנס איז אויך געווען בלויז אַ פאַרענדיקער. שטאָפּ־לעך — און געדאַנקלעך. נעמט אַלע זיינע דערציילונגען — איינע נאָך דער אַנדערער — און איר וועט געפינען גאָר גיך דעם קוואַל, פונוואַנען זיי זענען געשעפּט. אַמאָל איז דאָס אַן אַנעקדאָט אין אַ גריכישן בוך, אַמאָל אַ מעשהלע אין אַ מיטלאַלטערלעכער כראָניק, און אַמאָל אויך נענטער — גאָר נאָנט, פון אונדזער צייט. ער האָט אפילו נישט געוואָלט פאַרדעקן דעם ברונעם. פאַרקערט — ער האָט

געלאָזט אָפּן דאָס דעקל און גערופן אַלע, וואָס ווילן בלויז — אַריינקוקן אין דער טיף. גערופן מיט אן איראָנישן בליק אין דעם אויג, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז זעען דאָס, וואָס ער האָט געזען, קאָנען נאָר די, וואָס האָבן אזא אויג, ווי ער. און ער האָט געצווייפלט, צי עס וועלן זיך געפינען אַ סך אייגן אַזעלכע.

אָבער אויך געדאַנקלעך איז ער געווען א פאַרענדיקער. ער איז געווען, ווי מען האָט אים אָנגערופן, אַ „סקעפּטיקער". אָבער איז ער געווען דער איינציקער? קאָן מען אין פראַנקרייך איבעררעדן מיט סקעפּטיציזם? האָט זיך דאַרט די גאַנצע ליטעראַטור נישט אָנגעהייבן מיט איינעם פון די גרעסטע פאַרפישופער — סקעפּטיקער פון אַלע צייטן: מאָנטען? הייבט זיך נישט אָן די פראַנצויזישסטע פון אַלע פילאָזאָפיעס, דער סיסטעם פון דעקאַרט, מיט די ווערטער: „איך צווייפל"? און איז וואָלטער, רענאַן, דאָס גאַנצע נײַנצעטע יאָרהונדערט נישט געווען — צווייפל, איראָניע?

אַלע געדאַנקען פון אַנאַטאָל פראַנס — איבער מענטש און וועלט, גלויבן און דענקען, איבער גאָט און לעבן — זענען שוין, אין דער פאָרם אָדער אַן אַנדערער, געזאָגט געוואָרן — אין פראַנקרייך — פאַר אים.

ער האָט אויך נישט געוואָלט זאָגן „נייס". ער איז געווען צו קלוג דערצו. אַזוי קלוג, אַז ער האָט נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון נייס. ער האָט נישט געהאַט אין זיך דאָס ביסל באַשרענקטקייט, וואָס איז נייטיק — אויב מיר זאָלן גלויבן געטען — צו זיין אַ זשעניע. אָט די באַשרענקטקייט, וואָס פאַרמאַכט פאַר דעם אויג אַ טייל פון דער וועלט און צווינגט אים זיך צו קאָנצענטרירן אויף דעם געבליבענעם, קלענערן, איינגעצאַמטן טייל. און זעענדיק ווייניקער — מוז מען זען מער, אינטענסיווער, טיפער.

עס איז אפשר פאַלש — אָבער עס איז אַ נייע באַציונג. און מען רופט דאָס אָן — שאַפונג.

אַנאַטאָל פראַנס האָט צופיל געזען, צופיל געוווּסט. אַלע וועגן פאַר דער מענטשלעכער אנטוויקלונג זענען אים געווען באַקאַנט — מענטשלעכע חכמה און מענטשלעכע נאַרישקייט, גרויסקייט און קלייניקייט, אילוזיעס און אַנטטוישונגען. און וויסנדיק דאָס אַלץ, האָט ער זיך געפרעגט די אַלטע קהלת-פראַגע: מה יתרון? און האָט גע-

ענטפערט מיט דעם פונקט אַזוי אַלטן ענטפער פון דעם גריכישן סקעפטיקער פּיראָן: „אודען מאַלאָן" — גאָרנישט איז בעסער — איינס ווי דאָס אנדערע. אזוי אָדער אַזוי — אַלצאיינס.

אַלט — אָבער אָן אַ פאָרם. אנאַטאָל פראַנס האָט די אַלטע געדאַנקען און שטימונגען — אייביקע ווי די וועלט, געדאַנקען, וואָס זענען אויסגעוואקסן נישט קיין פארדאַרטע — און וועלן ווייטער וואַקסן, אפילו ווען מען וועט זיך געבן די גרעסטע מי אַרויסצורייסן זיי מיטן וואָרצל — אָט דאָס אַלץ, וואָס די גרויסע שטימונגס- און סטיל-מייסטער פאַר אים האָבן אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט, — איבערגענומען און איינגעקליידט זיי אין אַ נייער פאָרם, אין אַן איינגנאַרטיקן געוועב — מיט אזא שיינקייט און גראַציע, אז זיי זענען געוואָרן שפּאגלנײ.

דאָס, וואָס מאָנטען האָט געזאָגט אין זיין צעריסענער, אַנעקדאָטישער, אומקינסטלערישער פאָרם, דאָס, וואָס וואָלטער האָט אזוי הויך, צו הויך, צו שאַרף אויסגעשריען אין אַלע גאַסן, דאָס, וואָס רענאַן האָט באַפּוצט מיט געלערנטקייט, פאַרשטעלט פאַר אמתער געשיכטע — דאָס אלץ האָט אנאַטאָל פראַנס איבערדערציילט אין דעם טאָן פון אַ מאָדערנעם מענטשן, וואָס ווייסט דעם ווערט פון אַלע ווערטן און שמייכלט איבער זיין אייגענעם ווערק.

לאַכנדיק זאָגן דעם אמת — דאָס איז געווען דער העכסטער אידעאַל פון אַלע פּאָעטן. אָבער לאַכנדיק זאָגן — אז דער אמת אליין איז קיין אמת נישט, אַז דער גאַנצער אומגליק פון דער וועלט איז, וואָס מען נעמט דעם אמת צו ערנסט — אָט דאָס האָט נאָר אַנאַטאָל פראַנס געקאָנט. און קיינער האָט דאָס אים נישט געקאָנט נאָכמאַכן.

מען קאָן זייער גרינג נאָכמאַכן וואָלטער און רענאַן. און מען האָט זיי נאָכגעמאַכט. גאַנצע דורות שרייבער זענען אויפגעוואַקסן אויף זיי. אָבער מען קאָן נישט נאָכמאַכן אַנאַטאָל פראַנס. מען מעג וויסן אַקוראַט, ווי ער האָט עס געמאַכט, ווי ער האָט געזאַמלט מאַטעריאַל, צונויפגעשטעלט אים, זיך געשפּילט מיט אים, מען מעג דערקענען יעדעס שטיינדעלע באַזונדער — אָבער דער מאַטעריאַל איז דאָ — די ווערמער, די ווערטלעך, די געדאַנקען אפילו — עס פעלט בלויז די האַנט, די וווּנדערבאַרע האַנט פון דעם קינסטלער.

אַנאַטאָל פראַנס האָט אָנגעשריבן „טאַיס", אַ מעשה פון אַ היי-
ליקן און אַ קורטיזאַנקע. א סך האָבן געפּרוּווט נאָך אים שרייבן
אַזעלכע זאַכן, דער שטאָף איז גרינג צו באַקומען, לאָקאַל=פאַרב, הי-
סטאָרישער דעטאַל — אַלצדינג איז אָנגעגרייט, אָבער פאַרגלייכט דעם
רעזולטאַט. איך האָב געלייענט פונקט אַזאַ מעשה — אָנגעשריבן פון
אַ זייער פיינעם שרייבער — עסאַ דע קעראָש. ביי אַנאַטאָל פראַנס
איז דער העלד געווען דער „הייליקער פּאַפנוציוס", ביי עסאַ דע
קעראָש איז עס דער „הייליקער אָנופריוס". אפשר — אָדער זיכער —
איז דער פּאָרטוגעזישער שרייבער געווען געטרייער צו דעם מיטל=
אַלטער — אָבער דער סטיל, אָבער די שטימונג! איך לייענט אי=
בער די מעשה פון דעם „הייליקן אָנופריוס", אַ הייליקער, וואָס האָט
געוואָלט פּרעדיקן הייליקייט דווקא אין בתי=זונות — און עס בלייבט
איבער אין קאָפּ אַ מעשה — אָדער אַ בילד, אָבער פון „טאַיס"
בלייבט אַ מערקווירדיקע שטימונג — טרויעריקייט און פריידיקייט,
זונשטראַל און זיסקייט און שכל — אַזויפיל פאַרשטיין.

אָדער פאַרגלייכט דעם קליינעם בוך פון אַנאַטאָל פראַנס „דער
ברונעם פון דער הייליקער קלאַראַ" מיט דער „געשיכטע פון דעם
רענעסאַנס", ווי זי איז אָנגעשריבן פון די גרעסטע היסטאָריקער,
אפילו פון יעקב בורקהאַרדט, אָדער פּאַסקאַל ווילאַר! אין איין קליי-
נער דערציילונג האָט אַנאַטאָל פראַנס איבערגעגעבן דעם עצם פון
דער מערקווירדיקער רענעסאַנס=צייט בעסער און וואָרער, ווי די הי-
צייט=שאָל, אָפּגעריסן זי פון אונדז, און אַ פרעמדע, אומפאַרשטענד=
לעכע שטייט זי פאַר אונדז. אַנאַטאָל פראַנס האָט זי ווידער באַ=
דעקט מיט לעבעדיקע בלעטער, און זי — און מיר, די צייט, וואָס
איז געווען, און די, וואָס איז — פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צו=
קונפט, ווערט איין געשפּראָך, מיט דער פאַרביקייט און גאָרנישט צו
באַשטימענדיקן ריח פון לעבן.

דעמאָלט — אין דער צייט פון רענעסאַנס — איז אויך, ווי
היינט און ווי מאָרגן און ווי תמיד, געווען די פראַגע: וואָס איז
אמת. און אַנאַטאָל פראַנס גיט אַ בילד: דער אמת=זוכער דזשיאָ=
וואַני האָט דערזען אַ דערשיינונג — אַ ראָד מיט אמתן. ווי אַ לאָ=
טעריע=ראָד, אַלערליי אמתן: רויטע, שוואַרצע, געלע — בלויז נישט

קיין ווייסע. און דזשיאָוואַני האָט געזיפצט: ווען איך דען קיינמאָל נישט זוכה זיין צו זען אויף דעם וועלט־ראָד דעם ריינעם און ווייסן אמת, דעם כשרן און קלאָרן, דעם אמת, וואָס אין בוך? בשעת ער האָט געזיפצט און געקרעכצט האָט זיך דער ראָד אָנגעהייבן דרייען מיט אַ ברויזנדיקער געשווינדקייט. אַזוי גיך — אַז די אויגן האָבן שוין גאָרנישט געזען — אַ חוץ איינאיינציקן ווייסן פלעק. און דאָס איז געווען דער „ווייסער אמת״, וואָס די נשמה פון דזשיאָוואַני האָט געזוכט.

מען דערזעט אים נאָר דעמאָלט — ווען מען הערט שוין אויף צו זען די איינציקע לעבעדיקע אמתן, ווען מען זעט שוין גאָרנישט.

* *
*

מען זאָגט — עס איז נישט גענוג. מען זאָגט — עס איז אומפּרוכטבאַר. עס קאָן זיין. קיין נייע דערפינדונגען מאַכט מען נישט מיט אַזאַ פילאָזאָפיע. און קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען לייזט מען נישט מיט אַזאַ באַציונג.

אָבער אַנאַטאָל פראַנס האָט דאָס אויך נישט געוואָלט. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז די ראָד וועט זיך דרייען, מוז זיך דרייען, אַז אַמאָל וועט דער רויטער אמת און אַמאָל דער שוואַרצער פאַרכאַפּן די הערשאַפט איבער דעם מענטשן. אַזוי דאַרף עס זיין. אַזוי איז עס. ער האָט אויך נישט געוואָלט ברענגען קיין נייעם אמת — ווייס אָדער אַנדערש — צו דער אמת־דורשטיקער וועלט. ער האָט בלויז איין זאַך געוואָלט: ווייזן דעם מענטשן די טעכניק פון די פאַרבן — געניוער — די מאַשינעריע פון דעם ראָד.

ער האָט געוואָלט פאַרגלעטן די באַרבאַריי פון דער וועלט. זי איז באַרבאַריש ביז צום פונדאַמענט. נישט בלויז דער מענטש — די נאַטור איז באַרבאַריש. „די נאַטור איז שלעכט, דער מענטש פאַרבעסערט זי״ — דאָס איז געווען זיין גרונט־חקירה. גייט דער מענטש מיט דער נאַטור, מיט דעם אינסטינקט — מוז ער זיין ווי די נאַטור — גרויזאַם, בלוט־דורשטיק, תאווה־זוכנדיק, אָן מיטלייד, אָן באַציונג, בלויז היינט און נישט מער. דער מענטש פאַראיידלט זי.

די נאַטור לאַכט זיך אויס פון ליידן — דער מענטש האָט רחמנות. די נאַטור שאַפט און צעשטערט — דער מענטש היט אָפּ אַזוי ווייט, ווי ער קאָן, דאָס געבוירענע, דאָס אין מי און נויט געשאַפענע. אַזוי ווייט ווי ער קאָן. און דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פון דעם מענטשן — וואָס ער קאָן אַזוי ווייניק.

*   *
*

„ער באַלאַנגט צו אַ פאַרגאַנגענער צייט" — טענהן די „נייע" אין פראַנקרייך און אין דער גאַנצער וועלט. „זיין קונסט איז קיין קונסט נישט", — שרייען די קינסטלער פונם נייעם איך־אימפּעט. „זיין פילאָזאָפיע איז דעלעטאַנטיזם — זי צעשטערט — מיר אָבער יע־נען מענטשן פון טאַט" — פילדערן די קריטיקער פון היינט, די מענטשן, וואָס האָבן זיך נאַר־וואָס געבאָדן אין בלוט, די מענטשן, וואָס זענען פול מיט כעס, מיט אומרו, וואָס מיינען, אַז זיי שאַפן אַ נייע וועלט — ווען זיי צעברעכן דאָס ביסעלע, וואָס די דורות פאַר אונדז האָבן אויף זייערע הויקערס אויפגעבויט.

עס איז נישט אמת — אַז אונדזער צייט איז פאַרשידן. יעדער דור מיינט, אַז ער שאַפט, יעדע צייט נעמט זיך אַ מאָנאָפּאָל אויף „טאַט". אָבער אַלע צייטן — און אונדזערע אין נאָך אַ העכערן גראַד — האָבן איינס געמיינשאַפטלעך: די אייביקע באַרבאַריי. זי לויערט הינטער דעם פאַרקאָן פון דער געשיכטע, הינטער דער וואַנט פון דער קולטור — און טשאַטעוועט אָפּ דעם אויגנבליק אַרײַנצוברעכן זיך און צעשטערן. אין אַ הילצערנעם פערד — ווי אוליסעס אין דער שיינער גאָלד־און מירמלשטיין־באַפּוצטער טראָיאַ, ווי אַטילאַ אין אייראָפּע — ווי די היינטיקע נייע באַרבאַריי אין אונדזער אייגענער וועלט. באַרבאַריי פון ראַסן, פון ווילדן פאַנאַטיזם: פון שוואַרץ און רויט.

און יעדע צייט האָט איר אַנטי־באַרבאַר, וואָס היט אָפּ די אוצרות. און גלויבט, צי גלויבט נישט — ער ווירקט. אפשר, מער ווי דער נביא, וואָס לייגט איין וועלטן און שטורעמט. ווייל סוף כל סוף — נישט אין שטורעם איז גאָט, און נישט אין האַס, און נישט אין צעשטערונג.

גרעסערע קינסטלער האָבן געלעבט, ווי אַנאַטאָל פראַנס, און זיכער גרעסערע דענקער. אָבער זייער ווייניק „פאַרענדיקער", זייער ווייניק אַנטי־באַרבאַרן — וואָס קאָנען זיך גלייכן מיט אים. און דאָס איז — מענטשלעך — העכער, ווערטפולער ווי קונסט און ווי סיסטעם פון דענקען. ווייל העכער פון אַלע ווערטן איז דער ווערט: ל ע ב ן.

ראָמען ראָלאַן.

ווען ראָמען ראָלאַן איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, איז אין פּאַריז אַרויס אַ בוך מיט דעם לאַטייניש נאָמען: „ליבער אַמיקאָרום״ — דאָס בוך פון פריינט. אַ סאָוועניר, אַ געבורטסטאָג־געשאַנק פון דער פראַנצויזישער, פון דער אייראָפּעישער אינטעליגענץ, צו ראָמען ראָלאַן.

נישט בלויז באַוונדערער, נישט פאַרערער פון אַ קינסטלער, נאָר פריינט און מיטקעמפער. פריינט פון דעם מענטשן. די שפּיצן פון דער אייראָפּעישער אינטעליגענץ, פון די וועלט־אינטעלעקטועלע, זענען פאַרטראָטן אין דעם בוך. איינשטיין און ה. ג. וועלס, געאָרג בראַנדעס און מאַקסים גאָרקי, זיגמונד פרויד און זשאָרזש דילהאַמעל — און אַנדערע, געלערנטע, קריטיקער, פּאָעטן אין אַלע לענדער. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן אַ קנאַפּע שייכות צום קינסטלער אָדער אַזעלכע, ווי צ. ב. געאָרג בראַנדעס, וואָס פאַרהאַלטן זיך, אויב נישט נעגאַטיוו, אָבער מיט אַ געוויסער איראָנישער צוריקהאַלטונג צום שריפטשטעלער, אַלס שריפטשטעלער. בראַנדעס מערקט אָן אין זיין בריוו צו ראָלאַן: „מיינע ליבסטע ביכער זענען די, וואָס פאַרלירן זייער פיל פון דער איבערזעצונג״ — זאָגט דער אַלטער קריטיקער. און אין די ווערטער ליגט פאַרבאָרגן אַ שמייכל. עס איז אַ ווונק. און מען קאָן אים גרינג פאַרשטיין. אמתע קינסטלערווערק זענען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. זיי זענען איינציק. מען קאָן זיי נישט קאָפּירן. מען קאָן זיי אויך נישט אויסטייטשן. און אויך נישט פאַרשטיין — ביז צום לעצטן גרונט. און דערפאַר אויך נישט איבערזעצן. דאָס וואָס קלינגט אין אָריגינאַל ריין און פולטעניק, באַקומט אָפט אין דער איבערזעצונג גאָר

אַן אַנדערן — און דאָס מיינט — אַ פאַלשן טאָן. דערפאַר קאָן מען אויך גאָרנישט איבערזעצן קיין עכטע לירִיק. עס בלייבט דער „אינהאַלט", דאָס בילד, דער געדאַנק, אַמאָל אויך אַ רמז אויף דער אורשפּרינגלעכער פאָרם, אָבער דער לעבעדיקער אָטעם איז פאַרשוווּנדן.

ראָלאַנס ראָמאַנען און דראַמען און קריטיקן פאַרלירן אָבער גאָרנישט פון און אין דער איבערזעצונג. מען האָט זיי איבערזעצט כמעט אין אַלע וויכטיקסטע שפּראַכן פון דער וועלט. און איך מאַל זיך אויס, אַז אויף יאַפּאַניש קלינגען זיי פּונקט ווי אויף שפּאַניש; אויף האָלענדיש ווי אויף טשעכיש, און קיין איינציקער לעזער פילט נישט, אַז עפּעס פעלט אים. קיינער וויל נישט לייענען נאָכאַמאָל ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף", אָדער די „פאַרפישופטע נשמה", אָדער „קלעראַמבאָ", א. אז. וו., דווקא אין אָריגינאַל.

דער קינסטלער האָט זיך צו קלאָר אויסגעדריקט; אַזוי קלאָר, אַז עס בלייבט גאָרנישט איבעריק פאַר דעם פאַרטיפן זיך, פאַר דעם וועלן נאָכמער פאַרשטיין, אָדער קאָנען אים מיספאַרשטיין.

און דאָס איז דאָך גראָד דער צייכן פון אַן עכטן קינסטלער: מיספאַרשטאַנען ווערן. ווייל לעבן קאָן גאָרנישט פאַרשטאַנען ווערן.

ראָלאַן האָט אָבער אין זיינע ווערק נישט איבערגעלאָזט קיין שום פלאַץ פאַר אַ טעות, פאַר אַ מעגלעכקייט אַריינצולייגן אין זיי אַנדערע כוונות, ווי די, וואָס ער האָט געהאַט. ער אַליין האָט אויך זיך געמאַכט גרינג די אַרבעט. ער האָט אַריינגעטראָגן אַ פּלאַן, — פּשטות אין זיין אַרבעט. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך מיספאַרשטאַנען. ער האָט געמיינט צו שאַפן קונסט, און האָט געשאַפן קריטיק. אָדער אפילו נישט קריטיק. ראָמען ראָלאַן, דער פּראָפעסאָר פון אַ גאַנצע ריי קריטיש-ביאָגראַפישע שטודיען איבער קינסטלער און קונסטווערק, איבער מענטשן און אידעען (ווי צ. ב. זיין אַרבעט איבער בעטהאָווען, איבער מיקעל אַנזשעלאָ, איבער הענדעל, טאָלסטאָי, גאַנדי א. אז. וו.), איז בטבע גאָרנישט קיין קריטיקער. ער אַנאַליזירט זעלטן, און דאָס אויך אָן שאַרפקייט — דעם מענטשן אין זיין ווערק. ער האָט נישט קיין דירעקטן צוגאַנג צו זיי. ער האָט אויך נישט די אינטעלעקטועלע ליידנשאַפט, וואָס איז

אַזוי הייס, אַזוי שאַרף, אַזוי ביטער. ער זעט בלויז „העלדן" און האָט זיי ליב. ער מאַכט דעם יחיד פאַר דעם פאַרטרעטער פון אַ טיפּ, ריכטיקער, פון אַן אידעע, און זעט זיי אַלע אין אַ קינסטלע־כער, טראַגישער, אויב נישט צו זאָגן, טעאַטראַלישער באַלייכטונג. ער ליובט צופיל — און מיט צו שטאַרקן עקסטאַז. ער האָט תמיד אַ מין לירישן, קלינגענדיקן אונטערטאָן, ער רעדט שטענדיק „גע־הייבן" — ער פּאַסט נישט צו דאָס וואָרט צום אָביעקט, נאָר פאַר־קערט — די וועלט, וואָס ער זעט און וויל באַשרייבן, מוז זיך בויגן צו דעם וואָרט.

און דאָס קומט דערפון, וואָס ראָמען ראָלאַן זעט נישט זייער ברייט און נישט טיף. ער איז מוזיקאַליש. און פאַר דעם מוזיקער איז נישט פאַראַן קיין ווירקלעכקייט. עס איז בלויז דאָ זיין וועלט, זיין אייגענע, אַן אומווירקלעכע. אַ וועלט פון קלאַנגען, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן.

ראָמען ראָלאַן האָט אמאָל — אין זיין צווייטן באַנד פון דעם נייעם ציקל „די פאַרכישופטע נשמה", אין דעם ראָמאַן, וואָס הייסט „זומער", אַליין זיך אַזוי כאַראַקטעריזירט — אפשר נישט באַוווּסטזי־ניק. „יעדער, וואָס האָט זיך איינגעוווינט דערצו", — זאָגט ער, באַ־שרייבנדיק די שטימונג פון זיין העלדין אַנעט — „קאָן זייער גרינג לעבן צוויי לעבנס אין דער אייגענער צייט: איין לעבן פון דער אויבערפלאַך, גלייך ווי? אַנדערע מענטשן, און אַ צווייטן אין די טי־פענישן פון דעם חלום, וואָס איז באַשטראַלט פון אַן אינערער זון. מען לייענט זיי ביידע מיט א קוק, ווי דאָס אויג פון דעם מוזיקער לייענט אַ פּאַרטיטור. לעבן איז אַ סימפאָניע. יעדער מאָמענט פון לעבן איז פאַרשידן".

אַט דידאַקטיקע אַנעט — דאָס איז, אייגנטלעך, נישט קיין אַנ־דערע, ווי ראָמען ראָלאַן אַליין. עס איז די ווירקלעכקייט פון זיין נשמה, וואָס איז געקומען צום דורכבּרוך און צום אויסדרוק, אַ ווייב־לעכקייט, וואָס האָט זיך לאַנג פאַרשטעלט און פאַרקליידט אין מענ־לעכע געשטאַלטן.

ווייל סוף כּל סוף האָט ראָמען ראָלאַן קיינמאָל נישט געשאַפן קיין אמתע מענטשלעכע געשטאַלט, אַ מענטשן פון פלייש און בלוט, מיט אַלע פעלערן און טעותן, מיט דעם גאַנצן פּאַטאָס, אָבער אויך מיט

דער קאַמיק פון אַ מענטשלעכן לעבן. זיין זשאַן קריסטאָף איז דאָך גאָרנישט קיין לעבעדיקער מענטש. ער איז אַ סימבאָל. ער איז אַן אידעע, ער איז אַ מלבוש, אַרויסגעוואַקסן אַרום דעם ווילן פון ראָמען ראָלאַן, דעם ווילן צו זען דאָס לעבן אַזוי ווי ער האָט עס געוואָלט זען.

און ווו ראָמען ראָלאַן האָט געשאַפן אַ מענטשלעכע פיגור — איז דאָס געווען מיט אַ כוונה — צו ציִיגן אַ קונץ, צו ווייזן, אַז „ער קאָן אויך". עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, וואָס ער האָט צוגעגעבן צו זיין איינאיינציקן פריילעכן, פרישן, און פלייש-פאַרביקן בוך, „קאָלאַ ברעניאָן", אַ ציטאַטע פון ראַבלע, אַ ציטאַטע, וואָס זאָל פאַרענטפערן און דערקלערן: ס'טייטש, זאָגט ברודער זשאַן, ס'טייטש דו גראַמסט שוין אויך? — ווי גאָט איז גרויס – איך וועל גראַמען, ווי אַלע אַנדערע — וואָרט אַ ווייל און האָט מיר נישט קיין פאַריבל, אויב איך וועל פאַרבן מיינע גראַמען אין רויט".

און ווען ער גרייט זיך אָנצוהייבן אַ נייע ראָמאַן=סעריע פון ראָמאַן „די פאַרכישופטע נשמה". האַלט ער עס פאַר נייטיק צו זאָגן אין דער הקדמה: „זוכט דאָ נישט קיין טעאָריע, אָדער קיין שיטה".

ער פילט זיין שוואַכקייט — ער ווייסט, וואָס עס פעלט אים צום אמתן קינסטלערטום, און מאַכט יעדעס מאָל אַ פאַרזוך — זיך צו באַפרייען פון דעם אומקינסטלערישן עלעמענט אין זיין שאַפן — און קאָן נישט.

און גראָד דאָס, וואָס ער קאָן נישט — מאַכט אים אַזוי וואָרט=פול, גיט אים אַזאַ בכבודיקן פלאַץ אין דעם גייסטיקן לעבן פון אונזער צייט.

ווייל עס זענען דאָ מאָמענטן אין לעבן, ווען ריינע קונסט איז אַ מותרות. קומט צו אַ טרויעריקן, אַ פאַריאָמערט און ווייזט אים דעם אמתן אמת — און עס וועט אים ווערן נאָך טרויעריקער, נאָך ביטערער אויפן הארצן. קומט צו אַ מענטשן אין צער — און טרייסט אים מיט דער פילאָזאָפיע פון שפינאָזאַ — און פון דעם צער וועט אפשר ווערן יאוש.

עס זענען דאָ צייטן, ווען אילוזיעס, האַלב=אמתן זענען נוצ=לעך, ווייל אַזוי ליב, אַזוי טרייסטלעך, אַזוי פריינטלעך, מענטשלעך.

עס איז דער גלחשער רעליגיעזער וועג. קומען צום מענטשן, רעדן צו אים פון די „אייביקע אמתן", פון „געטלעכער ליבע",

מבטל זיין דעם טרויער, צוזאָגן אים פרייד — אויף נאַיווע מענטשן מאַכט עס אַן איינדרוק. און אָפּט אויך אויף ווייניקער נאַיווע. וואָרים אין דער שעה פון שווערע נסיונות ווערן אַלע מענטשן נאַיוו, ווערט אַפילו וואָלטער אַ גלויביקער.

ראָמען ראָלאַן איז אייגנטלעך אַזאַ מין נשמה-פאַרזאָרגער, אַזאַ טרייסטער (זיי זענען געווען אין דעם פראַנקרייך פון דעם זיבעצעטן יאָרהונדערט אַ גאַנץ באַשטימטער טיפּ) און נערוון-באַרויקער. ער איז אויך אַ מוסרניק, אַ מוכיח — בלויז אין דער שפּראַך פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אין דער פאָרם פון ליטעראַטור.

און דאָס ציט צו אים אַזוי שטאַרק ווייכע, סענטימענטאַלע מענטשן, וואָס שעמען זיך פאַר זיך אַליין מיט זייער סענטימענטאַ-ליטעט. און דאָס האָט אים אויך געמאַכט — אויף אַ ווייל און דווקא אין אַ קריטישן מאָמענט, אין אַ צייט ווען די אייראָפּעישע קולטור איז געשטאַנען פאַר אַ קאַטאַסטראָפע — פאַר דעם וואָרטפי-רער פון דער אומרויקסטער גרופּע פון אייראָפּעישע אינטעלעק-טועלן.

ער האָט געפּרעדיקט אינמיטן פון שטורעם — גוטסקייט און מילדקייט און ברידערלעכקייט. אויך דעמאָלט האָט זיין רוף גע-קלונגען מער פרויענהאַפט, ווי מעגלעך. און עס איז געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס דער שטאַרקער און הייסבלוטיקער פּאָעט ווערהאַרן אָדער דער טיף-שעפּנדיקער דייטשער פּאָעט הויפּטמאַן האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן ראָלאַנס מאָראַל-זיסע פּרעדיקט און האָבן אים געענטפערט ביטער און שאַרף.

זיי האָבן אים געזאָגט — אין זייער שפּראַך: „מיינע קינדער טרינקען זיך אין ים און איר זינגט שירה" — דאָ איז אַ פראַגע פון עלעמענטאַרע ליידנשאַפטן, פון פעלקער, וואָס ווילן פריי ווערן, פון מענטשן וואָס דאַרשטן נאָך נייע האָריזאָנטן, נאָך אַ וועלט-גע-שיכטע, וואָס וויל באַנייט ווערן — און איר רעדט פון ליבע, פון נישט ווידערשטאַנד א. אַז. וו.

געוויס, ראָמען ראָלאַן איז געווען אין עצם גערעכטער, ווי זיינע קעגנער. אָבער ראָלאַן, ווי טאָלסטאָי, ווי גאַנדי, ווי אַלע זיינע פּרעדיקער פון נישט ווידערשטאַנד און גוטסקייט, האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש מוז געבראָכן ווערן אויף צוויי — איי-

דער ער ווערט אַ מאָראַלישער מענטש, אַז דער וועג פון דער פּאָל־קאָמענהייט פירט דורך קאַמף און דורך ליידן.

אָבער — אַזאַ פעלער איז צו פאַרצייען. הלואי וואָלטן מער אַזעלכע פעלער געווען אויף דער וועלט, וואָלט זיכער געווען ווייניקער ליידן, ווייניקער יאוש, מער אילוזיע און פריינטלעכקייט.

ראָמען ראָלאַן פירט זיין שורש פון די פראַנצויזישע „פּיע־טיסטן" און מאָראַליסטן פון דעם זיבעצעטן יאָרהונדערט. זיין פּאָ־טער — איז רוסאָ, אויך אַ פּרעדיקער פון פּשטות און מילדקייט און מענטשנפריינטלעכקייט. אָבער ראָלאַן האָט אויך געהאַט אַ שטיפ־ברודער, און דאָס איז געווען דער באַרימטער „פאָלקספריינט" פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, מאַראַ. ער האָט אויך „ליב גע־האַט" דאָס פאָלק, די מענטשן, און האָט אין דעם נאָמען פון ליבע געפּרעדיקט טעראָר.

ראָמען ראָלאַן איז שיער־שיער נישט נאָכגעגאַנגען זיין שטיפ־ברודער. ער האָט מיט גרויס מי זיך באַפרייט פון דער באָלשע־וויסטישער סכנה, כמעט געוואָרן אַ פּרעדיקער פון אַ נייער „פאָלקספריינטלעכער" תורה. זיין קינסטלערטום — זיין מוזיקאַלי־שער אינסטינקט האָט אים געראַטעוועט פאַר דעם פאַטאַלן שריט.

און ראָמען ראָלאַן איז געבליבן אַ ריינער פריינט פון מענטש־לעכן, פון יעדן לעבן, אַ פריינט פון אַ ליבהאָבער, וואָס מעסט נישט און וועגט נישט: וואָס וועט דידאָזיקע נשמה אַריינברענגען? מיט וואָס איז דאָס לעבן נוצלעך פאַרן פאָלק? לעבן איז לעבן — און הייליק. און דער לעצטער צוועק, דער איינציקער ציל פון דער וועלט. אויסער אים איז גאָרנישט. אַלצדינג איז בלויז אַ ראַם פאַר אים.

ראָמען ראָלאַן האָט דאָס געפילט. און דאָס האָט אים דער־הייבן איבער זיין גאַנצן דור. און ער — אין עצם גאָרנישט דער גרעסטער פון זיי — איז געוואָרן דער גייסטיקער פירער, ניין, דער גייסטיקער פריינט פון די אינטעלעקטועלע אין אייראָפּע. און דאָס אַליין איז שוין אַ מאָנומענט.

אָקטאַוו מירבאָ.

אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט האָבן נישט ליטעראַטור און ליטעראַטן, שריפטשטעלער און קינסטלער אַזאַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג, ווי אין פראַנקרייך.

וואָס איז דען אַ שריפטשטעלער בכלל? צו וואָס טויג זיין אַרבעט? וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעמט זי אין דער וועלט?

איז דער שריפטשטעלער בלויז אַ פרייליך-מאַכער, אַ מעשיות-דערציילער, אַן אויסטראַכטער פון געשיכטן, אָדער, אין בעסטן פאַל, אַ נאָכמאָלער פון דער ווירקלעכקייט?

וואָס איז די טרייבנדיקע קראַפט, וואָס צווינגט דעם שריפטשטעלער צו שרייבן, אָפּגעבן זיין לעבן, זיינע כוחות פאַר דער ליטעראַטור? איז דאָס בלויז דער פאַרלאַנג נאָך רום, בלויז ערגייץ, אייטלקייט, אָדער דאָס יאָגן זיך נאָך אַ „גרינג לעבן”?

קוקט זיך צו צו דעם לעבן פון די גרויסע שריפטשטעלער און איר וועט זען, אַז נישט דאָס זענען זייערע מאָטיוון. באַלזאַק, למשל, האָט זיינע בעסטע יאָרן פאַרבראַכט אין זיין אַרבעטסצימער, תמיד געשריבן, ביז צו דער לעצטער מינוט, קיינמאָל זיך נישט אָפּגערוט, קיין הנאה נישט געהאַט פון עולם-הזה, אַלץ געשאַפן, ביכער אויף ביכער, געדאַנקען אויף געדאַנקען, בילדער אויף בילדער.

צו וואָס? צוליב געלט? ווען באַלזאַק וואָלט אַריינגעטאָן זיין געוואַלטיקן דערקינדונגס-כוח אין מסחר, אין געשעפטן, געשפילט אויף דער בערזע, — וואָלט ער אפשר געוואָרן איינער פון די רייכסטע מענטשן פון פראַנקרייך, וואָלט געקריגן מאַכט, איינפלוס און וואָלט געהאַט פאַרגעניגן פון לעבן.

ווען ער וואָלט געוועגן אַריינלאָזן זיך אין פּאָליטיק — וואָלט

ער זיכער געקאָנט ווערן פּרעמיער־מיניסטער. און ווען ער זאָל זיך געוואָלט ווידמען דער וויסנשאַפט, וואָלט ער אַנטדעקט גרויסע און פּרוכטבאַרע געזעצן. אָבער ער האָט נישט געהאַט די אַמביציעס. ער איז געווען זיך באַוווּסט פון די אומגעהייערע רייכע כּוחות, וואָס די נאַטור האָט אים געגעבן פאַר אַ מתּנה, און האָט זיי אַלע אַוועק־געשענקט דער ליטעראַטור. דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט און געוואָלט זיין, אַ פינאַנסיסט, אַ פּאָליטיקער, אַ וויסנשאַפטס־מאַן, האָט ער גע־לאָזט זיין די העלדן פון זיינע ראָמאַנען. פּונקט ווי אַ פּאָעטער, וואָס איז מקריב זיך אַליין, זיין אייגן לעבן, כּדי זיינע קינדער זאָלן אויסוואַקסן מושלמים...

וואָס האָט אים פאָרט געטריבן דערצו? די פאַנטאַזיע, דער שאַפונגס־אינסטינקט. אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. ער האָט געהאַט נאָך אַן אַנדערן שטאַרקערן מאָטיוו. ער האָט געפילט, אַז די ליטעראַטור איז אַ מער דירעקטער וועג צו ווירקן אויף דער צייט און אויף די קומענדיקע צייטן, ווי יעדע אַנדערע שאַ־פונגס־פאָרם.

ליטעראַטור איז אַ מין צענטראַלפּונקט, אַ ברענפּונקט, אַן אָפּ־טישער פאָקוס, אין וועלכן עס קומען זיך צונויף אַלע שטראַלן.

ליטעראַטור איז דער שיידונגספּונקט פון פּערזענלעכן און אַל־געמיינעם, געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און יעדער אמתער שריפטשטעלער, ד. ה. א שריפטשטעלער, וואָס איז נישט בלויז אַ שרייב־אָנגעשטעלטער פון דער געזעלשאַפט, אַ שריפטשטעלער, וואָס שאַפט פריי און ווייל ער וויל, איז אויף איין אופן, אָדער דעם אַנדערן אַ געזעלשאַפטלעכע מאַכט. ער שאַפט אָדער צעשטערט, בויט אָדער וואַרפט אום, גיט דעם לעבן נייע קאָ־לירן, נייע פאָרמען, אַ נייעם אינהאַלט צו די אַלטע אַלטעגלעכע דערשיינונגען.

ווו די געזעלשאַפט איז לעבעדיקער, באַוועגלעכער, ווו דער יחיד גיט זיך אָפּ דין וחשבון פון דעם כּלל אין זיין באַציונג צו אים, איז דער שריפטשטעלער אַ גרעסערע מאָראַלישע קראַפט. און דערפאַר האָט אין פראַנקרייך דער שריפטשטעלער אַזאַ אומגע־הייערע באַדייטונג. ווער זענען די פירער אין פראַנקרייך, די מענטשן, צו וועמען מען הערט זיך צו אַמשטאַרקסטן? דאָ זענען געווען אין דעם 18-טן יאָרהונדערט: וואָלטער, דידעראָ, דיאַלאַמבער, — שריפט־

שטעלער, וועלכע האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע; דאָס זענען אין 19־טן יאָרהונדערט: וויקטאָר הוגאָ, לאַמארטין, פלאָבער; דאָס זענען היינט אַנאַטאָל פראַנס, באַרעס, ראָמען ראָלאַן, ראָסטאַן, א. אז. וו.

און איינער פון די, צו וועמען מען האָט זיך אַמשטאַרקסטן צוגעהערט, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע ליטעראַריש־סאָציאַלע ווירקונג, איז געווען דער נאָר וואָס פאַרשטאָרבענער ראָמאַניסט, דראַמאַטורג און קריטיקער — אָקטאַוו מירבאָ (געבאָרן אין 1850).

אויסגעוואַקסן אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, ביי אַ פאָטער אַ דאָקטאָר אין אַ קליינער, דרום־פראַנצויזישער שטאָט, דערצויגן אין אַ יעזויטישער שולע, איז דער יונגער מירבאָ אוועק קיין פאַריז, ווו ער האָט זיך גענומען צו שטודירן יוריספרודענץ און נאָך בעסער — דאָס נאַכטלעבן פון פאַריז. ער האָט עס גרינטלעך שטודירט אין אַלע זיינע פאָרמען און געשטאַלטן, דער פאָטער האָט אים באַצייטנס געראַטעוועט פון רויִן. ער האָט אים אַוועקגעפירט אויף אַ צייט קיין שפּאַניע.

ער איז געווען איינער פו די ערשטע, וואָס האָבן אָפּגעשאַצט נאָך זייער ווערט די גרויסע מאַלער פון די מאָדערנע: סעזאַן, מאַנע, מאָנע א. אז. וו. ער האָט שוין דעמאָלט, ביים ערשטן אַרויספאָר, באַוויזן זיין חוש פאַר דעם ג יי ע ם.

אָבער ס'האָט אים געצויגן אַוועק פון דער פאַפּירענער פאַנטאַזיע־וועלט צו דעם רעאַלן, ממשותדיקן לעבן. און ער האָט אַוועקגעוואָרפן די ליטעראַטור און איז אַריין אין דער פאַרוואַלטונג, באַקומען אַ שטעלע אַלס אונטערפּרעפעקט אין אַ דרום־פראַנצויזישן אָרט. דאָס איז אַ ריין פאָליטישער פּאָסטן. דער פּרעפעקט אין פראַנקרייך האָט די אויפגאַבע צו לייטן די פאָליטישע געזיבונג פון זיין בעצירק, לויט די אַנזיכטן פון דער רעגירונג.

און דער ליטעראַרישער פּרעפעקט האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צוצוקוקן זיך פון דער נאָענט צו די הינטערקוליסן פון דעם פּאָליטישן לעבן אין דער בורזשואַזער פראַנצויזישער רעפּובליק; ז ע ן פנים צו פנים די מענטשן, די, וואָס האָבן געלט און מאַכט און איינפלוס, און די, וואָס ווערן געטראָטן; די רייכע און די אָרעמע, די בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט.

און ס'איז אין אים געוואַקסן אַ פּראָטעסט, אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג. פריער איז ער גאָרנישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער.

ער פלעגט אַפילו שרייבן אין אַנטי־רעפּובליקאַנישע צייטונגען און איז געווען פּאָליטיש אומאָפּהענגיק.

אָבער די דערפאַרונג האָט אים אויסגעלערנט. ער האָט פאַרשטאַנען, וווּ דער שורש פון דעם ליידן פון דער היינטיקער מענטשהייט ליגט: אין דער גאַנצער אָרדענונג, אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם מאָדערנעם מענטשן.

און ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין שטאַטסשטעלע און איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז — אַ רייפער, פּאַרטיקער שריפטשטעלער און קעמפער.

ער האָט אָנגעהייבן ווידער צו אַרבעטן אין צייטונגען — ראַדיקאַלע, עקסטרעמע; אָנגעהייבן צו פּרעדיקן דעם גייסט פון רעוואָלט.

פון דער צייטונג איז ער איבערגעגאַנגען צום בוך, צום ראָמאַן, צו דראַמע.

און אין עטלעכע יאָר אַרום (זיין ערשטעס בוך איז דערשינען אין יאָר 1886) איז אָקטאַוו מירבאָ געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע, איינפלוסרייכסטע און געלעזנסטע שריפטשטעלער פון פראַנקרייך.

זיינע ראָמאַנען „סעבאַסטיאַן ראָש", „דער אַבאַט זשול", „דער גאָרטן פון טאָרטור", „די גאָלגאָטאַ", זענען שאַרפע, אומבאַרעמהערציקע אַנאַליזן פון דעם מאָדערנעם מענטשן אין אַלע זיינע פאָרמען — דעם גייסטלעכן, דעם אַסקעט, דעם דענקער, דעם סאָלדאַט, דעם בעל־תאווה. ער מאָלט תמיד אַ וועלט פון נערוון־איבערר״ייצונג, פון תאוות, וואָס דערגייען ביז צו אויסערסטן, תאוות, וואָס טויטן און דערנידעריקן. אָבער דער אייגענער תאווה־מענטש איז אין דערזעלבער צייט אויך אַ מענטש פון הויכער קולטור. ער דענקט, ער ווייס פון יעדן שריט, וואָס ער טוט, פון יעדער האַנדלונג, וואָס ער באַגייט; ער ווייסט, אַז ס'דאַרף נישט זיין אַזוי, אַז דאָס לעבן פון היינט איז נישט שיין, ווולגאַר, מיאוס, און הונגערט נאָך שיינקייט, נאָך אינהאַלט, און ווייס נישט, ווו עס צו געפינען, און גיט זיך אונטער דעם חומר...

אייניקע ראָמאַנען פון מירבאָ — ווי „דער גאָרטן פון טאָרטור" און „דאָס טאָגבוך פון אַ קאַמער־מיידל" — זענען אומגעהייער עראָטיש, פון דעם פּוריטאַניש־שעמעוודיקן שטאַנדפּונקט אומזיטלעך, ער

מאָלט דאָרט עראָטישע סצענעס מיט אַזאַ שאַרפער פען, אַז עס ווערט אָפּט שווער עס צו דערטראָגן, הייס און פּייניקלעך.

אָבער דאָס איז נישט געווען קיין עראָטיק צוליב עראָטיק, פּונקט אַזוי ווי זאָלאָס „נאַנאַ", אָדער „זשערמינאַל", אָדער מאָפּאַסאַנס נאָוועלן זענען נישט קיין ע ר אָ ט י ש ע ליטעראַטור, ד. ה. זיי דערציילן דעם אמת — דעם פּאַרבאָרגענעם אמת פון דעם סעקסועלן לעבן פון דעם מענטשן, אָבער זיי סליונעווען נישט דערביי, זיי דערציילן עס ווי נאַטוראַליסטן, וואָס באַשרייבן דאָס לעבן פון חיות. געוויס, יונגע קינדער דאַרפן עס נישט לייענען—אָבער עס איז אויך נישט געשריבן געוואָרן פאַר זיי. ס'איז אַ שווערע שפּייז פאַר דערוואַקסענע, וו י י ס נ ד י ק ע מענטשן, מענער און פרויען...

די רעוואָלט אַנטקעגן דער אָרדענונג, אַנטקעגן דער שולע, אַנטקעגן דער קירך, דער מאָראַל און דעם שטאַט, — דאָס איז געווען דער מאָטיוו פון מירבאָס שאַפונג.

אַזוי אין זיינע הויפּטדראַמען די „שלעכטע פּאַסטוכער" און „געשעפט איז געשעפט", דאָס פּראָבלעם פון קלאַסן, קאַפּיטאַל און אַרבעט, דער סאָציאַלער קאַמף.

מירבאָ האָט נישט באַלאַנגט צו די וועלט-גרויסע דראַמאַטורגן, וואָס טרעטן אַרויס מיט נייע אידעען, דעקן אויף נייע פּערספּעקטיוון, ווי למשל, איבסען, אָבער ער מאָלט ווונדערבאַר כאַראַקטערן. ער איבערטרייבט נישט, נאָר פּאַרטיפט זיי, גראָבט זיך איין אין זיי, לאָזט זיי נישט אָפּ, ביז זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער אייגענעם אמת.

אָט, אַ שטייגער, זיין קאָמעדיע, אָדער דראַמע: „געשעפט איז געשעפט". איר האָט דאָרט אַ פיגור, דעם קאַפּיטאַליסט לעשאַ, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור. א מענטש פון אונדזער צייט, פון אַ צייט, פאַר וועלכער „געשעפט" גייט פאַר אַלץ; א צייט, וואָס האָט אָנגעשריבן אויף איר פאָן „געשעפט".

לעשאַ איז דער יורש פון דער גאַנצער ביזאַהעריקער קולטור. האָט אין זיך אַלע אינסטינקטן און תאוות פון פריערדיקע צייטן, אָבער נישט די נאַאיוויטעט און דעם אַריסטאָקראַטישן זשעסט.

ער אַליין „מאַכט געלט". ער האָט אָבער הנאה דערפון, וואָס

זיין זון איז א ספּאָרטסמאַן, אַ לעבמאַן און פאַרלעבט דאָס געלט. „ס'איז אַ רעקלאַמע פאַר מיר", טרייסט ער זיין ווייב. ער איז אַליין אַ בורזשוי, אַ קליינבירגער, נאָך זיין אָפּשטאַמונג, אָבער ער וויל נישט, אַז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן פאַר אַ פּשוטן אינזשיניער.

אָבער אויך אין דעם טאָג, ווען ער ווערט געוואָר, אַז זיין זון איז געטויט געוואָרן דורך אַן אויטאָמאָביל־עקסידענט, און זיין טאָכ־טער איז אַוועק מיט דעם אינזשיניער אין דער שעה פון דער קאַטאַ־סטראָפע פון זיין גאַנצן לעבנסגליק, — בלייבט ער אַלץ ל ע ש אַ, דער מאַן פון געשעפט. צוויי פון זיינע שותּפים ווילן זיך באַנוצן מיט זיין צוטומלטקייט און אומגליק, און אַרויסנאַרן ביי אים אַ קאָנ־טראַקט, וואָס איז אומגינסטיק פאַר אים. אין דעמזעלבן מאָמענט דערוועקט זיך אין אים דער מאַדערנער קעמפער, דער מענטש מיט דעם דעוויז: „געשעפט איז געשעפט". און ער פאַרגעסט אָן דעם זון און דער טאָכטער און רייסט אַרויס ביי די שותּפים אַ קאָנטראַקט, ווי ער וויל אים.

צוליב וואָס, ווייס ער אַליין נישט. ער האָט שוין נישט מער פאַר וועמען צו זאַמלען עשירות. דאָס געלט איז ביי אים נישט מער קיין מ י ט ע ל, עס איז אַ צוועק פאַר זיך אַליין, און אפילו נישט קיין געלט — נאָר ג ע ש ע פ ט...

מירבאָ האָט באַשאַפן ווינציק פּאָזיטיווע טיפּן. די צוויי, דריי פּאָזיטיווע געשטאַלטן זשאַן רול (אין „שלעכטע פּאַסטוכער"), זשערמען (אין „געשעפט איז געשעפט") זענען שוואַך, גייען אונטער, פאַר־שווינדן. דערוויל טריומפירט די נעגאַטיווע זייט פון דעם לעבן.

אַזוי איז דאָס אויך. אַזוי איז די וועלט. און מירבאָ האָט נישט געהאַט קיין שום גרונט צו מאַכן זי שענער, ווי זי איז. ער האָט געזוכט דעם אמת און נישט די זיסע פראַזע...

מירבאָ האָט אַנטדעקט מעטערלינקן. דאָס איז אַן אלגעמיינער באַקאַנטער פאַקט. איז דאָס נישט מערקווירדיק? מירבאָ, דער מענטש פון דעם שאַרפסטן רעאַליסטישן אויג, זאָל זיין דער אַפּאָסטעל פון מיסטישן מעטערלינק!

אָבער טאַקע דערפאַר. דער מורד, דער אָפּלייקענער, דער פּע־

סימיסט. דער שאַרפּער רעאַליסט האָט תמיד אַ נייגונג צו מיסטיק. זי גיט אים דאָס, וואָס אים פעלט: שטימונג, גלויבן, חלום, וואַרעמקייט.

און דערפאַר איז אויך אונדזער צייט אַזוי שטאַרק נוטה צו מיסטיציזם — ס׳וואָלט אַנדערש געווען צו ליידיק, צו קאַלט, צו אומעטיק."

זשאָרזש דע פּאָרטאָ=ריש.

זשאָרזש דע פּאָרטאָריש איז איינער פון די ווייניקע דראַמאַטישע קינסטלער, וואָס האָבן פּערזענלעכקייט, וואָס האָבן אַן אייגענעם טאָן, וואָס האָבן זייער אָריגינעלע נאָטע. און נאָכמער דערפאַר, ווייל ער האָט זיין גאַנץ לעבן — און ער איז שוין אַ מאַן פון עטלעכע און זיבציק יאָר — אַוועקגעגעבן אויף איין פראַגע, אויף איין מאָטיוו: ל י ב ע.

געוויס, ער איז נישט דער איינציקער. ווער שרייבט נישט איבער ליבע? עס איז דאָך דער אינהאַלט פון דער גאַנצער ליטעראַטור, ריכטיקער, עס איז די ליטעראַטור. ווען אַלע אַנדערע מאָטיוון ווערן אויסגעשעפּט — דער ליבע=מאָטיוו בלייבט. ער האָט אומציילִיקע וואַריאַציעס — פרייד און לייד, עקסטאַז און ביטערע אַנטטוישונג, לעבן און טויט. סענטימענטאַל און הערויִש, ציניש אָדער מיסטיש; באָקאַטשיאָ אָדער דאַנטע, אָפּענבאַך אָדער וואַגנער — אָבער תּמיד: ל י ב ע.

און פּאָרט — עס איז אַ טעמע, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס. פון דור צו דור, פון מענטש צו מענטש, פון אייביקייט צו אייביקייט. און ווען מען גלויבט, אַז מען איז שוין פריי פון איר — רייסט זי זיך פּלוצלונג אַריין אין דער נשמה און מאכט זי חרוב, אָדער באַלעבט זי אויפסניי. און ביידע גייען האַנט אין האנט: צעשטערונג און שאַפונג — ליבע=עקסטאַז און ליבע-טויט. און ווייל אַזוי רייך, אַזוי איינציק און אָפּגרונטיק — קאָן קיינער נישט דערגרייכן דעם סוד. יעדער גייט אויף זיין אופן, יעדער לעבט אים איבער — ווי עס ווייזט זיך אים אויס — אינדיווידועל. יעדע ליבע איז אַן אָנהייב פון אַ נייער וועלט.

אָבער נישט ביי יעדן, וואָס רעדט און שרייבט וועגן ליבע, איז עס אַ נויטווענדיקייט. אָפט איז עס נישט מער ווי אַ פראַזע, אַ מין טעכנישער מיטל, אַ ליטעראַרישער קונץ. ווען באַלזאַק האָט געשריבן איבער ליבע — האָט ער נישט געמיינט קיין ליבע. ער האָט זיך בלויז באַנוצט מיט דעם נאָמען, כדי אַריינצוברענגען אַלערליי אידעען איבער מענטשן און וועלט, איבער געזעלשאַפט, איבער סאָציאַלער און רעליגיעזער פילאָזאָפיע. און ווען טאָלסטאָי האָט געשריבן איבער ליבע — האָט ער געמיינט עפּעס אַנדערש: די קריסטלעכע, מיסטישע ליבע, אַ צוזאַמענגיסן זיך פון צוויי נשמות.

ווייניק דיכטער ווייסן וואָס ליבע מיינט. ווייל ווייניקע ליידן פון איר, מאַכן פון איר אַ לעבנסאינהאַלט און אַ פּראָבלעם. געוויינלעך איז עס דאָך אַזוי: דער יונגער דיכטער פילט דעם ליבע-אימפּולס, ער פאַרארבעט אים אין אַ קינסטלערישן מאָטיוו. דערנאָך קומען די יאָרן פון רייפקייט. דער דיכטער ווערט עלטער, קילער, די ליבע הערט אויף צו שפּילן אין זיין לעבן די הערשנדיקע ראָלע. אַנדערע אינטערעסן פאַרנעמען דעם ארט פון דער ליבע. אָבער ער מוז „ליב האָבן”, ער מוז „זינגען”, ער מוז. דערויף איז ער דאָך אַ דיכטער, אַ קינסטלער. עס איז זיין „באַרוף”, דער עולם פאַרלאַנגט עס. בפרט, ווען דער עולם, די מייסטע צאָל פון ליטעראַריש פאַראינטערעסירטע, באַשטייט פון יונגע מענטשן און פון פרויען. און זיי ווילן דאָך „אילוזיע”. און פאַר זיי, צוליב זיי, צו זיי זיך צופּאַסנדיק, שרייבט מען איבער ליבע: זיס, סענטימענטאַל, אין פּאַרטיקע, אָפּגעשטעמפּלטע פאָרמולעס. און דערלויבט מען זיך אַמאָל ביטערקייט — אַמאָל ווערט דאָך דער קינסטלער מיד — און ער שרייבט מיט ביטערקייט, אָפט אַפילו ציניש, אָבער זעלטן מיט איראָניע, מיט ביטול. דאָס הייסט — קיינמאָל נישט מיט דעם אמת. אמת, ווען ער פילט — און אמת, ווען ער הערט אויף צו פילן.

עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט פאַר אַ קולטור=היסטאָריקער נאָכצופאָרשן, נאָכצופאָלגן דעם פּראָצעס פון דער ליבע-ליטעראַטור. זי איז דאָך, אייגנטלעך, אַ נייע זאַך, אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער אייראָפּעישער קולטור=אַנטוויקלונג. די אַלטע וועלט האָט דערפון נישט געוווּסט. איר ליטעראַטור איז נישט געווען סענטימענטאַל. ליבע איז פאַר איר געווען איינער פון די מאָטיוון, אָדער ריכ-

טיקער — דער מאָטיוו פון און פאַר דער פרוי. נישט פינדאר און נישט האָמער האָבן געזונגען די ליבע־לידער פון גריכנלאַנד — די פרוי סאַפּאָ האָט עס געטאָן. און אירע ליבע־לידער זענען טאַקע די שענסטע, וואָס מיר האָבן, ווייל אַזוי אמת, אויפריכטיק, אַזוי ערנסט.

דער מאַן איז דאָך נישט ערנסט אין דער ליבע. פאַר אים איז דאָך דאָס סוף כל סוף אַ שפּיל. אַ שפּיל פאַר דעם טייוול — אמאָל אַ וואונדערבאַר שפּיל. מען איז פאר אים מקריב אָפט דאָס לעבן אַליין, אָבער בלויז ביז מען דערגרייכט. דערנאָך — דערנאָך טרעט דאָס געפיל צוריק. די פרוי אָבער הייבט אָן ליב צו האָבן — נאָך דעם שפּיל. פאַר איר איז עס דער איינציקער לעבנסאינהאַלט, די איינציקע לעבנספאָרם.

עס וואָלט אפשר גאָרנישט געקומען צו אזאַ רייכער ליבע־ליטעראַטור אין אייראָפּע, ווען נישט די קריסטלעכע פאַרלייקענונג פון דער ליבע, די אַסקעטישע באַציונג צום לעבן. טאַקע ווייל פאַר־לוס האָט דערקלערט די פרוי — און די ליבע צו איר פאַר אַ „זינד“ — איז די ליבע געוואַקסן. מענטשן האָבן ליב „זינד“. זינד איז דאָך היייליקייט, וואָס איז פאַרשטויסן געוואָרן.

אָבער די קריסטלעכע פאָרשטעלונג פון וועלט און פרוי איז טויט. די באַציונג צווישן מאַן און פרוי האָבן זיך געביטן. די פרוי איז געוואָרן אַן אנדערע, נישט מער קיין אָביעקט, נאָר אַ סוביעקט. נישט מער אַ שפּילעכל, נאָר אַ מענטש, מיט אייגענע פאָדערונגען, מיט אַן אייגענער אינדיווידואַליטעט. און דער מאַן איז פרייער גע־וואָרן. פריי — אָבער ער האָט נאָך נישט דעם מוט צו זאָגן, אַז ער איז פריי, אַז ער וויל זיין פריי, אַז ליבע איז נישט דאָס, וואָס פרויען ווילן, אַז זי זאָל זיין. פאר אים אַן אוואַנטורע, פאַר איר אַ פונדאַמענט; פאַר אים אַ מאָמענט, פאַר איר אַ לעבן. דאָס צו זאָגן מוז מען נישט בלויז האָבן מוט. עס איז גרינג צו זיין ברוטאַל און ציניש, — אָפט איז ציניזם בלויז פאַרשטעלטע סענטימענטאַליטעט, — מען מוז האָבן די קינסטלערישע אויפריכטיקייט, מען מוז אַליין האָבן דורכגעלעבט און דורכגעלטן, דורכגעקעמפט די ליבע, כדי צו פאַר־שטיין ווו איר גרענעץ איז.

ווייניק קינסטלער האָבן אין זיך דידאַקטישע אויפריכטיקייט, די דורכגעווייקטקייט מיט ליידן. און איינער פון די ווייניקע, גאָר ווייניקע, איז זשאָרזש דע פּאָרטאָ-ריש.

ער איז אַלט, ער איז אַן אַקאַדעמיקער, איז אַ ביבליאָטעקאַר פון דער „ביבליאָטעק מאַזאַרן", אַ פיל גערייזטער, אַ מענטש, וואָס האָט געלערנט און געלעבט, וואָס האָט געשטורעמט און געטראַכט — און זיין איינציקער אינטערעס איז דאָך געבליבן: די ליבע. און זיין גאַנצע שאַפונג באַשטייט פון עטלעכע דראַמעס, וואָס רופן זיך אָן מיט אַ כּלל־נאָמען: „דער טעאַטער פון ליבע".

ער שטאַמט פון ספרדישע יידן. זיין זיידע קומט פון איטאַליע געבוירן איז ער אין באָרדאָ. און ווי ביי אַלע ספרדישע יידן — איז דער אוראַלטער יידישער אינסטינקט זייער שטאַרק. שטאַרקער און פעסטער, ווי ביי די יידן פון צפון. אפשר איז עס די ראַסע, וואָס רעדט אין זיי, און פּאָרטאָ־ריש האָט אַריינגעטראָגן דעם יידישן מאָ־טיוו אין דעם ליבע־פּראָבלעם, דער „מוח"־מאָטיוו.

שיר השירים איז דאָס העכסטע, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין ליבע-פּאָעזיע. אָבער ווער זינגט דאָרט, אַז „ליבע איז שטאַרקער, ווי דער טויט"? ער? פון אים ווייסט מען כמעט גאָרנישט. זיין שטים הערט מען נאָר, ווען ער קומט מיט זיין הייסטן פאַרלאַנג. זי איז עס, וואָס זינגט, וואָס ליידט. זי פילט. ער, ער לאָזט זיך זוכן פון איר. זי איז פול מיט הכנעה פאַר דעם געליבטן, ווייל זי אַליין ווייסט, וואָס מיינט ליבן. זי ווייסט, זי פילט, אַז ליבע איז אַן איבערגעבן זיך, אַ צוזאַמענוואַקסן, אַן אָפּזאָגן זיך פון זיך אַליין.

פאַר דער מאַן — איז די העכסטע ליבע, ווען ער דערפילט זי — אַן אינטעלעקטועלע ליבע. ער בענקט אויך נאָך דעם אָפּזאָגן זיך פון זיך, נאָך דעם אונטערוואַרפן זיך — אָבער נישט צו דעם, וואָס מען קאָן זען, נישט צו אַ מענטשן. די העכסטע ליבע פון דעם מאַן — איז די אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט, ווי אַזוי ער זאָל אים נישט אויסטייטשן און פאַרשטיין. דאָס איז דאָס העכסטע — דער דורכשניטלעכער מאַן ליבט בכלל נישט. ער וויל פאַרגעניגן — און דערנאָך רו.

אויף דעמדאָזיקן אמת, אויף דעם מאָטיוו האָט פּאָרטאָ־ריש

אויפגעבויט זיינע דראמעס, די בעסטע פון זיי, ווי „דאָס גליק פון
פראַנסואַז", „די פאַרליבטע", „די פאַרגאַנגענהייט", „דער אַלטער מאַן",
„דער סוחר פון גראַוויורן", א. אז. וו. אומעטום די איינענע סיטואַציע.
נישט אַ בחור און אַ מיידל — און די יונגע ליבע, וואָס ווייסט
נאָך פון זיך אַליין נישט. נישט אפילו דער אזוי פּאָפּולערער פּראָב־
צווישער מאָטיוו — די „אומגעזעצלעכע" ליבע, דאָס באַרימטע „דריי־
עקיקע" פארהעלטעניש, נאָר אַ פשוטערע און טיפערע: די באַציונג
צווישן מאַן און ווייב. זיי האָבן חתונה געהאַט, זיי לעבן אינאיינעם.
דער מאַן האָט געליבט, די פרוי האָט ליב. פאַר דעם מאַן איז
דאָס פאַמיליעלעבן, די היים, אַ זיכערער האפן אויף אָפּצורוען זיך;
פאַר דער פרוי אַ שטענדיקע בענקשאַפט. דער מאַן האָט אָפּגעשפּילט
די ליבע, די פרוי שפּילט זי נאָך אַלץ. און וואָס קילער ער ווערט,
צעברענט זיך אין איר שטאַרקער דער פייער. אַזוי, צ. ב. איז די
דראַמע „די פאַרליבטע". דער מאַן, עטיען פעריאָ, איז אַ געלערנטער,
האָט ברייטע אינטערעסן. ער האָט ליב זיין ווייב, זשערמען, אָבער
נישט שטורמיש. ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון אַ געלעגנהייט, ווען ער
האָט זי. ער נעמט די ליבע נישט טראַגיש. זשערמען אָבער גלויבט
אין דער לעגענדע פון ליבע. זי ווייסט, וואָס טוט זיך אין דער נשמה
פון איר מאַן — און קאָן זיך דערמיט נישט צופרידנשטעלן. זי —
די מאָדערנע פרוי — קען דעם מאַן, און באַציט זיך האַלב איראָ־
ניש צו אים. זי זאָגט דאָס אַליין: „די געליבטע איז פאַר אים דאָס
רעגלמעסיקע, די פרוי איז פאַר אים דאָס נישט־רעגלמעסיקע". דעם
מאַן שאָקירט די גאַנצע זאַך פון חתונה האָבן, פון פאַמיליע, פון
צוגעבונדנקייט. זי ווייסט עס, אָבער עס אַרט זי נישט. „וואָס איז
די נפקא=מינה" — זאָגט יעדע פרוי אין פּאָרטאָ־רישס דראַמעס, —
„וואָס דו זאָלסט נישט דענקען, וואָס דו זאָלסט נישט פילן — אַבי
מיר זענען אינאיינעם, אַבי איך פיל דיך לעבן זיך". און ער רעוואָל־
טירט. „מיר זענען געבונדן איינער צום צווייטן" שרייט עטיען —
„און מיר ווען מוזן רעדן פון ליבע טאָג=איין, טאָג-אויס, אַ גאַנץ
לעבן". די פּערספּעקטיווע דערשרעקט אים, עס טרייבט אים אַריין
אין אַנגסט־שווייס, ווען ער טראַכט בלויז דערפון. און דערפאַר טאַ־
קע זוכט ער צו אַנטלויפן, אַפילו בלויז צו אַן אַנדער פרוי. נישט

די אַנדערע און נישט די ליבע פון דער אַנדערער דאַרף ער, אייגנטלעך, האָבן — נאָר דעם געפיל פון פרייהייט, פון הערשאַפט, פון דער גרויסער אוואַנטורע. אָבער עס העלפט אים נישט. די פרוי, די אייגענע, איז גובר. טאַקע דערפאַר, וואָס זי פאַרצייט. זי צווינגט אים צו בלייבן און זיך אונטערגעבן — דורך איר „וואָס אַרט מיך". זי פאַרלאַנגט אַזוי ווייניק — פון זיין נשמה — אַז ער האָט נישט דעם מוט צוצורייסן די קייטן. און דער „וואָס־איז־די־נפקא־מינה"־מאָטיוו איז ביי פּאָרטאָ־רישן דער לייט־מאָטיוו פון דעם ליבע־לייד: „גוט, איך בין אַ ליגנער, אָבער וואָס איז די נפקא־מינה, אַבי דו ליבסט מיך און איך דיך — ליבע איז העכער פון אַלעמען, אַפילו פון רעספּעקט".

דאַכט זיך, אַ גרינגע לייזונג פון דער קאָמפּליצירטער פראַגע. אָבער אַ לייזונג מיט אַ שטאַרקער טראַגיק. די פרוי איז מסכּים צו אַלצדינג — אַפילו אָפּגענאַרט צו ווערן, אַבי „מיט אים איינאיינעם זיין" — אָבער ער איז נישט תּמיד מסכּים. ער, דער מאַן, „קאָן זיך נישט גובר זיין, און ער צאָלט דערפאַר מיט דעם לעבן. אַזוי צאָלט דער יונגער אויגוסטין — פאַר זיין ערשטער ליבע צו אַן עלטערער פרוי, דער פרוי, וואָס זיין פאָטער האָט אַמאָל ליב געהאַט און איז גרייט צו שפּילן מיט איר נאָכאַמאָל אַ ראָמאַן (אין דער דראַמע „דער אַלטער מאַן"). אַזוי גייען ביידע — מאַן און פרוי — אין טויט אַריין, ווייל דער מאַן האָט ליב אַן אַנדערע און די אייגענע פרוי וויל זיך פון אים נישט שיידן (אין דער לעצטער דראַמע: „דער סוחר מיט גראַוויורן", אַ ריינדיקע דראַמע פון דער מלחמה־צייט).

איז דאָס ליבע? איך ווייס נישט. דער פיינער פראַנצויזישער קריטיקער אַנדרע סואַרעס זאָגט איבער פּאָרטאָ־ריש: „ער האָט געוואָלט מאָלן ליבע — און גראָד ליבע פעלט אים". פעלט אים? פאַרוואָס? וואָס איז דען ליבע? און ווער ווייסט איר סוד? ווער — אונטער מענער? ווער אונטער מאָדערנע?

פּאָרטאָ־ריש ווייסט, וואָס עס פעלט אים. ער האָט אַמאָל (מיט זעכצן יאָר צוריק) געזאָגט אין אַ טרויעריקן, שטימונגספולן ליד:

„מיין האַרץ האָט זיך זייער גיך באַרויקט,
ווייל עס דערגרייכט ביי מיר גאָרנישט ביז צום גרונט:

איך האָב קיינמאָל אליין נישט געקליבן,
נישט קיין פריינט און נישט קיין געליבטע.
. . . .
פאַר א שיכּרות פון איין רגע
גיב איך אוועק אַ ליבע אָן ברעג,
און זע נישט, אז זי איז א קונסטווערק.
איך געניס, גיי אוועק און — אויפסניי"...

ער פילט די טויטלעכע טרויעריקייט, די איינזאַמקייט, די פוסטקייט פון דעם, וואָס קאָן נישט ליבן, פון דעם, וואָס קאָן זיך נישט באַגרענעצן און פילן דעם עקסטאַז פון דער גרענעץ. עס איז דער מוח־מענטש, דער מענטש אָן צוגעבונדנקייט, דער וואַנדערער פון דער נשמה, וואָס געפינט נישט קיין ציל.

אַזוי איז דאָך דער מאָדערנער, אינטעלעקטועלער מענטש. און מער פון אַלע דער אינטעלעקטועלער ייד, פון וועמען גערשנזאָן האָט נביאות געזאָגט, אַז ער וועט ווערן דער פּריסטער, אָבער דער אומגליקלעכסטער, ווייל דער אויסגעליידיקטסטער מענטש אויף דער ערד.

„צו אַלע מאָטיוון פון דער היינטיקער קולטור" — באַמערקט וועגן פּאָרטאָ־רישן אַ פראַנצויזישער קריטיקער, אויך אַ ייד, ר. ק. מאַרקס — „קומט נאָך צו דער מאָטיוו פון דער ראַסע... ער באַלאַנגט צו אַן אינטעלעקטועלער און רעוואָלטירנדיקער ראַסע. ווען איר גלויבן איז אויסגעשלאָסן, קוקט זי אויף דער וועלט אָן אַ טרייסט. אַ האַרץ אָן אילוזיעס, אַ וואַנדער־האַרץ".

עס ווייזט אויס, עס איז שוין די באַשטימונג פון דעם יידן — צו זאָגן דעם אמת פון דער וועלט צו דער וועלט, צעשטערן אילוזיעס און בויען נייע, אָנצינדן מיט גלויבן און אַש מאַכן מיט זיין ספק.

עס איז טרויעריק, פּונקט ווי עס איז אומעטיק אויפן האַרצן, ווען מען זעט, אָדער מען לייענט אַ דראַמע פון פּאָרטאָ־ריש. אילוזיעס, טייערע, גערישנטע, גליק־שאַפנדיקע, ווערן צעפאַלן, אָבער באַלד קומט אַן אַנדערע אויף איר אָרט.

די אילוזיע פון אַ נייער מעגלעכקייט: אפשר קומט אַ נייע ליבע אויף דער וועלט? אַ ליבע, וואָס איז אַ „קונסטווערק”. אפשר קומט דאָס גאַנצע ליידן פון ליבע בלויז דערפון, וואָס מיר מיינען, אַז ליבע מוז ברענגען גליק? אפשר מוז דער גליק־באַגריף פאַרשווינדן, כדי די ליבע זאָל ווידער אויפבליען אין איר וווּנדערבאַרער, מיסטישער, טראַגישער שיינקייט? די ליבע האָט נאָך נישט געהאַט איר לעצטן שאַנס, און איר העכסטן. זי איז געווען ברוטאַלער אינסטינקט, זי איז געוואָרן אינטעלעקטועל — איז נישט דער סינטעז: קונסט?

אַרטור מייער.

אַרטור מייער, דער לאַנגיעריקער רעדאַקטאָר פון דער „גאָלואַ" אין פּאַריז, איז געווען אַן אַנטיסעמיט. ער האָט אַזוי פיינט גע־האַט יידן, אַז ער איז אַפילו געשטאָרבן אַן אַנטיסעמיט. ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן יידן, און דערפאַר האָט ער איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מען זאָל אים באַגראָבן דווקא אויף דעם יידישן בית־עולם, מען זאָל אים ברענגען צו קבר ישראל. און די יידן האָבן נישט געקאָנט אָפּזאָגן. ער איז דאָך געווען אַ ייד. אַ משומד, אַ קאַטוילִיק, אַ צורר ישראל — גוט, אָבער פאָרט אַ ייד, און אַ ייד, וואָס איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין האַרצן, אין זיינע פיר ווענט, תמיד געווען אַ רעליגיעזער ייד. אַ מאַראַן — ביים לעבן, אַ בעל-תשובה — אויף דעם טויטנבעט — ווי קאָן מען אים אָפּזאָגן, ווי קאָן מען אים מחרים זיין פון די טויטע פון זיין פאָלק?

אין פראַנקרייך קאָכט מען זיך. די קלעריקאַלן און מאָנאַר־כיסטן שוימען פון כעס, די ליבעראַלן לאַכן או רייצן זיך. אָבער ביידע טראַכטן ביי זיך: גיי, גלויב אַ יידן! גיי, פאַרלאָז זיך אויף אים, מאַך מיט אים רעסטאַווראַציעס, קאַטוילִיש־קלעריקאַלע פּאָליטיק! גיי, פאַרשוואַרץ מיט אים איינאַיינעם אַ וועלט! אומגעריכט, פלוצלונג קערט ער זיך איבער און פאַרשוואַרצט דעם פּנים זיינע שוואַרצסטע פריינט.

אָדער עס איז נאָך אַ פראַגע, ווער עס האָט מער טענות צו אַרטור מייער — די יידן, צי די קריסטן. אַן אמתער יידישער פּאַט־ריאָט טוט פאַרקערט. ער טוט, ווי יענער ייד, וואָס האָט געזאָלט גיין צו דער תליה פאַר נישט קיין שיינע מעשים, און האָט זיך אַ

שעה פֿאַר דעם טויט געשמדט, ווייל — „אויב שוין הענגען, לאָז אַ גוי הענגען".

אָבער אַ גאַנץ לעבן, אַ לאַנג לעבן, אַ מיאוס לעבן — אָפּזיין אַ קריסט, אַ שונא פֿון דעם יידישן נאָמען און אַ שאַנד פֿאַר דעם יידישן נאָמען, און האָבן אַ מצבה צווישן יידן — דאָס הייסט אָפּטאָן יידן אַ שפּיצל!

אָדער אפשר איז דאָס גאָרנישט קיין שפּיצל? אפשר איז דאָס איינע פֿון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דעם יידישן לעבן, אַ דערשיינונג, וואָס איז זעלטן אויסגעפּאָרשט געוואָרן: אַן אָפּטריניקער פֿון דעם יידישן פֿאָלק, און אַ טרייער דינער פֿון דעם יידישן גאָט?

אָפּט גייען די ביידע אָפּטריניקייטן האַנט אין האַנט. אָבער זיי זענען נישט אָרגאַניש פֿאַרבונדן. מען קאָן זיך אויסמאָלן אַ יידן, אַ „פּולבלוטיקן", אַ „הונדערטפּראָצענטיקן", אַ הייסן נאַציאָנאַ־ליסט, וואָס זאָל זיין אויף קידער־ווידער מיט גאָט, און דווקא מיט דעם גאָט פֿון בארג סיני. און נישט נאָר קאָן מען זיך אויסמאָלן — מען זעט עס אויף שריט און טריט — נאַציאָנאַליזם און רעליגיע האָבן נישט צו טאָן איינער מיט דעם צווייטן — אפילו נישט ביי יידן, וואָס זענען דורכגעוועבט און דורכגעקנאָטן מיט דער רעליגיעזער קולטור.

שווערער איז זיך צו דענקען אַ פֿאַל פֿון אַ יידן, וואָס איז און וויל זיין אַ ייד, און אין דער אייגענער צייט אַ גלויביקער קריסט אָדער מוסולמאַן. עס וואָלט אפשר מעגלעך געווען, ווען יידן זענען אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלייך, אַ לאַנד־פֿאָלק. איז דאָך, צום ביישפּיל, מעגלעך, אַן אַראַבער אַ קריסט, אַ רוס אַ קאַטאָליק, אָדער אפילו אַ מוסולמאַן! אָבער אַזוי ווייט האַלט עס נאָך ביי יידן נישט. אָבער וואָס איז באמת אַ זעלטענע און כמעט אוממעגלעכע דערשיינונג איז — שנאה צו יידן און ליבע צום יידנטום. אויף אַזאַ פּאַראַדאָקס איז באמת פֿעיק נאָר אַ ייד, און דווקא אַזאַ ייד, ווי אַרטור מייער, דער מאָנאַרכיסטיש־קאַטוילישער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון פֿראַנקרייך.

אַרטור מייער האָט געדינט אַלע עבודות זרות, איידער ער האָט זיך דערשלאָגן ביז צום „ברעג". ער איז געווען, ווי ביידע

צינגער דערציילן, אַ מין פאַקטאָר ביי איינער פון די באַרימטסטע פאַריזער קאָקאָטקעס — מיט עפּעס אַ צוגעלייגטן אַדעליקן נאָמען — אַ קאָקאָטקע, וואָס האָט געדינט אַלס מאָדעל פאַר זאָלאַס באַרימטן ראָמאַן „נאַנאַ". דורך דערדאָזיקער נאַנאַ האָט ער באַקומען פאַרבינדונגען, און דווקא אין דער „היכער וועלט", אין דער וועלט פון גרויספינאַנץ און פון אַלטן אַדל. און אַזוי איז דאָס געגאַנגען ווייטער: צוערשט האָט ער זיך באַקאַנט מיט די אַלטע גראַפן און מאַרקיזן, וואָס האָבן געזוכט אַ ביסל לעבנספרייד ביי נאַנאַן, און דערנאָך האָט ער זיך באַקענט מיט זייערע אַלטע דאַמען, די גרעפינס און באַראָנעסנס און פירשטינס פון דעם „אַלטן רעזשים", אָט מיט די, וואָס האָבן געהאַט „שוואַרצע סאַלאָנען"; אָט מיט די, וואָס האָבן צוגעלאָזט אין זייער הויז און אין זייער קרייז בלויז גלחים און נאָנעס און מאָנאַרכיסטן. אַרטור מייער, דער ייד פון האַוור, דער ייד, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ צוויי צענדליק קאַריקאַטור-יידן, האָט זיך אַריינגעשמיכלט אין דעם שוואַרצן קרייז, און פונקט ווי ער איז געווען דער פאַקטאָר פון די אַלטע גראַפן, אַזוי ער באַלד געוואָרן דער מעקלער פון די אַלטע קאַטוילישע דאַמען מיט זייערע גלחים. ער איז געוואָרן זייער ליטעראַרישער עצה-געבער, זייער פּאָליטישער בריקן-בויער, זייער גייסטיקער פירער. מיט זייער הילף האָט ער געקויפט די צייטונג „לע גאָלואַ" — דער „גאַל" — אַ צייטונג, וואָס איז, ווי דער נאָמען אַליין באַווייזט שוין, די נאַציאָנאַליסטישסטע פון אַלע פראַנצויזישע צייטונגען, און האָט פון איר געמאַכט אַ מאָנאַרכיסטיש-קלעריקאַלן אָרגאַן. געוויינלעך, האַלטן זיך אַזעלכע צייטונגען נישט לאַנג. דער ברייטער עולם לייענט זיי דאָך נישט. קיין איינפלוס האָבן זיי נישט; אָבער אַרטור מייער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער קאַטוילישער קירך און מיט דער מאָנאַרכיע אַליין קאָן מען נישט מאַכן קיין געשעפטן. ער איז נישט אומזיסט געווען פאַרבונדן לאַנגע יאָרן מיט דעם „בולוואַר" און זיינע שיינהייטן. און ער האָט געשאַפן אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע: אַ קאַטויליש-מאָנאַרכיסטישן „בולוואַר-אָרגאַן", דאָס הייסט אַ צייטונג, וואָס פרומע לייענען און האָבן הנאה, און וויניקער פרומע שמייכלען און האָבן נאָכמער הנאה.

דער „גאָלואַ" איז געוואָרן אַ רייכע צייטונג און אַרטור מייער אַ גרויסער מאַן, אַן איינפלוסרייכער מאַן. מען האָט אים פּיינט געהאַט אומעטום. די קלעריקאַלן — ווייל עס האָט זיי דאָך נישט געפּאַסט, אַז גראָד אַ ייד זאָל זיך אָננעמען זייער קריוודע; די ליבעראַלן — ווייל זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען דעם „טריק" פון מייער. אַ צייט לאַנג איז מייער געווען גאָר אַ וויכטיקער פּאַרשוין. עס איז געווען די צייט, ווען גענעראַל בולאַנזשע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם פּלאַן צו ווערן דער „גענעראַל אויף דעם ווייסן פערד" און פאַרכאַפּן די מאַכט אין פראַנקרייך. עס איז געווען אין דעם יאָר 1891, ווען די פראַנצויזישע רעפּובליק איז נאָך נישט געווען זייער פעסט. דעמאָלט האָבן די ראָיאַליסטן — הויפּטזעכלעך דאַמען — געזוכט אַ קאַנדידאַט אויף אַ נאַפּאָלעאָן. און אַזוי ווי בולאַנזשע איז געווען אַ שיינער מאַן און האָט געקאָנט זייער גראַציעז פאָרן אויף אַ פערד, האָבן די גוטע דאַמען געמיינט, אַז קיין בעסערן דיקטאַטאָר קאָן פראַנקרייך גאָרנישט האָבן. די הערצאָגין ד'אוזעס האָט געשאַפן אַ פאָנד פון דריי מיליאָן פראַנק — אין איר סאַלאָן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער גאַנצער פּלאַן, און עס פאַרשטייט זיך, אַז אַרטור מייער איז געווען איינער פון די פייערדיקסטע בולאַנזשיסטן. דריי מיליאָן פראַנק, אין יענע צייטן, איז געווען אַ גאַנץ פיינע סומע געלט און מייער האָט נישט דערלייגט צום געשעפט, ביז ער האָט דערפילט, אַז אַלצדינג איז גוט, אַ חוץ דעם קאַנדידאַט, אַז בולאַנזשע פּאַסט גאָרנישט צו דער ראָלע, וואָס מען האָט אים אָנגעבונדן. און ווען ער האָט עס דערפילט, איז ער באַצייטנס אָפּגעשטאַנען. ווי לעאָן דאָדע, דער אַנטיסעמיט און מאָנאַרכיסט, דערציילט, איז איינמאָל אַרטור מייער געקומען אין דער בולאַנזשיסטישער שטאַבקוואַרטיר, האָט אויסגעהערט אַלע באַריכטן, אַלע דיסקוסיעס, און דערנאָך אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן". און דערמיט האָט ער פאַרענדיקט זיין בולאַנזשיזם. דער גענעראַל האָט זיך מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער דערשאָסן אין בריסעל. די בולאַנזשיסטן האָבן זיך קאָמפּראָמיטירט, אַ חוץ אַרטור מייער — ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעזעגנט מיט זיי.

זיינע „הויכע“ פריינט זענען געוואָרן ברוגז, און אַרטור מייער האָט לאַנג געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי זיי איבערצובעטן. און גאָט האָט אים געהאָלפן. עס איז געקומען דער דרייפוס-פּראָצעס. אַ ייד — אַקעגן דער אַרמיי, ליבעראַליזם — אַקעגן דער „טראַדיציע“. פאַרשטייט זיך, אַרטור מייער האָט גענומען דעם „ריכטיקן טאָן“ — און דער „גאָלואַ“ איז געוואָרן דער אָרגאַן פון דעם פאַרביסנסטן אַנטי-דרייפוסיזם. אַרטור מייער האָט אַרויסגעוויזן פאַר אַלע גרעפינס און פירשטינס, פאַר אַלע גלחים פון פראַנקרייך, ווי טריי ער איז צו די הייליקטימער פון דער אַלטער „גאַלישער“ פראַנקרייך, צום טראָן, אַלטאַר און שווערד. און ווידעראַמאָל איז אַרטור מייער געוואָרן אַ חשוב ביי די שוואַרצע.

ער האָט דאָ אויך אַ פּאָר מאָל געוואָלט זאָגן „אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן“, זיך געזעגענען באַצייטנס מיט די אַנטי-דרייפוסאַרן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער איז צו ווייט פאַרגאַנגען. און אַזוי איז ער פאַרבליבן אַ מאָנאַרכיסט, אַ קלעריקאַל, אַן אַנטיסעמיט. אַלע האָבן אים פיינט געהאַט. די מאָנאַרכיסטן האָבן פאָרט נישט געקאָנט מוחל זיין זיין „גוטע נאַכט“ פון דער בולאַנזשע-צייט. די קלעריקאַלן און נאַציאָנאַליסטן האָבן פיינט געהאַט זיין יידישע נאָז, און די אַנדערע, — די אַנדערע האָבן געמאַכט חוזק. או ודאָס איז נאָך ערגער פון שנאה.

און אַזוי האָט אַרטור מייער אָפּגעלעבט ביז אכט און זיבעציק יאָר, איבערגעלעבט אַלע זיינע גרעפינס און פירשטינס, קאָקאָטקעס און אַפילו די טראָן-פּרעטענדענטן. און פאַר דעם טויט האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן“, אָבער דאָסמאָל נישט בלויז צו די קאָנספּיראַטאָרן אין דעם סאַלאָן פון דער הערצאָגין ד'אוזעס, נישט בלויז צו די פּאָר קלעריקאַלן און ראָיאַליסטישע פּאַנאַטיקער, נאָר צו דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט, צו דעם אַלעם, וואָס ער האָט געשטיצט און פאַרטיידיקט אַ גאַנץ לעבן.

ער האָט, הפּנים, דערפילט מיטאַמאָל, ווי נאַריש, ווי מיאוס, ווי איבעריק זיין גאַנץ לעבן איז געווען. ער האָט דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך פרייהייט, נאָך ריינקייט.

און ער האָט אויף דעם טויטנבעט געהאַט דעם מוט אַ קלאַפּ צו טאָן מיט דער טיר, אַרויסשטעלן אַ צונג זיין אייגענעם לעבן און זיין גאַנצן קרייז, און זאָגן: „אַ גוטע נאַכט, מיינע ליבע קאַ־טויליקן, איך גיי צוריק צו מיין יידישן גאָט".

די קאַטויליקן זענען געווען אין כּעס, די ליבעראַלן האָבן גע־לאַכט און די יידן — אַ ברירה האָבן זיי? פאַר אַ גוטן וויץ זענען יידן מוחל אַ סך זאַכן.

מעטערלינק.

אי, די מיסטיקער, וואָס פאָרן אַרום אין דער וועלט אויף לוקסוס־שיפן און אין לוקסוס־וואַגאָנען און האַלטן זיך פאַר אויסגעפּוצטע מענטשן, פאַר מענער אין געפּרעסטע פראַקן און דאַמען מיט געפּודערטע אָרעמס. פאַרטראָגן איבער מיסטיק און רמזים פון אַן אַנדער וועלט?

אי, די הייליקע, וואָס פּרעדיקן שווייגן און איינזאַמקייט און פאָרן צו פאַרגאָלדעטע פּרעמיערן און שמייכלען צו כּבוד און — גאָלדענעם גלאַנץ! אי — די דעקאָראַטיווע מענטשן!

מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי. זיי זענען אַ סכּנה. אַ סכּנה פאַר דעם טיפסטן און דעם בעסטן, וואָס איז דאָ אין אונדז, דעם שטילן גאָט, וואָס לעבט און וועבט אין אונדזערע באַהעלטענישן.

זיי מאַכן אַלצדינג צו ווערטער, און די ווערטער שיקן זיי אויפן מאַרק. זיי מאָלן צאַצקעלעך און, שרייבן שפּיגל־כּתב מיט די אותיות פון דעם שם־המפורש.

גיט מיר אַנדערע, פּשוטערע, געזינטערע, גיט מיר מענטשן, וואָס האָבן אַ יאָ און אַ ניין, וואָס האָבן יראת הכּבוד פאַר דעם שווייגן, מענטשן, וואָס פּילדערן ווען מיט אונדז — אויף דער גאַס, און זעגנען הייליק אין זייערע קדשי־קדשים. גיט מיר מענטשן, וואָס פאַרבייטן און פאַרמישן נישט קודש מיט חול, דעם שבתדיקן מיט דעם וואָכעדיקן.

גיט מיר **נישט** מעטערלינקן.

איך האָב אים אַמאָל ליב געהאַט, ווי יעדער יונגערמאַן פון מיין צייט. ער האָט אונדז געשושקעט אין אויער און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ גרויסער סוד. ער האָט געזאָגט פּסוק הקטורת

מיט אזא פרומען און גאָטספאַרכטיקן און חצותדיקן ניגון, אַז ־־־ האָבן געמיינט, אַז מיר הערן דעם אר״י הקדוש זאָגן קבלה.

ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז אַן אָנשטעל. אַלצדינג — אי דאָס איינרוימען אין אויער, אי דער קבלה־טאָן.

און איך גלויב, אַז איך בין נישט דער איינציקער, וואָס האָט דאָס פאַרשטאַנען.

איך גלויב, אַז איטלעכער, וואָס האָט אַן אויער אויף צו הערן, האָט דערפילט דעם פאַלשן טאָן. א חוץ — אַ חוץ מעטערלינק אַליין.

וואָרים מעטערלינק איז נישט מוזיקאַליש. ער האָט פיינט מוזיק, פאַרשטייט זי נישט, פילט זי נישט, און ווי קען אַן אוממוזיקאַלישער מענטש זיין אַ קינסטלער, ווי קען ער זיין אַ דערהערער, אַן אויסהאָרכער פון די שטילסטע, מיט קיין שום אינסטרומענט נישט ווידערצוגעבנדיקע, פיינסטע, ציטערנדיקע טענער.

און ווי קען אַ נישט־מוזיקאַלישער מענטש זיין אַ מיסטיקער? פון די גרויסע אַלעקסאַנדרישע מיסטיקער — פּלאַטינאָס, פּראָקלאָס, יאמבליכאָס דערציילט מען, אַז זיי פלעגן זיך, דורך מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, פאַרוויגן אין אַזאַ מין התלהבות, אין אַזאַ פאַרחלומטקייט פון דער נשמה, אַז זיי פלעגן זיך דערהייבן איבער דער ערד, נישט נאָר דורך משל, נאָר טאַקע אין דעם ממשותדיקן זין פון דעם וואָרט.

ס׳איז אַ מעשה, אַ לעגענדע, אָבער זייער אַ כאַראַקטעריסטישע. מיסטיק קומט פון אַזעלכע קוואַלן, וווהין נישט דאָס אויג און נישט דער שכל קען אַריינדרינגען. מעטערלינק אָבער איז אַ מענטש פון אויג און פון שכל.

אַפילו נישט פון שטימונג, נישט פון דער פיינער, טרויעריקזיסער, פאַרנאַכטיקער, פאַרטגאָיקער שטימונג פון זיין אייגענעם לאַנדסמאַן זשאָרזש ראָדענבאַך, ניש פון דער וועלט־איראָנישער, האַרציקער, קינדיש־גרויסער מעלאַנכאָליע פון ווערלען — אויך אַ האַלבער בעלגיער.

נעמט אַלע ווערק פון מעטערלינק — דראַמען און פּראָזע, נעמט זיין „מאנא וואנא״, זיין „אגלאוועין״, נעמט דאָס בעסטע אפילו — וויינעקסטנס, האַלט איך עס פאַר זיין בעסט — די איינאַקטער „די

בלינדע" און דער „נישט-געבעטענער", פ׳זענען אייגנטלעך, שטומע דראמען — אָן קלאַנג און אָן — ריח.

נאָר אין פראַנקרייך האָט עס עמעצן געקאָנט איינפאַלן אָנצורופן אים דער „בעלגישער שעקספיר" און נאָר אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן עס געקאָנט. אָן קריטיק און אָן אַ שמייכל, נאָכזאָגן, גלייך ווי ס׳איז טאַקע אַזוי. ווייל אין פראַנקרייך, הייבט מען עד היום נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס שעקספיר איז. ווייל שעקספיר איז פאַר זיי נישט קלאָר — און יעדער, וואָס שרייבט זאַכן, וואָס זענען עפּעס פאַרנעבלט, דראַמען, וואָס זענען קיין דראַמען נישט און לעגענדן, וואָס האָבן נישט די נאַיוויטעט און די פרישע אָריגינאַליטעט פון אמתע, שעפערישע לעגענדן — דערפאַר, זאָג איך, פאַררעכנט מען אים צו דעם קלאַס — שעקספיר.

אין אמתן זענען פאַראַן קוים דיכטער, וואָס זענען אַזוי פאַרשידן, ווי מעטערלינק און שעקספיר. שעקספיר האָט אַ פאַנטאַזיע, וואָס באַלעבט שטיין און ביין — מעטערלינקס פאַנטאַזיע טייט אפילו דאָס לעבעדיקע.

שעקספיר האָט פּאַטאָס און ליריק, — מעטערלינק איז טרוקן.

שעקספיר האָט „מיליאַרדן נשמות" אין זיך — מעטערלינק פאַרפוילט זיך מיט אײַנאײַנציקער און מיט דער ווערט ער אויך נישט פאַרטיק.

שעקספיר האָט מוזיק — מעטערלינקס קונסט איז אַ טויבע.

איך האָב זיך אָפט געפרעגט: וואָס איז מעטערלינק — אַ דיכטער, אַ דענקער, אַ דראַמאַטיקער, אַ קינסטלער, אָדער א פילאָזאָף.

האָט ער כאָטש איין טיפ געשאַפן, איין מענטשן אויסגעמאָלט, מיט איין געדאַנק די וועלט באַרייכערט? איז ער פון אַ בייער זייט צו דער וועלט צוגעגאַנגען, האָט ער א נייעם טויער געעפנט?

ווו? וואָס איז זיין וואָרט? אייגנטלעך, איז זיין גאַנצער וועלט-געפיל: דער אייביקער טויט-געפיל. „מיטן אים לעבן זענען מיר טויטע" — ווי דער מיטלאַלטערלעכער מאָנאַך נאַטקער, דער שטאַמלער, נאַטקער דער כבד־פה, האָט געזונגען.

און באַמערקט — מעטערלינק איז אויך אַ כבד=פה, זיין סטיל איז אַזוי איינטאָניק, אַזוי אויסגעצויגן, אַזוי — נישט באַרעדט, נישט

באַפליגלט, אַזוי נישט־דערוואַרעמט. און מעטערלינק האָט ליב — מאָנאַכנטום אין אַלע זיינע געשטאַלטן. נישט ווייל ער איז אַזוי פרום, נישט ווייל ער לייקנט דאָס לעבן — נאָר ווייל — יאָ, ווייל עס איז דעקאָראַטיוו.

מעטערלינק איז אַ בעלגיער און אַ פלעמע. שטאַמט פון א פאָלק, וואָס האָט געוואַלדיקע תּאוות און ווייניק שטימונג, א פאָלק, וואָס איז אַזוי עולם־הזהדיק, אַז אפילו זיין טרויעריקייט קומט פון מידקייט און נישט אָנגעזעטיקטקייט. אַזוי זענען אויך די גרעסטע בעלגישע מאַלער געווען. בעלגיע האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין גאָר גרויסע מוזיקער און זייער ווייניקע גרויסע דענקער. אָבער מאָלער יאָ. רובענס איז געווען מעטערלינקס אַ גייסטיקער זיידע. רובענס, דער דעקאָראַטיווער מאַלער. פאַרשטייט זיך, מעטערלינק האָט נישט רובענסעס פּינזל, ער האָט נישט זיינע לייכטנדיקע פאַרבן, זיין לעבנס־הונגער. ער איז אַ קילער, ער איז ניכטערער, ער איז געדעמפטער. רובענס האָט געמאָלט דעם שענסטן רויט, וואָס די וועלט האָט געזען. מעטער־לינק האָט דאָס רויט פאַרביטן מיט גרוי, מיט שאָטנדיק־טונקל, אָבער דער פּרינציפּ איז דער אייגענער. דאָרט — מענטשן אויף דער לייוונט אַלס אַ פּאָרוואַנט פאַר פאַרבן — דאָ מענטשן אויף דעם סצענע, געדאַנקען אויף פּאַפּיר — אַלס דעקאָראַטיווע מאָטיוון — מאָטיוון אין גרוי און שוואַרץ, און אַמאָל דערוועקט זיך דער רו־בענסישער גייסט אין אים און ער מאָלט פראַכטפולע, פאַרבנרייכע, פאַרבנזאַטע דעקאָראַציעס, ווי אין זיין „בלויען פויגל”.

אָרעם אין פאַרבן — אַלס מאָלער, אָרעם אין געדאַנקען — אַלס דענקער. נעמט זיין לעצטן בוך: „די בערג־וועגן”. עס איז אַרויס בשעת דער מלחמה, אָדער, אייגנטלעך, נאָך דער מלחמה; איינע פון די געוויינלעכע מעטערלינקישע ביכער — קורצע עטיודן: איבער גאָרנישט, איבער דעם שאָרך פון אָוונט, דעם שאָטן פון אַ שאָטן. ער רעדט דאָרט איבער לעבעדיקע פראַגן. איר געפינט דאָרט אַן אַרטיקל איבער אַן אויטאָמאָביל און קאָרטן־שפּיל, איבער מלחמה און שלום, איבער טויט. און וואָס איז אַזוי צייט־פּאַסיק, ווי די פראַגע פון טויט?

איך ווייס, איך האָב געעפנט דאָס בוך מיט אַ האָפענונג, אפשר וועט ער מיר עפּעס זאָגן, — האָט זיך פאַר מיר דאָס בילד פון

דער וועלט פאַרדעקט, פאַרשלייערט; האָב איך מיין וועג פאַרלױרן — אפשר וועט ער מיר העלפן דעם שלייער אַ ביסל צו עפענען. לאָמיר זען וווהין ער גייט — וועל איך אים נאָכגיין.

אָבער ער גייט גאָרנישט. ער רעדט נאָר, פּונקט אַזוי ווי טויזנט אַנדערע, קלענערע און ווייניקער פּרעטענציעזע רעדן. און דאָס בעסטע איז שוין געזאָגט געוואָרן אין אַלטע ספרים און — אין נייע צייטונגען.

אַז מיר וועלן נישט זיין גליקלעכער און בעסער, אפילו ווען די התגלות השכינה זאָל קומען צו אונדז און דער סוד פון דער וועלט זאָל זיך אַנטפּלעקן — אָט די לעצטע אַנטדעקונג פון מעטערלינקן איז שוין טיפער און בעסער געזאָגט געוואָרן פון די, וואָס האָבן באמת אמונה געהאַט; פון די, וואָס זענען געגאַנגען מיט אַ גאַנצן האַרצן פאַר זייער גאָט.

און איך האָב זיך געפרעגט: צוליב וואָס האָט מעטערלינק די־דאָזיקע מאמרים געשריבן? וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן? וועמען האָט ער עס געוואָלט זאָגן? אָדער ער שרייבט אויך אַזוי ווי אַנדערע, ווייניקער מיסטישע שרייבער — גלאַט אַזוי, ווייל אַ שרייבער האָט אַ טבע צו שרייבן? אין זיין שמערץ צייגט זיך אַ קינסטלער: דאָרט איז די פּראָבע פאַר זיין אמת און זיין גאָלד־געוויכט. אפילו קליינע מענטשן ווערן אין שמערץ געלייטערט, וואַקסן דורך און אין אים.

מעטערלינק האָט דעמדאָזיקן עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן. אין אַ גרויסער, אומגעהייער שמערצלעכער צייט האָט זיך דער קליינער קינסטלער אין אים באַשיינפּערלעך באַוויזן, און דאָס וואַרפט אַ שאָטן אויף זיין פריערדיקער קינסטלערשאַפט, שטעלט זי אין פראַגע און חשד.

איינס פון די ערשטע ווערק מעטערלינקס איז געווען זיין לי־דער־זאַמלונג: „וואַרעמע אָראַנזשעריעס". און דאָס איז סימבאָליס־טיש פאַר אים. ער איז, אייגנטלעך, אַ דיכטער פון אָראַנזשעריעס, פון געקינסטלטע אַטמאָספערן, פון אַן אויף לייוונט געמאָלטער, דע־קאָראַטיווער וועלט.

און מיר האָבן געגלויבט אין אים, ווייל מיר אַליין לעבן אין אַ לייוונט־וועלט.

אָבער צעריסן איז דער לייוונט און עס הוליעט דער ווינט. און מיר האָבן דעם „נישט־געבעטענעם" געזען, דעם אמתן, נישט דעם מעטערלינקיש־פאַרמאַסקירטן — און מעטערלינקס געקינסטלטע פּאַפּירענע, פון שטיקלעך פּסיכאָלאָגיע צוזאַמענגעקלעפּטע סילועטן־וועלט איז געוואָרן אַ שפּיל פאַר קינדער, נישט קיין ערנסט פאַר דער ערנסטערער צייט.

עמילווערהאַרן.

איך שטאַם פון יענער עקשנישער ראַסע,
וואָס וויל נאָך, נאָכדעם, וואָס זי האָט געוואָלט,
און נאָך, און נאָך, און נאָכמער".

[(עמיל ווערהאַרן)

די עקשנישע ראַסע — איז די בעלגישע. כמעט אַ ראַסע פאַר זיך. נישט גערמאַניש, נישט ראָמאַניש, — צווישן ביידע, אַ פאַר־בינדונגס־בריק צווישן זיי. אַ פאַרבינדונג און אַן איבערגאַנג. גער־מאַנישער מיסטיציזם, וואָס גייט איבער אין פראַנצויזישער קלאָר־קייט און פאָרם־טאַלענט. בעלגיע — דאָס איז רובענס, בעלגיע איז רעמבראַנדט און וואַן אייק. רובענס! געדענקט איר זיינע ביל־דער? גרויסע, ברייטע לייוונטן, פול מיט לעבן, מיט באַוועגונג, מיט אויסגעלאַסענעם לעבן. גרויסע, שטאַרקע, נאַקעטע פרויען, ווייסע לייבער, רויטלעך פון דעם פרישן, געזונטן בלוט אין זייערע אָדערן. שטאַרק און פעט. גרויסע, שטאַרקע מענער. די פנימער תמיד גע־רויטלט פון וויין, תמיד אין אַ צושטאַנד פון תאווה־עקסטאַז, פון אַן ענטוזיאַזם פון די חושים. רובענסעס פאַרב, זיין ליבלינגס־פאַרב איז רויט. אַזוי טיף און זאַט רויט, ווי ביי קיין אַנדער מאַלער.

און זיין קעגנזאַץ — וואַן אייק. כמעט אָן פלייש און אָן בלוט, ריינער רחמנות, רזי דרזין, מיסטישע רעליגיעזיטעט, מאַדאָנעס, ווי פון שטראַלן, ריינע ליניען, כמעט קיין פאַרב נישט, שוואַרץ און ווייס, אָדער געלבלעך, ווי געשניצטער אַלטער העלפאַנדביין.

ביידע — רובענס און וואַן אייק — זענען די עקסטרעמען פון פלאַנדערן-אויסגעלאַסנקייט, תאווה, ליידנשאַפטן און שטילע, פאַר-חלומטע, פאַרכישופטע מיסטיק. און צווישן ביידע, דער סינטעז פון ביידע — איז דער גרויסער, אומדערגרינדלעכער רעמבראַנדט. ער איז אַ האָלענדער, נישט קיין בעלגיער, אָבער צווישן פלאַנדערן און האָלאַנד איז אַ קליינער, גאָר אַ קליינער אונטערשיד, כּמעט דאָס אייגענע. נאָר אַ פּאָליטישער און צום געוויסן טייל אַ שפּראַכלעכער אונטערשיד. פלאַנדערן איז מער אונטערן פראַנצויזישן איינפלוס, ווי האָלאַנד. אָבער די פּסיכישע קולטור איז די אייגענע.

קוקט זיך איין אין רעמבראַנדטס בילדער, אין די ווונדערבאַרע קעפּ פון זיינע מענער און פרויען, אין דעם סודותדיק גאָלדיקן גלאַנץ פון זייער פאַרב. צו וואָס ער רירט זיך צו, באַקומט עס לעבן. דער רעאַליסטישער מאָטיוו ווערט פאַנטאַסטישער אונטער זיינע הענט, כּמעט איבערוועלטלעך.

און דאָס, וואָס רעמבראַנדט איז געווען פאַר דער נידערלענ-דישער מאַלעריי, איז עמיל ווערהאַרן געווען פאַר דער פּאָעזיע פון פלאַנדערן, פון נידערלאַנד, דער צונויפֿמענפאַסער פון אַלע מאָטיוון, דער פאַרגרעסערער, פאַרשטאַרקערער, פאַרפאַנטאַזירנדיקער פון דער ווירקלעכקייט.

ווערהאַרן איז געווען דער טיפּישער פלאמאנדער. געבוירן אין דעם האַרץ פון פלאַנדערן (אין יאָר 1855), האָט ער פון קינדהייט אָן איינגעזויגן אין זיך די איינדרוקן און די שטימונג, די מאָטיוון פון דעם מערקווירדיק שטימונגרייכן לאַנד, און אַזוי ווי בעלגיע, איז ער געווען „צווישן דעם גליענדיקן פראַנקרייך און דעם שווער-ערנסטן דייטשלאַנד”. עס איז געווען די צייט פון דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער אויפלעבונג פון בעלגיע. גרויסע און פרישע טאַלענטן זענען אויפגעשטאַנען, דיכטער אין פלאַמישער און אין פראַנצויזישער שפּראַך. פון דער פלאַמישער, פאָלקסטימלעכער זייט— הענרי קאָנסיאַנס מיט זיינע ווונדערבאַרע ראָמאַנען פון בעלגיעס פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, פון דער פראַנצויזישער — קאַמיל לעמאָניע, פּיקאַר, זשאָרזש ראָדענבאַך, שפּעטער מאָריס מעטערלינק, זשאָרזש עקהוד, שאַרל פאַן לייבערג, איוואַן זשילקין און

אַ סך אַנדערע. יעדער מיט זיין אינדיווידואַליטעט, און יעדער מיט איינעם פון די צוויי גרונטשטייגער פון דער בעלגישער אייגנאַרט. קאַמיל לעמאָניע און זשאָרזש עקהוד — רובענס-טיפּן. נאַטוראַליסטן, מיט אַ ברייטן פּינזל, מיט רייכע, תאווה-געפּאַרבטע געשטאַלטן. און די אַנדערע: מעטערלינק, ראָדענבאַך — וואַן אייקטיפּן, ריינע שטימונג, בין-השמשות, האַלב-אָפּגעבראָכענע מאָטיוון און טענער, קראַנקהאַפּט, קלויסטערהאַפּט, מאָנאַרכיסטיש.

דאָס איז געווען דער קרייז, אין וועלכן דער יונגער עמיל ווערהאַרן איז אויסגעוואַקסן און פון וועלכן ער האָט באַקומען זיין ערשטע השפּעה. און ווערהאַרן איז אַריין אין דער בעלגישער ליטעראַטור מיט דעם אימפּעט פון אַ רעמבראַנדט, מיט אַ שטורעמקראַפט, — פון זיין ערשטן שיר איז ער געווען — דער רעמבראַנדט פון דער בעלגישער פּאָעזיע, און ווייל ער האָט געשריבן — ווי כמעט אַלע בעלגיער — פראַנצויזיש, איז ער געוואָרן דער אַנטדעקער פון אַ נייעם סטיל פאַר פראַנקרייך, פאַר דער גאַנצער קולטורוועלט.

דאָס שאַפן פון אַ דיכטער איז אַן אייביק זיך מתוודה זיין. אַמאָל שלאָגט ער זיך מיט ליידנשאַפט און הייסן שמערץ „על חטא”, קלאָגט איבער זיך, איבער זיין שוואַכקייט, איבער זיין ירידה, און דאָס צווייטע מאָל זאָגט ער הלל, — צום לעבן, צו דער וועלט, צו זיך, אָבער תמיד איז ער דער צענטער פון אַלעמען, אפילו ווען ער מאָלט בילדער פון דער אויסנוועלט, אפילו ווען ער שאַפט אָביעקטיווע קונסט. אַנדערש קען קיין דיכטער נישט זיין. וואָרים פּאָעזיע הייסט פאַרבן און פאַרגרעסערן די וועלט, משפּיע זיין אויף איר מיט זיין פולער גאָב, וואָס ער פילט אין זיך, פאַרגרעסערן און פאַרשענערן דאָס אַלטעגלעכע, גרויע, שטיקלעכווייזע לעבן פון היינט און נעכטן, פון נעכטן און שימערירנדיקן מאָרגן.

אַזוי איז געווען ווערהאַרנס באַציונג צו דער וועלט. פון זיך — צו איר, אָבער זיין „איך” איז געווען שטאַרק, ווייל אָנגעזאַפּט מיט דער ירושה פון אַן אַלטער און שטאַרקער ראַסע. און אַלס

אַ גאַנצן יונגערמאַן, האָט ער אין זיינע ערשטע, ריין-באַשרייבנדיקע לידער — „די לידער פון פלאַנדערן“ זיך מתוודה געווען:

איך שטאַם פון יענער ראַסע,
וואָס האָט אַ שטאַרקן מוח, שטאַרקער ווי צייַן,
הייס און גליענדיק און שלינג אָן אַ שיעור.
איך שטאַם פון יענער עקשנישער ראַסע,
וואָס וויל נאָך, נאָכדעם, וואָס זי האָט געוואָלט,
און נאָך, און נאָך, און נאָכמער“.

פלוצלונג קומט אין אים בעלגיעס צווייטע — מיסטישע — נשמה און ער הייבט אָן צו זינגען לידער פון טרויער און וועלט-אָפּזאָגן זיך, דעם ציקל פון די „מאָנאַכן-לידער“. מאָנאַכן, גייסטלעכע אין ברוינע קליידער, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי שאָטנס, וואָס גייען איבער דער ערד. און די דיכטער ווייזן זיך אים אויס „ווי פּריסטער, וואָס זענען געקומען צו שפּעט“. און עס קומט איבער אים אַ בענקשאַפט, אַ טיפער אומעט, אַ שווערער טרויער. אַלצדינג איז דערשעפּט. די חושים זענען מיד, נאָר דער מוח „דער אייבזאַמער און מעכטיקער“, וואַכט און פאַרשיכורט זיך מיט דער „רויטער און טאַנישער קונסט“...

דאָס איז די פּעריאָדע, ביי וועלכער אַנדערע, שוואַכערע נאַטורן שטעלן זיך אָפּ. אָבער ווערהאַרן איז געווען אַ רעמבראַנדט-נאַטור. ער איז געווען מער ווי אַ קינסטלער. ער איז געווען דער גרויסער, נייער, אייראָפּעישער מענטש, וואָס קען זיין ביידע צוזאַמען: מאָנאַך און חושים-מענטש, שעפּער און בויער און טרוימער אין דערזעלבער צייט. אין זיין בוך איבער רעמבראַנדט האָט ווערהאַרן געשריבן: רעמבראַנדט איז דער מאַלער פון וווּנדער, ער גיט דעם איבערנאַטירלעכן ממשותדיקייט. און דערצו דאַרף מען האָבן איינס: צו פאַרשטיין דאָס לעבן און זיין סוד מיט דעם אומבאַוווּסטן געפיל, און פאַרייניקן זיי אין דעמזעלבן פלאַם... ער האַלט אין זיינע הענט די ביידע ענדן פון דעם בליץ, פאַרבינדט צו איין משפחה טרערן, וויי-געשרייען, עקסטאַז, ליידן, תאוות פון אונדזער סודותדיקן

„איך" און ווייזט אונדז אויך, אַז דער גאָט, וועלכן ער באַזינגט, ליידט אויך פון דיזעלבע ליידן... „אַלע, וועלכע די וועלט געדענקט, אַלע אמת-גרויסע זענען געווען גוואַלטיקע ווילדע וועלדער"...

און ווי ווערהאַרן האָט געזען רעמבראַנדטן, אזוי איז ער אַליין געווען — אַ גוואַלטיקער, אַ ווילדער וואַלד, און אַזוי האָט ער די וועלט אויפגעפאַסט. פול מיט וואונדער און פלאַם. אויף יעדן שריט גרויסקייט, שיינקייט אפילו אין דעם העסלעכסטן. ווערהאַרן איז אַרויס פון זיין ענגן קרייז אין דער גרויסער וועלט אַריין. האָט געלעבט אין פּאַריז און לאָנדאָן, אין דייטשלאַנד און אין שפּאַניע, איינגענומען אין זיך, ווי אַ שווער אָטעמענדיקער, די לופט פון היינטיקן לעבן, די לופט פון די פאַבריקשטעט, איינגעזאַפּט אין זיך די נייע, גרויסע שטאָט, די ריזנשטאָט, וואָס איז די האַנט, די אויסגעשפּרייטע פינגער פון אַ גלית. וואָס איז די שטאָט פון היינט? דער אויסדרוק פון דעם מוח פון היינט. אזוי רייך און שטאַרק, ווי ער, אַזוי גליענדיק און פיבערנדיק, ווי ער. נייגעריק, אומדערזעטלעך — פול מיט קאָנטראַסטן, פול מיט שיכרות, תאווה, זינד און ווידעראמאָל פול מיט שטילע טענער פון אַ נייער רעליגיעזער שטימונג. די רעליגיעזיטעט, וואָס פאַרבאָרגט זיך דאָ — אין אונדזערע גרויסע שטעט, איז שטילער, בלאַסער, שענער און נענטער צו גאָט, ווי די אַמאָליקע. און דאָס האָט ווערהאַרן דערפילט און דאָס האָט ער באַזונגען אין זיין וואונדערשיינעם ציקל פון שטאָט-לידער. און ער איז געוואָרן דער דיכטער פון מאָדערנעם לעבן, דער דיכטער, וואָס האָט איבערגעגעבן דעם טאָן פון אונדזער צייט, איבערגעגעבן און פאַרשטאַרקט, און אים געמאַכט אזוי פאַנטאַסטיש, און רייך, ווי אַ קול, וואָס פאַלט אַריין אין אַ וואַלד. האָט איר אַמאָל געהערט ווי אַ וואַלד ענטפערט? עס שוידערט כמעט. עס ווייזט זיך אויס, אַז די ערד אַליין, אַז די אַלטע וואָרצלען פון דיביימער ענטפערן מיט דעם אייביקן קול פון ששת ימי בראשית, און דאָס קלענסטע ווערט גרויס, דאָס באַנאַלסטע — אַ סוד.

אַזוי האָט ווערהאַרן אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון דער וועלט און אים ווייטער געגעבן. און געבראַכט אַ נייעם מאָטיוו צו די מענטשן...

אין זיינע „הימנען צום לעבן" איז פאַראַן אַ ליד, וואָס הייסט

די „לעצטע זון”. דאָרט זינגט דער דיכטער פון זיין לעצטער שעה, ווי ער האָט פון איר געטרוימט.

„אפשר,
אמאָל אין מיין לעצטער שעה,
אפשר,
וועט דעמאלט — נאָר אויף איין רגע
אריינקריכן אַ ביסל זון, לייכט און צעשראָקן,
דורך די טונקל-ווערגדיקע פענסטער.
און דעמאלט וועלן מיינע הענט, די ארעמע, בלייכע,
נאכאַמאָל ווערן רייף, רייף פון גאלד פון איר היץ,
און זי וועט קושן מיט אַ לעצטן קוש, ווארעם און מילד,
מיינע ליפן און מיין שטערן.
און מיינע אויגן וועלן קאנען — איידער זיי פארברענען — מיט שטאלץ
ווידערשראלן מיט דאנק אזאַ גרויסן גלאַנץ...”

אַזוי האָט ווערהארן געטרוימט און געהאָפט און מתפלל געווען. אָבער — דאָס לעבן איז געווען גרויזאַמער, ווי ער האָט געטראַכט. עס האָט אים אָפּגענאַרט. עס איז געקומען אַ שטורעם איבער דער וועלט און פאַרוויסט זיין לאַנד. אַ פייער האָט פאַרברענט זיין היים, דער דייטשישער סאָלדאַט האָט צעטרעטן און געשענדט זיין פּאָלק. און דער דיכטער פון דער „עקשנותדיקער ראַסע” איז אין גלות געגאַנגען מיט זיין פלאַמענדיקן פּראָטעסט און האָט באַזונגען דאָס „פאַרבלוטיקטע בעלגיע”. און האָט נישט אויפגעהערט צו האָפן, אָבער דער טויט האָט נישט געוואַרט, און פּלוצלונג — צופעליק איז דער דיכטער געהרגעט געוואָרן מיט אַ סימבאָלישן טויט. אַ צוג — די איילנדיקע, מעכטיקע באַוועגונג פון אונדזער צייט — האָט אים פאַרכאַפּט און צעקוועטשט, און די זון האָט זיינע „אָרעמע בלאַסע הענט” נישט געקושט...

מאָריס באַרעס.

1

וואָס איז אַ שיין לעבן? געטע האָט געענטפערט: „ווען די עלטער דערפילט, וואָס די יוגנט האָט צוגעזאָגט". ווער אָבער — ווער אין דער גאַנצער וועלט האָט ווען עס איז געלעבט אַזאַ שיין, אַזאַ גרויס לעבן? ווען די עלטער וואָלט בלויז געדענקט, וואָס די יוגנט האָט געוואָלט?

עס איז, אייגנטלעך, א גליק, וואָס מיר פאַרגעסן; אַ גליק, וואָס די יוגנט פאַרשווינדט, ווי הינטער אַ וואלקן און באַווייזט זיך נאָר זייער, זייער זעלטן, ווען עס קומט דער אָוונט. און ווען זי קומט — ווער ווייסט עס נישט, ווער האָט נישט דערפילט דעם טיפן, נאָגנדיקן ווייטיק, די אומגעהייערע בענקשאַפט, וואָס כאַפּט אַרום ווי מיט צוואַנגען דעם עלטער-געוואָרענעם מענטשן, ווען ער דערמאָנט זיך? די יוגנט קוקט שטרענג — און פאָדערט. דער מענטש פון אַמאָל — דער „איך" פון די פאַרגאַנגענע צייטן — קוקט מיט ביטערקייט, מיט אַ פאָרוואורף: וואָס האָסטו געמאכט פון מיין לעבן?

און מען איילט זיך צו פאַרגעסן, פאַרשטעלן זיך פאַר דעם שאָטן פון אַמאָל, אַריינגראָבן זיך טיפער, טיפער, מיט דעם קאָפּ אין דעם ריינענדיקן זאַמד פון דער צייט, ביטער צו זיך אַליין, פאַרביטערט קעגן דער גאַנצער וועלט.

אַזוי איז דער וועג פֿון יעדער מענטשלעכער נשמה. פֿון די העכסטע בערג צום טאָל — אַראָפּ, אַלץ מער, אַלץ נידעריקער, ביז צו דער לעצטער פֿלאַכקייט פֿון דעם גאָרנישט. פֿון גאָרנישט ווערן ביז גאָרנישט זײַן.

II

נישט יעדער געדענקט עס. מען דאַרף האָבן אַ פֿײַנערן, אײדעלערן גײַסטיקן אָרגאַניזם, כּדי צו לײַדן. מענטשן מיט נערוון, ווי שטריק, פֿילן ווײניקער ווײטיק. אָבער די דאָזיקע שטריק־נערוון־מענטשן פֿילן אויך נישט קײן עקסטאַז. נישט אין דער יוגנט, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז אײנאײנציקער עקסטאַז, און נישט אויף דער עלטער, ווען עס קומט די רעאַקציע, די פֿאַרשטאָפּונג.

ניין פֿון צען מענטשן באַקומען די גײַסטיקע אַרטעריאָ־סקלעראָזע אַזוי פֿרי, אַז זײ באַטראַכטן איר פֿאַר אַ נאָרמאַלן, אַנדערש־נישט־זײַן־קאָנענדיקן צושטאַנד. און דער צענטער? ער לײַדט. אונ־ווען ער וויל זיך באַפֿרײַען פֿון דעם לײַדן, ראַטעוועט ער זיך מיט דעם, וואָס ער איז מבטל די חלומות פֿון זײַן יוגנט, אָדער ער טוישט זײ אום, אָרדנט זײ אײַן אויפֿסנײַ, מאַכט מיט זײ אַ קאָמפּראָמיס.

אַזאַ דערשײַנונג — און אַ טיפּישע, וואָס פֿאַרקערפּערט אונדזער הײַנטיקן דור — איז פֿאַר מיר, למשל, מוסאָליני. פֿלאַכקעפּ, אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן און אַנדערע פֿון דעם מין, מאַכן זיך די אַרבעט זײער גרינג, זײער פּשוט: אַ מענטש האָט פֿריער געגלויבט אין סאָציאַליזם און רעוואָלוציע; געווען, מיט אײן וואָרט, אַן „אומאָנשטענדיקער" מענטש און אַ נאַר. דערנאָך האָט ער חרטה געקריגן, געוואָרן קליגער, אײַנגעקוקט זיך אין דער וועלט און דערזען ווי וויל און גוט עס איז אַזוי, ווי עס איז, און איז געוואָרן אַן „אָנשטענדיקער" מענטש, אַ „רעספּעקטײבל סיטיזען".

און זײ ווײסן גאָרנישט, אַז דער וועג איז פֿיל קאָמפּליצירטער, פֿול מיט דערנער, אַ וועג פֿון לײַדן; די לײַדן פֿון דעם מאָדערנעם מענטשן, וואָס האָט אַזויפֿיל געוואָלט און אַזוי ווײניק דערגרײכט.

וואָס האָט ער געוואָלט?

אין 1887 איז אין פּאַריז אַרויסגעקומען אַ בוך, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ רושם. דאָס בוך האָט געהייסן: „פאַר דעם אויג פון די באַרבאַרן". און דער פּאַרפאַסער, אַ גאַנץ יונגער מענטש, פון קוים פינף און צוואַנציק יאָר, האָט געהייסן מ אָ ר י ס ב אַ ר ע ס. אַ נייער נאָמען, וואָס האָט תיכף באַקומען אַ קלאַנג איבער פּאַריז, איבער פראַנקרייך, און זייער באַלד אומעטום, ווו מען הערט זיך איין אין דעם גייסטיקן ריטם פון דער צייט.

דער יונגערמאַן, דער יונגער באַרעס איז געווען אַ תלמיד און אַ יורש. אַ תלמיד פון טען, אַ יורש פון רענאַן. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס בעסטע און דאָס פיינסטע, וואָס די קולטור פון זיין צייט האָט געהאַט, דעם אַראָמאַט פון אַ פיינער, ראַפינירטער קולטור. די לערער האָבן געלערנט — ספק. און ספק הייסט גלויבן אין דעם שכל. יעדער סקעפּטיקער איז דאָך אין תוך אַ ראַציאָנאַליסט. נאָר דער, וואָס איז זיכער, אַז דער שכל קאָן פאַרענטפערן, צווייפלט; נאָר דער, וואָס האָפט אויף אַ תירוץ, שטעלט אַ קשיה. דער סעעפּטיקער שעמט זיך בלויז צו זאָגן, אַז ער גלויבט אין שכל. ער וויל נישט זיין נאַיוו.

ער וויל נישט מודה זיין, אַז דער פרייסטער מענטש איז אייגנטלעך דער ראַציאָנאַליסט, ווייל ער איז נישט געבונדן, ווייל ער האָט בלויז איין האַר איבער זיך — און דאָס איז דער שכל, זיין אייגענער שכל, זיין אייגענער „איך". דער פעלער פון די פראַנצויזישע סקעפּטיקער, פון טען, פון רענאַן א. אז. וו. איז געווען זייער מורא פאַר דעם לעצטן אמת איבער זיך אליין. זיי האָבן קאָקעטירט מיט ווערטער, כדי נישט מוזן מודה זיין, וואָס זיי זענען. און זיי האָבן אויפגעבראַכט אַ דור פון תלמידים־קאָקעטן.

אָבער יונגעלייט זענען ערנסט. זיי מוזן וויסן. עס גייט זיי אין לעבן. זיי מוזן זיך אָריענטירן. מאָריס באַרעס האָט זיך אויך געוואָלט אָריענטירן. און זיין אָריענטאַציע איז געווען — די נאַטירלעכסטע, וואָס אַ יונגערמאַן קאָן האָבן, די אָריענטאַציע אויף „איך". פריש און ניי איז די וועלט פאַר יעדן, וואָס קומט אַריין אין איר, און פריש און ניי זאָל זי אויך ווערן פאַר דעם, וואָס ליבט זי. פריי — פריי, ווי דער „שאַפנדיקער „איך" — „אַלצדינג ווערט פון אונדז געמאַכט. יעדע ווירקלעכקייט איז אונדזער ווירקלעכקייט —

שיין, צי מיאוס". קיינער איז צו קיינעם נישט גלייך, יעדער אויגנ־בליק איז אַ נייע שאַפונג; יעדעס געפיל איז אמת, יעדער געדאַנק איז ריכטיק, ווייל אויסער דעם „איך", וואָס פילט און וואָס דענקט, איז גאָר נישטאָ אין דער וועלט. „איך" און די וועלט איז דאָס אייגענע. דער גאַנצער צענטער פון דעם לעבן ווערט אַריבערגעטראָגן פון דער אויסערער וועלט — אין דער אינערער. נישט דאָס לעבן איז וויכטיק — דאָס „דערלעבעניש" איז דער עיקר, איז דער ציל.

און ווייל פריי, און ווייל ניי, מוז מען זיך באַפרייען פון אַלע קייטן, פון אַלע אַלטקייטן. ווייל גאָרנישט חזרט זיך נישט איבער, מוז מען זיך באַפרייען פון דער טראַדיציע, פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער טוים מיט דעם לעבן האָט נישט קיין שייכות.

III

אַזוי רעדט די יוגנט, אַזוי דער „איך", וואָס וואַכט אויף. אָבער צוביסלעכווייז קומט די מידקייט. וואָס אינטענסיווער מען פילט און דערלעבט, אַלץ זיכערער קומט זי. וואָס פרייער מען וויל זיין, און וואָס שטאַרקער דער שטורעם פון פרייהייט, אַלץ שטילער ווערט עס נאָך דעם ערשטן רעש.

און מאָריס באַרעס איז זייער באַלד מיד געוואָרן. עטלעכע יאָר נאָך זיין ערשטן בוך ווערט באַרעס פון אַ שטורמישן „איך"־פאַרערערער — אַ טראַדיציאָנאַליסט, אַ וואָרצלען־זוכער. ביסלעכווייז אַנטדעקט ער, אַז דער „איך", וועמען ער האָט אויפגעשטעלט אַ מזבח, איז גאָר קיין גאָט נישט, אַז ער שאַפט נישט, נאָר ווערט געשאַפן, געשפייזט פון זאַפטן, וואָס רינען פון קדמות דנא, אַז ער האָט פאַר־וואָרצלונגען, ערגעץ טיף, טיף אין דער ערד, דאָרט, וווּ די טויטע ליגן. און יעדער האָט זיינע טויטע, אייגענע, נאָענטע, אין זיין איי־גענער היים.

און מאָריס באַרעס וואַרפט זיך אַריבער מיט דעם אייגענעם ענטוזיאַזם צו די טראַדיציאָנאַליסטן. ער ווערט דער גייסטיקער פי־רער, דער ליטעראַרישער פאַרפירער פון די נאַציאָנאַליסטן.

פאַרפירער — ווייל וואָס באַרעס האָט נישט געשריבן, האָט עס האָט אַזויפיל חן, אַזאַ קינסטלערישן גלאַנץ, אַזאַ רייכקייט פון

פאַרבן און זאַטקייט פון קולטור, אַז מען האָט אים נישט געקאָנט בײַשטיין. זיין סטיל האָט געווירקט ווי אַ פאַרבן־סימפאָניע; מען האָט זיך שווער געקאָנט פון אים באַפרייען. און ווי דער „תלמיד" אין דעם באַקאַנטן ראָמאַן פון פּאָל בורזשע — אויך איינער פון די, וואָס האָבן תשובה געטאָן — האָט ער זיך געקערט קעגן די לערער, קעגן רענאַן, קעגן טען, קעגן דער גאַנצער ליבעראַלער, סקעפּטישער, „צעשטערנדיקער" ריכטונג. ער האָט געוואָלט „בויען", ער האָט געפּרעדיקט „שאַפן" און „ענערגיע". מען האָט אים אָנגעהייבן צו באַטראַכטן אין פראַנקרייך אַלס אַ פירער. מען האָט אים געגעבן אַ נאָמען „דער לערער פון נאַציאָנאַלער ענערגיע".

און ער האָט אַליין אויך זיך פאַרגליבט אין זיין „ענערגיע". אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרביטן זיין פען מיט דער טריבונע פון פּאַרלאַמענט, אַז ער האָט זיך אַרייַנגעוואָרפן אין פּאָליטיק, ווו ער איז געווען איינער פון די רעאַקציאָנערע, פון די, וואָס אַטאַקירן יעדן פרייהייט־געדאַנק, פון די פריינט פון דעם האַלב־משוגענעם לעאָן דאָדע און דעם קאַלטן עסטעט און מאָנאַרכיסטישן טעאָרעטיקער שאַרל מאָראָס. דער קינסטלער איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט.

עס איז אפשר נישט קיין פעלער. פראַנקרייך איז דאָס איינציקע לאַנד, ווו קינסטלער, דיכטער, דענקער נעמען אַן אַקטיוון חלק אין דעם לעבן פון דעם לאַנד. עס איז נישט תמיד נוצלעך פאַר דער פּראַקטישער פּאָליטיק. די פּאָעטן פאַרשטייען ווייניק פון פינאַנצן און פון פּאַרלאַמענטאַרישע אינטריגעס, אָבער עס גיט צו דער פראַנצויזישער פּאָליטיק דעם גלאַנץ און די שיינקייט, וואָס איז איינציק, וואָס קיינער קאָן איר נישט נאָכמאַכן.

פאַרוואָס אויך נישט? פאַרוואָס זאָלן נישט פּאָעטן, דאָס הייסט, די ראַפינירטע מענטשן, מיטווירקן אין דער פּאָליטיק? פאַרוואָס מוז דאָס לעבן פון אַ לאַנד געפירט ווערן בלויז פון באַנקירן און אַדוואָקאָטן, פון מענטשן אָן פאַנטאַזיע און אָן פּערספּעקטיוון? אַפילו ווען פּאָעטן טוען נאַרישקייטן, איז דאָס אָפט מער ווערט, ווי די „חכמה" פון אַ באַנק־דירעקטאָר.

באַרעס האָט זיכער געטאָן אַ סך נאַרישקייטן אין דער פּאָליטיק; אָבער ער האָט אויך געטאָן אַ זייער נוצלעכע זאַך: ער

האָט אָנגעשריבן אַ בוך פון פּאָרטרעטן, בילדער פון דעם פּאַרלאַמענט, וואָס שטייט כּמעט אַליין אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט געצייכנט אַ גאַנצע גאַלעריע פון פּאָליטיקער — אין דעם בוך „זייערע פיגורן" — בילדער, געזען מיט דעם אויג פון אַ קינסטלער, סוביעקטיוו, אימפּרעסיאָניסטיש, נישט תּמיד גערעכט, אָבער אין דעם לעצטן גרונט — אמת. אפילו ווען ער האָט געוואָלט זיין פּאַרטעיש, האָט ער נישט געקאָנט. און ער האָט אָפט געבענטשט, ווי ער האָט געוואָלט שעלטן, ווי בלעם, דער ערשטער אימפּרעסיאָניסטישער פּאָליטיקער פון דער וועלטגעשיכטע.

און אפילו דאָרט, ווו ער איז געווען רעאַקציאָנער — אין זיינע אַרטיקלען, אין די ביכער פון די שפּעטערע יאָרן — האָט זיך געפילט דער אַלטער, באַפרייענדיקער, שיינהייטס־עקסטאַטישער גייסט פון דעם אייביק־יונגן, אייביק־פרישן „איך".

IV

מוז דאָס זיין אַזוי? פירט יעדער וועג פון דעם „איך" צו די „וואָרצלען", פון דער פרייהייט צו דער טראַדיציע? איז באַרעס אַ שפּיגל פון „דעם" מענטשן, פון יעדן מענטשן? אָדער איז דאָס בלויז אונדזער צייט, וואָס איז אַזוי מיד, ווייל זי האָט אַזויפיל געוואָלט?

איך ווייס נישט. די מענטשן זענען דאָך בכלל אַזוי יונג. אומצייליקע דורות פאַר אונדז האָבן געשוויגן, געליטן, וואָס זייער גורל איז געווען און נישט גערעדט. די גאַנצע קונסט פון זיך געפינען, פון זיך אויספאָרשן, פון פאַרטיפן זיך, אַנאַליזירן דעם גאַנצן קאַמף — פאַר און קעגן דעם „איך", פאַר דעם לעבעדיקן און קעגן דעם טויטן — עס איז דאָך אַזאַ פרישער, אַזאַ נייער קאַמף. און מען קאָן נאָך נישט פאָרויסזאָגן, וואָס דער סוף וועט זיין. אַ נייע באַפרידיקונג, אַ באַרירונג — אָדער אַ שטורעם, וואָס וועט קיינמאָל נישט אויפהערן.

מאָריס באַרעס האָט אין איינעם פון זיינע לעצטע ביכער „געהייליקט די ליבע און דעם שמערץ", געשריבן: „אין מיין יוגנט האָב איך געגלויבט, אַז די שיינקייט איז צעשפּרייט איבער דער

גאַנצער וועלט און דווקא אין די סודותדיקע ערטער; היינט געפין איך די שיינקייט אויף דעם פשוטן פנים פון מיין געבירטי־קער ערד".

עס איז אויף אַן אומוועג — אַן אומקער פון מיסטיק צום ראַציאָנאַליזם, פון וואַנדער־וועגן צום ציל. אָבער — איז דאָס נישט דער גרעסטער ציל, די שענסטע מי: צו זוכן שיינקייט אין דער גאַנצער וועלט — תמיד, אפילו ווען די יוגנט פאַרגייט?

בפֿרעס איז מיד געוואָרן, אונדזער דור איז מיד געוואָרן — אָבער איז דערפֿאַר ווייניקער שיינקייט פֿאַראַן אין דער וועלט? מען טאָר נישט מיד ווערן, מען טאָר נישט אַלט ווערן. מען מוז וועלן יונג זיין. פֿאַרוואָס וועלן מיר נישט גענוג?

קלאָד מאָנע,

דער אַלטער מאָלער — דער זעקס און אַכציק־יעריקער קלאָד מאָנע איז געשטאָרבן. און דער אַלטער קלעמאַנסאָ, כּמעט אין די אייגענע יאָרן — האָט אים באַווײנט. דער זקן פון דער פּאָליטיק, דער קילער, כּמעט ציניש דענקער, דער שאַרפער און וויציקער קלעמאַנסאָ האָט זיך דעם טויט פון זיין אַלטן חבר גענומען אַזוי טראַגיש צום האַרצן, גלייך ווי דער טויט וואָלט געקומען צו מאָנע'ן אומגעריכט פרי, איבערגעבראָכן זיין לעבנסאַרבעט, אָפּגעריסן אים פון זיין שאַפן, גלייך ווי מאָנע וואָלט געוועזן נישט קיין אָנערקענטער פאַרענדיקטער מייסטער, נאָר אַן אָנהייבער, אַ באַזיגטער און נישט קיין זיגער.

מחמת דאָס איז דאָך געוועזן קלאָד מאָנע, איינער פון די ווייניקע קינסטלער איז דער וועלט, וואָס האָט אָנגעהייבן, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער, און געענדיקט, ווי אַ קלאַסיקער, דערלעבט דעם טריומף פון זיין אידעע און פון זיין קונסט, געשאַפן אַ שולע, איינגענומען די גאַנצע קונסטוועלט, אַרויפגעלייגט זיין שטאַמפּ אויף דעם שאַפן פון דער צייט. זעלטן ווען עס איז אַ מענטשן געראָטן צו דערלעבן, אַז דאָס, וואָס מ'האָט אין זיין יוגנט געהאַלטן פאַר אַן אוממעגלעכקייט, אומנאַטירלעכקייט, פאַר אַן אומבאַרעכטיקטן קאַפּריז — זאָל צום סוף פון זיינע יאָרן אַזוי אַריינדרינגען אין דעם באַוווּסטזיין פון די מענטשן, אַז עס ווערט שוין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַ ווי־גאָר־אַנדערש ?

און דאָס איז דאָך דער גורל פון דער נייער קונסט, וואָס מאָנע און זיינע חברים — מאָנע און פּיסאַראָ און רענואַר און סיסליי און די איבעריקע — האָבן מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק געשאַפן

און אַרויפגעצוווּנגען אויף דער קולטורוועלט. דאָס איז דער גורל פון דעם אימפּרעסיאָניזם.

פרעגט היינט יעדן קינסטלער, — יעדן מענטשן, וואָס האָט ליב קונסט, אָדער גלאַט דעם ברייטן עולם, וואָס גייט פון צייט צו צייט אין מוזייען און באַקוקט בילדער און לייענט אַרטיקלען איבער מאָלער און מאַלעריי, — פרעגט זיי, וואָס האַלטן זיי פון דעם אימפּרעסיאָניזם — און זיי וועלן אייך אָנקוקן מיט פאַרוווּנדערונג. קאָן מען איינעם פרעגן היינט צו טאָג, וואָס ער האַלט פון קאָפּערניקס שיטה, צי ער גלויבט, אַז די ערד דרייט זיך? עס איז דאָך שוין אַן ענין, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט דיסקוטירן, עס איז שוין אַ טראַדיציע. ווי אַזוי זאָל מען און קאָן מען דען אַנדערש מאָלען, אויב נישט אימפּרעסיאָניסטיש, אויב נישט אַזוי ווי די גרויסע מייסטער, ווי מאָנע און מאַנע און קאָראָ און פּיסאַראָ האָבן געמאָלט?

מיט אַ דור צוריק איז דאָס געווען גאָר אַנדערש. „אימפּרעסיאָניזם"? וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש? האָבן זיך געפרעגט די אַלטע אַקאַדעמישע מאָלער. דאָס איז דאָך בלויז געפּלעקט און געפּינטלט, דאָס איז נישט קונסט — דאָס איז פאַנטאַזיע פון פאַרטאָטשעס, פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין חוש פאַר פאָרם, פאַר ליניע, פאַר דעם ריטם פון דער באַוועגונג. דאָס איז קינסטלערישער אַנאַרכיזם!

און זיי זענען — פון זייער שטאַנדפּונקט — געווען גערעכט.

דאָס שווערסטע אין דער וועלט — איז נישט, ווי מען מיינט, טראַכטן. פון זינט די מענטשלעכע וועלט שטייט, איך מיין, פון זינט מיר האָבן בכלל אַ מענלעכקייט אויסצודריקן געפילן און וווּנטשן אין ווערטער און אַקטן — טראַכטן מענטשן כמעט אויף דעם אייגענעם אופן. עס איז תמיד דער קאַמף פאַר אויסקלייבן צווישן די פאַרשידענע מאָטיוון, צווישן יאָ און ניין, צווישן ווילן און מורא האָבן. די רעזולטאַטן מעגן זיין פאַרשידענע, די מאָטיוון זענען מער אָדער ווייניקער די אייגענע.

אָבער דאָס, וואָס בייט זיך, דאָס, וואָס ענדערט זיך, איז — דאָס אויג. דאָס מיינט — די וועלט אַרום אונדז, אַט אַזוי ווי זי איז, אַט אַזוי ווי זי דערגרייכט צו אונדז. לייענט היינט די קלאַסישע ביכער, די טראַקטאַטן פון אַריסטאָטעל, די דיקע ביכער פון די מיטל-

אלטערלעכע מאָנאַכן, אָדער רבנים — און איר וועט זיי פאַרשטיין. איר וועט נישט געפינען קיין גרויסן אונטערשיד צווישן זייערע ווערטער און אונדזערע, צווישן זייערע פראַזן און די, וואָס באַשעפטיקן אונדז. בלויז די טערמינאָלאָגיע איז אַן אַנדערע — און אויך זי בייט זיך זייער פּאַמעלעך.

אָבער נעמט אַ בילד, וואָס אַ גריכישער מאָלער האָט געמאָלט אין פּאָמפּיי, אָדער פון אַן איטאַליענישן קינסטלער אין דעם רענעסאַנס, און פאַרגלייכט אים מיט אַ קונסטווערק פון אונדזער צייט — און איר וועט כמעט נישט דערקענען, אַז דאָס איז די אייגענע ערד, די אייגענע וועלט פון זאַכן, וואָס זיי מאָלען.

ווען מען גייט היינטיקן טאָג — מיט דעם אויג, וואָס מיר האָבן — דורך די גרויסע גאַלעריעס און מוזייען, און מ'זעט די אומצייליקע בילדער פון די אַלטע מייסטער, זייערע קריסטוס- און מאַדאָנאַ- און הייליקע בילדער, זייערע לאַנדשאַפטן, די שטעט, די וועלדער, די זון-אונטערגאַנגען און די שאָטנדיקע נאָכמיטאָגן — ווען מען באַטראַכט זיי אָן דעם נייטיקן יראת-הכבוד פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ געשיכטלעכער באַציונג, נאָר מיט אַ פרישן אויג — וווּנדערט מען זיך: איז דאָס קונסט? אָט דאָס בלוי, וואָס איז אין ערגעץ נישט פאַראַן אַ חוץ אויף די לייוונטן, אָט דאָס רויט, וואָס איז אויסגעטראַכט, אָט די פּנימער, וואָס זענען אַזוי איינטאָניק, אַזוי פאַרגליווערט, אָט די פאַרשטיינערטע ליניע — איז דאָס די גרויסע קונסט, וואָס מען רימט אַזוי שטאַרק, די קלאַסישע, די נישט דערגרייכנדיקע?

געוויס, דאָ און דאָרט אַן אויסנאַם. לעאָנאַרדאָ, וועלאַסקעז, רעמבראַנדט, פראַנץ האַלז, זעלטענער — ראַפאַעל, זיי גליִען אויף, פון זייערע לייוונטן פלאַקערט אייך אַנטקעגן אַ מערקווירדיקע, אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, שטראַלט צוריק אַן אויג, וואָס האָט געזען די וועלט אַנדערש ווי אַלע.

אָבער די הונדערטער, די טויזנטער קלאַסישע מאָלער — וואָס האָבן זיי געזען? ווען האָט די וועלט אַזוי אויסגעקוקט, ווי זיי מאָלן זי אויס?

אָבער די מענטשן האָבן — ד ע מ אָ ל ט — דערקענט זייער וועלט — און זייערע מאָלערס. ווייל — ווייל זיי האָבן זי אַזוי געזען — איז זי אויך אַזוי געווען. רויקע ליניעס, געאָמעטרישע פּי-

גורן, אַ סקעלעט באַפּוצט און באַמאָלט מיט פאַרב. דער גרונטמאָטיוו איז געווען — אָרדענונג און געזעץ. פאַרענדיקט, אַרויסגעריסן פון די גרויסע צוזאַמענהאַנגען, לאָגיש.

אַזוי איז עס געווען די קלאַסישע קונסט אויף אַלע געביטן, אַזוי איז עס געווען די קלאַסישע געזעלשאַפט — אַזוי האָט געזען דאָס קלאַסישע אויג.

און אויב איר ווילט — אַזוי זעט דאָס געוויינלעכע אויג, דער פּשוטער מענטש, היינט אויך. ער דאַרף זיך ערשט אויסלערנען זען — ווי ער דאַרף זיך אויסלערנען גיין.

און אָט איז געקומען אַ גרופּע יונגע מענטשן — געקומען מאָנע, און האָט צום ערשטן מאָל געזאָגט צו די מענטשן פון זיין צייט: איר זאָגט אַ ליגן. אייער אויג איז אַ ליגנער. עס זעט נישט, וואָס עס זאָל זען — און דערציילט נישט, וואָס עס זעט. ווען אייער אויג זעט אַ זאַך — די פיגור פון אַ מענטשן, אָדער אַ בוים, אָדער דעם ים, אָדער דעם הימל — ווי אַזוי גיבן זיי זיך אים? טאַקע אין ליניעס? טאַקע אין פאַרטיקע פאָרמען? אָדער כאַאָטיש, אין פלעקן? ליכטיקער דאָס, וואָס פאַרכאַפּט מער דאָס אויג, טונקעלער דאָס, וואָס האָט ווייניקער ווערט פאַר אים. איר זעט דען אַ הויז, ווי עס איז, פון אַלע זייטן, אין דער גאַנצער מאַטעריעלער געדיכטקייט? איר זעט דאָך בלויז איין פלאַך — דערנאָך אַן אַנדערע. איר מוזט אַרומגיין אַרום אים, אַזוי צו זאָגן, באַטאַפּון אים פון אַלע זייטן, כדי צו באַקומען דעם פולשטענדיקן איינדרוק. און דערנאָך — דערנאָך ווען איר האָט דאָס שוין — וואָס טוט איר מיט אים? איר ברענגט אַרויף אויף דעם לייוונט איין פלאַך — און דאָס וועקט די אילוזיע פון דריי. דורך וואָס? דורך דעם שפּיל פון ליכט און שאָטן, דורך פאַרב און ליכט-טאָן. אָבער קאָנט איר דען זיין אָביעקטיוו? זייט איר פאָטאָגראַפן? איז אייער אַמביציע איבערצוגעבן די אַזויגערופענעווירקלעכקייט ווי זי איז — אויב זי איז בכלל דאָ — און אויב יאָ, וואָס איז דען קונסט? וואָס טוט איר דערביי?

קונסט איז, — האָבן זיי ווייטער געטענהט, — אַרויסגעפינען די „וואַלערס“, די װ ע ר ט ן פון די זאַכן. די ווערטן פון ליכט און טונקל, די פאַרטיקע ווערטן פון דער וועלט.

און ווי זיי האָבן געזען — אַזוי האָבן זיי געמאָלט: ווערטן.

די אַקאַדעמישע קונסטוועלט האָט זיך דערשראָקן. די ראַציאָנאַליסטישע, פלאַך-אָריענטירטע קריטיקער האָבן געליאַרעמט. נאָרדוי האָט געמאַכט חוזק, די אַקאַדעמיעס און די סאַלאָנען זענען געווען פאַרשלאָסן פאַר די נייע מאָלער.

דער צעבושעוועטער אינדיווידואַליזם, — האָבן געשריבן די קלאַסיקער. קינסטלעריש-אימפּאָטענטער אַנאַרכיזם, — האָבן געפילדערט די קריטיקער. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען — אַז דאָס איז נישט מער ווי דאָס אויג פון דער צייט, אַז דאָס איז דער וועג, וואָס די וועלט פון זאַכן האָט געבראָכן פאַר זיך — צו דעם מענטשלעכן באַוווסטזיין.

און אַ קורצער צייט שפּעטער — קוים אַ דור איז פאַרגאַנגען — און מאַנע און מאָנע און דעגאַ און פּיסאַראָ און וויסלער און אַלע איבעריקע אימפּרעסיאָניסטן זענען געוואָרן די קינסטלער, די אָנערקענטע מייסטער און לערער.

און דאָס איז אויך געווען די צייט — ווען קלעמאַנסאָ איז געוואָרן דער פירער און דער אויסטייטשער פון זיין צייט.

קינסטלערישער אינדיווידואַליזם — פּאָליטישער און סאָציאַלער אינדיווידואַליזם. דאָ און דאָרט — אויף דעם באַמאָלטן לייוונט, אָדער אויף דער רעדנער-טריבונע, אין פאַרב, אין שריפט און אין דער טאַט—אומעטום דער פרייער מענטש, אומעטום די וועלט אַלס ווערט,

ווערט הייסט אָבער — ווערט פאַר עמעצן, הייסט אין זיך, הייסט פאַרטיפונג.

און דאָס קאָן דער מענטש נישט אויסהאַלטן צו לאַנג. ער ווערט באַלד מיד פון פרייהייט, פון טיפקייט, פון זיך. ער וויל ווידער צו אויסערלעכקייט, צו פאַרטיקער פאָרם.

און דער אימפּרעסיאָניזם האָט באַלד פאַרלוירן זיין אינערלעכן מיין. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע ירושה — אַ נייע טעכניק, אָבער דאָס, וואָס האָט געבראַכט צו דער טעכניק, די שטימונג, די באַציונג, די איבערלעבונג — איז אויסגעוועפּט געוואָרן,

פון דעם אימפּרעסיאָניזם איז געוואָרן עקספּרעסיאָניזם, ד. ה. די קונסט, וואָס זוכט — בלויז פאָרם, נאָר אויסדרוק, וואָס איז מער פאַרשייכותט צו דער וועלט פון געשטאַלטן, ווי צו דער וועלט פון איבערלעבונג.

דער אימפּרעסיאָניזם האָט געוואָלט זען, דער עקספּרעסיאָניזם וויל זאָגן. און ער קערט זיך אום — מוז זיך פריער אומקערן — צו דער קלאַסישער פאָרם, ווו דער מענטש איז געווען פאַרטרונקען אין דער וועלט אַרום אים.

דער אידעאַל פון מאָנע: דער מענטש, וואָס שטייט ביי אַ זייט מיט „אויסגעשטעלטע אויגן", ווי אַ גרויסער מאָלער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, און זעט — דער אידעאַל פון קלעמאַנסאָ, דער פרייער, דער גייסטיקער מענטש, וואָס לייזט אויף די וועלט אין אירע עלע־מענטן און שטעלט זי ווידער צונויף — אַזוי ווי ער זעט זי, נאָך זיין אייגענעם אמת — דער אידעאַל פון אימפּרעסיאָניזם איז געשטאָרבן.

מאָנע איז טויט — און קלעמאַנסאָ האָט געוויינט.

דזשאָזעף קאָנראַד.

ווען יוזעף קאָזשעניאָווסקי איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט עס אים אַ צי געטאָן צום ים. ווי עס קומט צו אַ יונגן פּאָליאַק פון די אוקראַינער סטעפּעס אַזאַ לעכצן נאָך דעם ים, איז, אייגנטלעך, אַ רעטעניש. אפשר אַ טונקעלע ירושה פון אַלטע דורות, אָדער אפשר גלאַט אַ ייִנגלשע פאַנטאַזיע. יונגע מענטשן האָבן ליב דאָס, וואָס איז ווייט. וואָס ווייטער אַלץ ליבער. ווער פון אונדז האָט נישט אין זיין ערשטער יוגנט פאַרשיכּורט זיך מיט מאַין רידס וווּנדערלעכע אוואַנטיורעס אין דעם אויסטראַלישן „בוש", אָדער מיט גוסטאַוו עמאַרס דערציילונגען פון גענעראַל ראָזאַס און די אַרגענטינישע פּאַמפּאַסן, פון פענימער קופּערס אינדיאַנער-געשיכטן און — פון דעם ליבסטן פון אַלע, זשול ווערנס נפלאותדיקע מעשיות פון ווייטע לענדער, פון מערקווירדיקע דערפינדונגען, פון רייזעס אויפן און אונטערן וואַסער?

דעם יונגן יוזעף קאָזשעניאָווסקין איז עס געראָטן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין סביבה און איז אַוועק — צום ים. און פון ים — פון שיפן און רייזן — אַריין אין דער ליטעראַטור, אין דער גרויסער ענגלישער ליטעראַטור, און אַריין אַלס אַ מייסטער.

עס איז דאָך אַ חידושדיקע דערשיינונג. די ענגלענדער, אַ פאָלק, וואָס איז אויסגעוואַקסן, אויסגעכאָוועט געוואָרן אויפן ים, אַ פאָלק פון אמאָליקע פּיראַטן און הייַנטיקע ים-באַהערשער, דאָס פאָלק פון „רול דהי וועיוועס", די ענגלענדער, וואָס האָבן באַשאַפן אַ גרויסע ים-ליטעראַטור, זענען נתפּעל געוואָרן פון דעם פּוילישן שרייבער, וואָס האָט פאַר זיי „אַנטדעקט" דעם ים. יוזעף קאָזשעניאָווסקי איז געוואָרן דזשאָזעף קאָנראַד — און אונטער דעם נאָמען איז ער אַריין אין

דעם פאַנטעאָן פון דער ענגלישער ליטעראַטור. ער איז געוואָרן שוין ביים לעבן אַ „קלאַסיקער". ער איז איינער פון די, וואָס ווערן אַמײנסטן געלייענט. און דאָס אין אַ צייט, ווען ענגלאַנד האָט אַזעלכע מייסטער, ווי טאָמאַס האַרדי, ווי וואַלפּאָל, ווי גאַלסוואָרטי. עס איז שוין פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור איבער קאָנראַדן — און עס איז נאָך נישטאָ קיין זייער גרויסע ליטעראַטור איבער מערעדיט אָדער האַרדי.

איך האָב עס קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין. אַפילו זיינע גרעסטע און באַרימטסטע ביכער, ווי „לאָרד דזשים", אָדער „אַלמעדאיערס משוגעת", אָדער „טייפון", זענען נישט ערשטקלאַסיק, סענטימענטאַל. ווערטער, בערג פון ווערטער, כוואַליעס פון שיינע, אויסגעפוצטע ווערטער. און אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז גאָר קיין פּסיכאָלאָגיע נישט, נאָר אַ פאַנטאַזיע, אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס דערמאָנט אָן דאָסטאָיעווסקיס גריבלערייען, אָבער אָן דאָסטאָיעווסקיס געוואַלטיקן פאַרנעם.

ווייל מען זען, וואָס אַ קינסטלער איז, מוז מען אונטערזוכן נישט דאָס בעסטע, נאָר דווקא דאָס ערגסטע, דאָס שוואַכסטע. דאָרט, וו ער איז שוואַך, ווייזט זיך דער מייסטער, ווייל דאָרט איז די גרענעץ.

און איינע פון די שוואַכסטע זאַכן, וואָס קאָנראַד האָט אָנגעשריבן, איז „דער גאָלדענער פייל". אַ סענטימענטאַלע, ראָמאַנטישע געשיכטע פון אַ מערקווירדיקער פרוי, ריטאַ, אַ פרוי, וואָס איז אַ פאַרשווערערין, אַוואַנטורן־הונגעריק, שיין, רייך, קאַטויליש א. אז. וו. עס איז כמעט שונד, און דערביי מיט גרויסע פּרעטענזיעס אויף פּסיכאָלאָגיע. עס איז אפשר דאָס בעסטע בוך, כדי צו דערקענען קאָנראַדן. קיינער פון די גרויסע קינסטלער וואָלט נישט געווען אימשטאַנד אָנצושרייבן אַזאַ ראָמאַן. נישט טורגעניעוו און נישט פלאָבער און זיכער נישט טאָמאַס האַרדי. עס וואָלט זיי גאָרנישט געקומען אין זין אַזאַ סוזשעט. ווייל אַן אמתער קינסטלער שרייבט קיינמאָל נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער האָט תמיד פאַר זיך אַ „פּראָבלעם". עפּעס דריקט אים, עפּעס ווילט זיך אים זאָגן — און אפילו ווען ער געפינט נישט די פּאַסיקע פאָרם, אַפילו ווען ער פאַרבלאָנדזשעט, זעט מען דאָך די מאַטערניש, פאַרשטייט מען די כוונה. ביי דזשאָזעף קאָנראַד זעט מען נישט קיין שפּור פון אַ כוונה.

ער האָט בלויז געוואָלט דערציילן אַ ראָמאַנטישע מעשה. ער האָט געוואָלט בלויז אָנשרייבן אַ בוך.

און פון דער ערגסטן צו דעם בעסטן, פון זיינע פּאַראומגליקטע לאַנד-באַשרייבונגען צו זיינע גליקלעכסטע, גרעסטע ים-באַשרייבונגען, וואָס געפינען די ענגלענדער אין זיי? טשעכאָוו האָט אין איינער פון זיינע דערציילונגען אָפּגעשפּאָט פון אַזאַ ים-קונסט. מען פאַרגיט אַמאָל אין דער שולע אַ טעמע צו די קינדער — זיי זאָלן באַשרייבן דעם איינדרוק, וואָס דער ים מאַכט אויף זיי. איין קינד נאָך דעם אַנדערן צעגיסט זיך אין ליריק, און באַשרייבונגען: די כוואַליעס, די קאָלירן, די וואָלקנס, אָבער דעם ערשטן פּרייז קריגט אַ מיידעלע, וואָס האָט אָנגעשריבן בלויז צוויי שורות: „דער ים האָט אַ סך וואַסער".

דאָס איז דאָך דער איינציקער אמת. יעדער, וואָס איז געפאָרן אויפן ים, ווייסט עס. ס'איז אַ מאָנאָטאָנקייט און אַן איינפאַכקייט — וואָס לאָזט זיך גאָרנישט באַשרייבן, סיידן אין די פּשוטסטע ווערטער. און וואָס פּשוטער, קנאַפּער, אַלץ בעסער, ווייל אמתער.

געוויס, עס איז זייער גרינג צו באַשרייבן אויסטערלישע מענטשן, פרעמדע הימלען, טראָפּישע לענדער מיט זייערע שטראַלנדיקע בונטע קאָלירן, אָבער איז עס קונסט? מען דאַרף בלויז קויפן אַ פּאַליטרע מיט אַ סך פאַרבן און אַרויפלייגן איינע אויף דער צווייטער. עפּעס ווערט דערפון אַרויסקומען, בפרט נאָך ווען מען האָט אַן אויג פאַר פאַרבן. און דאָס האָט קאָנראַד אין אַ גרויסער מאָס. אָבער אויך נישט מער.

קאָנראַד איז אַ פּאָליאַק. און זיין גאַנץ שרייבן, זיין גאַנצער סטיל איז דורך און דורך פּויליש. די אייגענע סענטימענטאַליטעט און ראָמאַנטיק און כלומרשט-פּסיכאָלאָגיע, ווי ביי שענקעוויטשן, ווי ביי זשעראָמסקין, אָדער ביי וולאַדיסלאַוו ריימאָנטן. יעדעס מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אַ ים-בילד, האָט זיך מיר דערמאָנט ריימאָנטס באַשרייבונג פון דער ערד — אין זיין באַרימטן ראָמאַן „כלאָפּי" („די פּויערים"). די נאַטור ווערט דאָרטן נישט באַשריבן, נאָר באַזונגען, אויסגעפּוצט, פאַרגעטערט. די פּאָליאַקן, ווי די סלאַוון בכלל, שטייען נאָך נאָענט צו דעם נאַטור-קולט, צו דער אַלטער, פאָרקריסטלעכער וועלטאָנשויונג. אָדין און טהאָר און די אַמאָליקע געטער פון דער גערמאַנישער לעגענדע זענען שוין אַזוי

לאנג טויט, אז זיי האָבן שוין אפילו אויפגעהערט צו זיין מאָטיוון, פאַר די סלאַוון זענען „יאַרילאָ" און „לאַדאָ" נאָך אַלץ געטער. דערשטיקטע, אונטערערדישע, אָבער זיי לעבן נאָך.

וולאַדיסלאַוו ריימאָנט מאָלט נישט דעם וואלד — ער לייגט אַריין איז אים סודות און רמזים. ער שושקעט זיך מיט אים, ער פאַלט פאַר אים אויף די קני. ער האָט מורא פאַר אים, ער האָט מורא פאַר דער ערד. די סלאַוון שטייען נאָך, — ווי אוספענסקי האָט עס אַמאָל געזאָגט פון די רוסן, — אין דער מאַכט פון דער ערד. און פון אַלע סלאַוון, אפשר מער ווי אַלע — די פּאָליאַקן. עס איז אַ פאָלק פון אינסטינקטן און פון פרימיטיוויטעט. דערפאַר אויך זייער היסטאָריע, זייער סענטימענטאַליטעט, וואָס גייט אָפט איבער, ווי יעדע געפילס־היפּערטראָפיע, אין אכזריות.

אָט אזאַ ים־קולט האָט אַרײַנגעטראָגן קאָנראַד אין דער ענגלישער ליטעראַטור. און די ענגלענדער זענען געוואָרן איבערראַשט. זיי האָבן זיך אויף דעם נישט גערעכט. הונדערטער יאָרן פאָרן זיי איבער אַלע ימען — איבער דעם אטלאַנטיק און דעם פאַסיפיק, איבער דעם אינדישן אָקעאַן און דעם ווייסן ים — און זיי האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צום ים, אַז זיי באַמערקן אים שוין כמעט נישט. און ווען זיי זינגען איבער אים — ווי סווינבורן — זינגען זיי אויף זייער אייגענעם אופן, שטיל, בנעימותדיק, מתיקותדיק און מיט הומאָר. קאָנראַד האָט אַריינגעבראַכט דעם יום־טוב־טאָן. אַלצדינג איז ביי אים אַזוי קאָלירן־רייך, אַזוי אויסגעטאָקט און אָפּגעמאָלט. און זיין שפּראַך! זי איז „עקזאָטיש", זי האָט אַ פרעמדן קלאַנג. זי וויל זיין „אידיאָמאַטיש". ים־ענגליש, ענגליש, ווי די מאַטראָזן רעדן, אָבער זי ווערט מאָלעריש, פארביק, פרעמד, און אָט דאָס פרעמדע האָט אַזוי געווירקט אויף דער ענגלישער פאַנטאַזיע. דאָס פרעמדע און דאָס אַלטע. דאָס הייסט — וואָס איז גאָרנישט קינסטלעריש.

טשעסטערטאָן האָט אַמאָל געזאָגט אַ זייער קלוג וואָרט איבער רידיאַרד קיפּלינג. דאָס איז דאָך אויך איינער פון די שרייבער, וואָס זוכן איינדרוקן אין די ווייטע לענדער, וואָס אימפּאָנירן מיט באַשרייבונגען איבער אינדיע און אַפגאַניסטאַן און אַפריקע. קיפּלינג איז געווען אַ צייט לאַנג דער ליטעראַרישער אָפּגאָט פון ענגלאַנד. אָבער טשעסטערטאָן האָט דערפילט קיפּלינגס שוואַכקייט: „ער מאַכט די וועלט קליין". דיקענס, וואָס האָט קיינמאָל נישט ראָמאַנטיזירט קיין

אַנדער שטאַט, ווי לאָנדאָן, קיין אַנדער לאַנד, ווי ענגלאַנד — די־ קענס האָט געמאָלט די גרויסע און ווייטע וועלט. ער האָט דערווייִ־ טערט די גרענעצן. ער האָט געוויזן די פאַנטאַסטיק פון דעם טעג־ לעכן, פּראָזאַישן לעבן. קיפּלינג האָט די וועלט געמאַכט קליין, ווייל ער האָט געוויזן, אַז אין אַפגאַניסטען און אין בעלודזשיסטאַן און אין די „וועלדטס" פון דרום־אַפריקע איז דאָס לעבן פּונקט אַזוי קליין און ענג און באַשרענקט, ווי אין אַ קליין שטעטל אין עסעקס.

עס איז מיר באמת אַ וווּנדער, וואָס די ענגלישע קריטיק האָט דאָס נישט באַמערקט ביי קאָנראַדן, נישט דערפילט די געקינצלט־ קייט, די אומנאַטירלעכקייט און די — פלאַכקייט פון זיין „שיינקייט" און די אָרעמקייט פון זיין פּסיכאָלאָגיע. די ענגלענדער זענען סוף כל סוף אַ נאַיווע פאָלק. זיי האָבן אָפּשיי פאַר אַלצדינג, וואָס איז פרעמד. אַזוי לאַנג, ווי עס פאַרלייקנט נישט די פרעמדקייט, אָבער זענען גרייט אָנצונעמען אַלצדינג, אַבי עס פאַרשטעלט זיך, טוט זיך אָן די מאַסקע פון ענגלאַנד. פלאָבער איז זיכער נעענטער צום ענג־ לישן טעמפּעראַמענט, ווי קאָנראַד. אָבער פלאָבער האָט געשריבן אין פראַנצויזיש און איז א „פאָריינער". קאָנראַד איז געוואָרן אַן „ענג־ לענדער" און מען האָט אים אריינגענומען אין דעם פּאַנטעאָן.

עס איז נישט קיין ספק, אַז ווען קאָנראַד וואָלט געשריבן אין אַן אַנדער שפּראַך, וואָלט ער נישט געוואָרן איינער פון די גרעסטע שרייבער. נישט די רוסן און נישט די דייטשן וואָלטן נתפּעל גע־ וואָרן פון אים. און די פּאָליאַקן אויך נישט. מען קען דאָרט די אייגענע קונץ — און מען ווייסט, אַז זי איז ווייט פון קונסט. אָבער קאָנראַד האָט געהאַט דאָס גליק זיך צו אַסימילירן מיט ענגלאַנד, נאָכמער, עס האָט געחנפעט ענגלאַנד. ער האָט זיך אַזוי גוט פאַר־ שטעלט, אַז דער נאַיווער און אומקריטישער לעזער האָט כמעט נישט באַמערקט, אַז דאָס איז א פרעמדער, פּונקט ווי אדאַלבערט שאַמיסאָ, דער פראַנצויזישער עמיגראַנט, וואָס האָט זיך אַזוי קונציק פאַרשטעלט פאַר אַ דייטש, אַז ער איז געוואָרן אַ דייטשער נאַציאָנאַל־פּאָעט. און מערקווירדיק — היינריך היינע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד, אַ קינד פון דייטשע תושבים, איז נאָך עד היום נישט אָנער־ קענט פון דעם דייטשן פאָלק אַלס זיין נאַציאָנאַל־פּאָעט. עס ווייזט

אויס, אַז דער שווערסטער מאַטעריאַל פאַר אַסימילאַציע איז פּאָרט — דער ייד.

וואָלט קאָנראַד געווען נישט קיין פּאָדאָלישער פּאָליאַק, נאָר אַ פּוילישער ייד — און זשול ווערן האָט באַוויזן, אַז אַ פּוילישער ייד קאָן אויך ווערן אַ ים־שרייבער — וואָלט די אַנגליזאַציע געווען פיל שווערער. מער אינדיווידואַליטעט, אַ שטאַרקערע פּערזענלעכקייט, אַן אייגן „איך", וואָס לאָזט זיך נישט אָפּמעקן און פאַרדעקן אפילו פון אַ גאַנצן פאַרבנקאַסטן. אָבער קאָנראַדן איז עס געראָטן, טאַקע דערפאַר, וואָס אין זיין קונסט איז דאָ אַזוי ווייניק פּערזענלעכקייט, ווייל זי איז אַזוי צעשוומען, אַזוי זיס־נאַיוו־סענטימענטאַל. עס איז קיין קונסט נישט — אָבער אַ דערפאָלג איז עס. נאָך אַ פּאָר יאָר און די ענגלישע ליטעראַרישע וועלט וועט נישט קאָנען מער פאַרטראָגן דעם פאַרצוקערטן קאָנראַדישן ים־קאָמפּאָט; אָבער דערווייל איז ער נאָך אַ „קלאַסיקער", דערווייל טומלט זיך מיט אים אויף ביידע זייטן פון דעם אַטלאַנטיק — און די קריטיקער שפּרינגען קדוש, אָדער — שמייכלען און שווייגן. קריטיקער זענען דאָך — צום רוב — אויף דער זייט פון דערפאָלג. בפּרט אין דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט. קריטיק, די אמתע גרויסע קריטיק, די קריטיק פון אַ סענט־בעוו, און בכלל פון די פראַנצויזן — קאָן אויסוואַקסן נאָר דאָרט, ווו מען נעמט קונסט ערנסט, ווו קונסט איז הייליק. ביי די אַנגלאָזאַקסן איז קונסט נאָך אַלץ אַ שפּיל, אַ צייט־פאַרטרייב און אַ מותרות. עס איז אפילו נאָך נישט קיין „פּודינג" — עס איז „אייז־קרעם". און ווער גייט עס קריטיקירן אייז־קרעם?